STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10630

LITERARISHE ZAMLUNGEN

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליטעראַרישע זאַמלונגען

II

רעדאַקטירט:

מ. גיצים

מאַטעס דייטש

שיקאַגאָ

"LITERARISHE ZAMLUNGEN"
COPYRIGHT, 1944 BY
M. GHITZIS
3705 FLOURNOY
CHICAGO 24, ILL.

Printed in U. S. A.

INTERNATIONAL PRINTING COMPANY
910 WEST VAN BUREN ST.
CHICAGO 7, ILLINOIS
584

לייב ניידוס
(1890—1918)

לייב ניידוס

לידער

מיין רעגנבויגן

(טריאָלעטן)

עס ציטערט אין מיין האַרץ אַ רעגנבויגן
פון טרוימען־גלאַנץ און פון לעגענדן־פראַכט;
פון גאָטעס הויך, פון גאָטעס בליק באַוואַכט
שטיל ציטערט אין מיין האַרץ דער רעגנבויגן...
ער איז פאַרהוילט פאַר קאַלטע מענטשן־אויגן —
ער האָט פאַר זיי זיין זוניק אויג פאַרמאַכט.
עס ציטערט אין מיין האַרץ אַ רעגנבויגן
פון טרוימען־גלאַנץ און פון לעגענדן־פראַכט.

ער מאָלט מיר אָפט באַשטראַלטע וואונדער־בילדער,
מיט שיין געקרוינט, מיט כישוף רייך באַגילט,
אין אָפּשיינען אין מיסטישע געהילט.
אָפט מאָלט ער מיר באַשטראַלטע וואונדער־בילדער...
דאַן קלאַפּט מיין האַרץ נאָך רוישיקער און ווילדער
מיט גליקן און מיט שרעק צוגלייך ער פילט.
ער מאָלט מיר אָפט באַשטראַלטע וואונדער־בילדער,
מיט שיין געקרוינט, מיט כישוף רייך באַגילט...

באַ דער בלויער שויב

דו שפּילסט באַם פענסטער. ס׳טונקלט. ס׳בלייכן נאַטן.
און באַ די זייטן — צוויי פּרווינטע ליכט.
אַ העלפט אין שיין, אַ העלפט אין לייכטן שאָטן,
באַוועגט זיך קוים דיין מיידלשעס געזיכט.

אַ וואַלד־בלום, ווי אַ קינד אין שויס פון מאַמען,
באַהאַלט זיך אויף דיין בלוזע אין אַ פאַלד,
און הייבט זיך אַפּטמאָל מיט דיין ברוסט צוזאַמען,
אַזוי ווי זי וואָלט רייסן זיך צום וואַלד.

דיין ווייסע האַנט, די בויגיקע און גלאַטע,
שוועבט־אום און פלאַטערט ווי אַ יונגע טויב;
עס ציטערט די „לבנהקע סאָנאַטע“,
און ווערט פאַרשטאַרבן באַ דער בלויער שויב.

און די לבנה מיט אַ בליק אַ שטילן
נייגט־אָן זיך דורכן פענסטער צום קלאַוויר,
און הערט, און הערט, — אַזוי ווי זי וואָלט פילן,
אַז אין דעם טונקל זינגט מען עס פון איר...

CHANSON TRISTE

ס׳האָט געשימערט דאָן דער גאָרטן אַזוי העל, אַזוי העל,
און געבלאַנקט האָבן די שנייען ווי דיין זעל, ווי דיין זעל...
האָסט זיך אומגעקערט דאָן ברוגז און אַוועק, און אַוועק
אין דער ווייסער ווינטער־ווייטקייט ווי אַ פלעק, ווי אַ פלעק;
כ׳האָב געהאָרכט ווי ס׳קלינגען אָפּעט דיינע טריט, דיינע טריט,
און געפילט האָב איך: מיין זעלע גייט דיר מיט, גייט דיר מיט . . .
כ׳בין פאַרבליבן אין דעם גאָרטן דאָן אליין, דאָן אליין,
וו אין שטראַלן נאָך געבלאַנדזשעט האָט דיין חן, האָט דיין חן;
און געקריצט האָב איך דיין נאָמען אויפן שניי, אויפן שניי,
מיט אַ צווייג געקריצט דיין נאָמען פול מיט וויי, פול מיט וויי . . .
ווי דיין בליק, געקוקט פון שניי האָט יעדער אות, יעדער אות,
און געוועקט באַ מיר אין האַרצן אַ פאַרדראָס, אַ פאַרדראָס,
און גערירט מיט כשוף־פינגער אַ פאַרלאַנג, אַ פאַרלאַנג,
און געוועזן איז מיר דעמאָלס אַזוי באַנג, אַזוי באַנג . . .
שטום געקוקט פון בוים־געפלעכטן האָט די נאַכט, האָט די נאַכט,

און געוווּנדערט זיך אין שטילקייט און געטראַכט, און געטראַכט:
"וואָס דאָרט מאָלט דער שוואַרצער שאָטן אויפן שניי, אויפן שניי?" . . .
"צי פאַרזיגלט ער זיין שמחה, צי זיין ווײ, צי זיין ווײ?" . . .
און דער שניי האָט צאַרט געשטראַלט ווי ווײסער זייד, ווײסער זייד,
ווי די ברוסט פון מיין געליבטער, וואָס איז ווייט, וואָס איז ווייט . . .

אויף דער שוועל

ווי טריב עס ברענט דער דינער אַמעטיסט
אין גינגאָלד פון דיין שמאָלן מיידל־רינג.
אַלץ אָפטער צאַפּלען אויפּעט דיינע בריסט,
אַלץ הייסער ווערט דיין אָטעם, וואָס איך טרינק.

פאַרשעמטער מאַכט זיך צו באַם קוש דיין אויג,
הכנעהדיקער ציטערן די קני;
און ליכטיק זינגט דיין יעדער קערפּער־בויג:
"ס'קומט מיטנטאָג. אַוועק דער אינדערפרי".

ס'צעבליט דיין גוף אין פאָרגעפיל פון חטא,
ווען פאַרן שלאָף דיין האַנט די האָר צעפלעכט;
פון זינד־באַגער ווערט הייס דיין מיידל־בעט
און לענגער ברענט דאָס ליכט אין דיינע נעכט.

ס'גייט לאַנגזאַם אויס דיין פיאָלעטער סוד.
ס'ווערט אויסגעהויכט דיין שטילער פיילכן־טרוים.
געשלאָסן ווערט דאָס פריערדיקע ראָד.
אַ נייעס וועט דיר עפענען זיין רוים.

און עמעץ וועט דיך אָנצינדן: "איך צווינג!
ביסט מיינע — שוויַיג! צי ווייסטו ווער איך בין?" — — —
און זינדיק וועט צעשטראַלן אויף דיין רינג
אַ בלוטיקער, אַ שלאָפלאָזער רובין.

דער טויט פון בלומען

אין שמאָלענקע, אין גלעזערנע באָקאָלן,
ווי ווייסע כרובים, שטאַרבן כריזאַנטעמען.
און הער איך ווי די צאַרטע בלעטער פאַלן,
דאַן דאַכט, ווי כ'וואָלט דעם שאָרך פון טויט פאַרנעמען.

אַ יונגער טרויער פּילט זיך אין דער לופטן,
אין שאָטנס לעשט זיך ערגעץ אַ נחמה;
און ס'ציטערט נאָך אַ קנויל פון לעצטע דופטן,
אַזוי ווי אַ פארוואָגלטע נשמה.

אַ שטראַל אַ הייסער קלאַפּט זיך אין די שויבן:
אַ ליכט פּאָר בלומען שטאַרבנדע צוקאַפּנס;
און ס'דאַכט: זיי בעטן אים, ער זאָל דערלויבן
וואָס לענגער טרינקען זיינע גאָלדנטראָפּנס. . .

דער טאָג דער בלויער קאַרגט נישט זיינע שטראַלן,
דאָך שווער איז אים דעם בלומען־ווי פאַרנעמען.
בא שמאַלענקע, בא גלעזערנע באַקאַלן
באַוואַכט דער טויט די ווייסע כריזאַנטעמען.

די גיטאַנע

פאַרלעשט די נאַכט אין אומגעדולד אין פרעכער
דעם אָונטס בלויען, ציטריקן געבעט,
דאַן שלייך איך מיך אַדורך, ווי אַ פאַרברעכער,
צום רופנדיקן ווייטן קאַבאַרעט.

איך זעץ מיך בא אַ טישל אין אַ ווינקל,
און כ'וואַרט דאָרט, — פון עלעקטרי־שיין באַשטראַלט —
ביז ס'טוט אויף דער עסטראַדע העל אַ פינקל
דער טענצערינס עלאַסטישע געשטאַלט.

אַך, גאָט — איר לייב! כ'גלי־אויף, ווען איך דערזע דאָס
אין בראָנזענעם, אין טונקל־גאָלדנעם בלאַנק!
ווי אַ באַגולדטער שטייפער שווערט טאָלעדאָס —
איז עס געפּערלעך, בייגעוודיק און שלאַנק! . . .

די שפּעטע נאַכט־שעה אין מיין כוס שאַמפּאַניער
צינדט רייכער אָן דעם רייץ פון ברוסט און פוס,
וואָס אָטעמען מיט דרייסטן שטאָלץ פון שפּאַניער,
מיט פיבערדיקן ווייטיק פון גענוס. . .

פון יעדן טראָט, דעם זוניקן און קלאָרן,
פון יעדן בייג, דערפילט מיט ליבע־קראַמף, —

בליצט־אָפּ די ווילדע פּראַכט פון מאַטאַדאָרן,
בשעת אין צירקוס הילכט דער אָקסן־קאַמף. . .

איר יעדער אָרעם־פּאַך, אַ קער אַ יעדער
טראָגט־אָן אין לופט אַ פאַליענדיקן ווינט
פון באַרסעלאָנאַס פאַמעראַנצן־סעדער,
ווו אין דעם טונקל רייפן פרוכט און זינד. . .

אַ, שווער איז פון איר שיינקייט זיך צו רעטן,
ווען, צווישן פינגער, צאַפּלען־אויף בא איר
די תאווהדיקע, דראָבנע קאַסטאַניעטן,
צעשיטנדיק אַ פייער־שטויב אין מיר. . .

אין ווינקל זיפצט פון מידקייט שוין די פּיאַנע,
און סקלאָגט זיך שוואַך די פידל און די פליט —
נישט מיד איז נאָר די בייגיקע גיטאַנע,
און דרייט איר טאַנץ, פון ליידנשאַפט באַגלייט. . .

דו האָסט געשפּילט

דו האָסט געשפּילט. . . די פידל האָט געזונגען
פאַרחלומט־צאַרט, ווי צאַרט דו ביסט אליין;
אַ הארציקער, א מידער טרויער־חן
האָט אין די טענער ציטערדיק געקלונגען. . .

כ׳כאָב יענעם אָוונט נישט געקענט פאַרשטיין,
וואָס האָט אַזוי מיין יונגעס האַרץ באַצוואונגען;
איך האָב די טרערן אומרואיק געשלונגען:
עס האָט מיין האַלדז געשטיקט אַ שטיל געוויין. . .

ווי נאָענט בין איך דאַן צו דיר געוועזן!
איך האָב אין דיינע אויגן דאַן געלעזן
דעם זעלבן וויי, וואָס האָט אין מיר געגליט. . .

און ווען מען האָט באַדאַנקט דיך מיט געשרייען,
בין איך געזעסן שטום מיט מיינע ווייען,
נאָר טיף אין האַרץ האָב איך פאַר דיר געקניט. . .

באַם זונענפאַרגאַנג

וועט נאָך קומען דער אָונט, וועל איך גיין צו די שטאַמען,
וועל איך גיין צו די שטאַמען פון די איינזאַמע פיכטן:
כוועל מיך לייגן אַ שטילער מיט די שאָטנס צוזאַמען,
מיט די שאָטנס צוזאַמען אויך דעם מאָך דעם געדיכטן. . .

און אויף לופטיקע פליגל וועט דאָס ווינטעלע קומען,
וועט דאָס ווינטעלע קומען פון דערוויטן צו שוועבן,
און וועט שטיל מיר דערציילן, וויפיל גראָזן און בלומען
וויפיל גראָזן און בלומען האָט ער קושן געגעבן. . .

און אַן אָפּשיין אַ ראָזער, מיט דעם ווינטל געאַרעמט,
מיט דעם ווינטעל געאַרעמט וועט אויף ברעמען מיר פאַלן,
און וועט שטיל מיר פּרטרויען, ווי געגלעט און געוואַרמט
ווי געגלעט און געוואַרעמט האָט ער לאָנקעס און קוואַלן. . .

איבער מיר וועלן צאַנקען, ווי פארכישופטע מנורות
ווי פארכישופטע מנורות דינע שפּיצן פון פיכטן,
און פארשלעפערן ליבלעך וועט א דופטיקער קטורת
וועט א דופטיקער קטורת פון דעם טוי דעם געדיכטן. . .

אָ ו ו נ ט ־ ע ט י ו ד

I.

עס שמעקט אין פעלד מיט אָוונט־בשמים.
די זון צינדט אָן צום לעצטן מאָל
די ווייט־געשטרעקטע קלויסטער־צלמים,
וואָס קוקן, גאָלדענע, פון טאָל.

אין מערב שטאַרבן די רובינען,
דער אָוונט בלייבט דער וועלט געטריי,
און מידער פלאַטערן די בינען,
און לאַנגזאַם שטארבט די זשומעריי.

דער ליליע־שאָטן ווערט געדיכטער,
אַ טויען־רויכל שטייגט אַ דינס,

און אָט צעשטראַלט, אָן אומגעריכטער,
דער ערשטער בלויער פונק אין גרינס.

פון ערגעץ היימיש־נאָנטע שטעגן,
געמישט מיט אָפּקלאַנגען פון טריט,
קומט אָן אַ שטילעס ליד אַנטקעגן —
דאָס גייען פויערטעס פון שניט.

דאָס ליד גייט אויס. די לופט ווערט ריינער.
כ׳ליג צו מיין אויער צו דער ערד:
ס׳איז שטיל, נאָר איבער זאַמד און שטיינער
מוז ערגעץ טראָגן זיך אַ פערד.

פאַרשפּעטיקט איילט געוויס א רייטער,
און וועקט פון שלאָף דעם שטויב אין וועג,
און ס׳דאַכט, אַז עמעצער אַ ווייטער
יאָגט נאָך דעם טאָג, וואָס איז אַוועק.

II.

דער קוקוק ענדיקט שוין אין וואַלד
די לעצטע זונען־אָטעמס ציילן,
עס וועט דער דונקל קומען באַלד
פון זיינע אומבאַקאַנטע היילן. . .

פון ערגעץ וויט, פון מערב־זייט,
דערשווימט אויף כוואַליעס פון די זאַנגען
דער חלום פון דער אָוונט־צייט
מיט זיינע לאַנגזאַמע געזאַנגען. . .

די ווערבעס שוויגן, גרין־געלאָקט,
ווי שווערע טונקעלע געשטאַלטן;
זיי האָבן עפּעס נישט דערזאָגט,
און ערגעץ טיף דעם סוף באַהאַלטן. . .

די וויטקייט ווייעט מיט שטילן רייץ,
און אויף איר פאָן דעם ראָז־באַפלעקטן,
טרעט בולטער אַרויס דער קרייץ,
וואָס היט איר סוד דעם נישט אַנטפּלעקטן.

די ערד איז מיד. אַ פרויען־צער
ציט ערגעץ לידער מאָנאָטאָנע;
און הייליק־יאושדיק און שטאַר
גייט־אויף די איינזאַמע לבנה. . .

שטאָטישע אַקטאַוון

כ'האָב ליב אַרומגיין אין די אָוונט־גאַסן,
ווען ס'קומט מיין שאָטן, ווי אַ שוואַרצער שקלאַף,
באַגלייטן מיך געטריי אין שיין אין בלאַסן,
און ס'מאַכט זיך צו פון טאָג דער לעצטער דף;
ווען, אָנגעצויגן שטייף אין לאַנגע פאַסן,
זינגט בולטער די דראָט פון טעלעגראַף;
ס'שטאַרבט אָפּ דער רויש ווי ווייטע קלעפּ פון פויק,
און ס'לייכט שוין דער עלעקטריט־ווייסער קויק.

דאָן ליב איך אין דעם מענטשן־שטראָם צו טרעפן
די פאַרביקייט פון פרויען אַלערליי;
אַ גאַנג אַ שטאָלץ־פּרליבטן פון אַ גרעפין,
אַן אַרבעטערין מיט איר איינזאַם־וויי,
אַ גאַס־פרוי מיט איר ביוסט דעם פרעך־רעליעפן
און הייזעריקן שיכורן געשריי,
אַ שילערין אין קורצן קלייד און שירץ,
און מיט אַ באַנד אַ צעפּל אַ באַצירטס.

כ'באַגעגן אויגן, שוואַרצע ווי אַגאַטן,
איך זע אין זיי דעם שפּור פון אַלטע זינד,
און קינפטיקע פאַרברעכערישע טאַטן,
וואָס צייטיקן נאָך דאָרט לעת־עתה בלינד;
און אויגן זע איך — הייליקע קאַנטאַטן,
ווי פּיילכן — רירנד, דופטיק — ווי אַ קינד...
אין קוואַלן אַלערליי מיין בליק זיך באָדט,
און שטויסט זיך אָן אַן טייוול און אַן גאָט...

דאָן האָט מיין בליק אויך ליב זיך צו באַקענען
מיט קליידער פון פאַרשידן פאַרב און שטאָף;
דאָ — רייך־קאַפּריז, און צירונג־שטיינער ברענען,
דאָרט — איינפאַך און נאַיוו, ווי קינדער־שלאָף;
דאָ — עלעגאַנט, ווי לידער פון ווערלענען,
און דאָרט — ווולגאַר, געשמאַקלאָז אָן אַ סוף;
אין שאָטן־שפּיל גייט דורכ'עט קאָפּ נאָך קאָפּ
אַ לעבעדיק, אַ העל קאַליידאָסקאָפּ...

און ס'שווייגן שטיל די טונקל־גרינע סקווערן —
די שטיפקינדער די בלייכע פון נאַטור;

זיי פלעכטן שטום די שאָטנס און פאַרמערן,
באַשיצנדיק מיט זיי דעם גאָט אָמור. . .
זיי האָבן ליב — ווי איך — מיט בייגיר הערן
פון שטאָט־קולות דעם הילכיק־לאַנגן שנור. . .
און נאָר פאַר זיי און נאָר פאַר מיר צינדט אָן
זיין סוד זיין דרייפאַכן דער אָריאָן. . .

אין שטאָט פון זכרונות

ווי שווער איז צו לעבן אין שטאָט פון זכרונות,
ווי יעטוועדעס ווינקל שטראַלט אויף אין דיין ברוסט
אַזוי ווי א הייליקעס פלעמל אַ ריינעס,
פון וועלכן דאָס האַרץ האָט נאָך קיינמאָל געוווסט. . .

מיר דאַכט זיך, אַז ערגעץ־וואו ציטערט אין לופטן
די ערשטע, די טייערע, הייליקע טרער,
דערציילנדיק מיר פון פאַרשוואומענע דופטן
דערציילנדיק מיר פון אַ וויטן באַגער.

אין שטויביקע גאַסן, אין גרינענדע סקווערן,
וואוהין איך זאָל ווענדן זיך — אומעטום זי !
אַך, וואָלטן די מענטשן די קאַלטע נישט שטערן,
דאַן וואָלט איך געפאַלן אין גאַס אויף די קני. . .

דאַן וואָלט איך זיך צוטוליען האַרט צו די שטיינער,
און איך וואָלט דערהערן אַ וויטן געררוס,
אַן אָפקלאַנג אַזוי ווי אַ ליד פון מיין שיינער —
די ריטמישע טריט פון איר מיידלשן פוס. . .

אַך, וואָלטן נישט שטערן די קליינלעכע מענטשן,
דאַן וואָלט איך די אָרעמס אין לופטן געשטרעקט
און וואָלט מיט מיין תפילה מיין איינזאמער בענטשן
די שטאָט, ווו עס האָט זיך מיין גליק מיר אַנטדעקט.

נאָר ס'ליאַרעמט אַ לעבן אַ הילכיק־געמיינעס,
איך וויל עס נישט הערן, דאָך שרייט עס: "דו מוזסט". . .
און שווערער ווערט לעבן אין שטאָט פון זכרונות,
ווו יעטוועדעס ווינקל שטראַלט אויף אין דיין ברוסט. . .

מיין באָבעשי

I.

איך קום צו דיר, טייערע באָבעשי, ווידער,
איך קום צו דיר ווידער פון רוישיקע שטעט ;
אָ זע — אַ פאַרמאַטערטער פאַל איך אַנידער
צו דיר אויפן שויס מיט מיין שטילן געבעט.

איך קום פון דעם לאַנד, ווו דער מלך איז אייזן,
ווו ברוגזדיק קלינגען די מענטשלעכע טריט,
ווו ס'ווערן די קינדער געבוירן שוין גרייזן,
און שטאַרבן נאָך איידער זיי האָבן געבליט. . .

און דאָ. . . אַך, מיין טייערע, טייערע באָבע !
ווי ליב איז דאָ אַלץ, און ווי נאָנט און ווי גוט. . .
וועסט עפענען באַלד דיינע ספרים די גראָבע,
און וועסט מיר א מעשה דערציילן באַרוט.

און שטיל וועט דעם ניגון פון מעשה באַגלייטן
דער שאָטן פון עבר, וואָס וועט מיר צוריק
באַקרוינען מיין האַרץ מיט די שטראַליקע קוויטן
פון קינדישער תמימות, פון קינדישן גליק.

איך קום צו דיר, טייערע באָבעשי, ווידער,
איך קום צו דיר ווידער פון זינדיקע שטעט,
אָ זע — אַ פאַרמאַטערטער קני איך אַנידער
פאַר דיר מיט מיין הרציקן, שטילן געבעט ! . . .

II.

פרנאַכט, וועט ס'צעגיסט זיך דער ראָזיקער שימער
און ס'קומען פון ערגעץ־ווו שאָטנס צו שוועבן, —
פאַרלאָזט דאַן מיין באָבע איר איינזאַמען צימער,
און גייט אין דעם גאָרטן, וואָס מורמלט דערנעבן.

זי זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַנק אויף א ברייטער.
וואָס טוליעט זיך שטיל צו א בוים צו אַן אַלטן,
געשלענגלטע, מאַטאָווע שאָטנס פאַרשפּרייט ער,
וואָס שלייכן זיך דורכעט ווי נעפּל־געשטאַלטן.

זי עפנט דעם סידור דעם גראָבן, ווו ס׳ליגן
די געלבלעכע טרערן־סמנים באַהאַלטן ;
רחמנותדיק ציטערט איר ווייבערשער ניגון,
וואָס גיסט זיך פונאַנדער אין גאָרטן אין אַלטן.

און צערטלעך ווי זיידנס, און לייכט ווי א דרימל,
דערהייבט זיך אַ רויך פון פאַרנאַכטיקע טויען ;
מיט אים שטייגט דער באָבעשיס ניגון צום הימל,
און אײלט זיך זיין בענקשאַפט פאַר גאָט צו פרטרויען.

עס לעשן זיך לאַנגזאַם אין מערב די פלאַמען,
עס ווערן אַנטשוויגן די פייגלשע לידער ;
די באָבע שלאָפט אַיין מיט דעם גאָרטן צוזאַמען,
און שטיל אויף די קני בלייבט דער אָפענער סידור.

III.

אין גאָרטן, אין שאָטן פון גרינע ערבות,

פלעג איך בא די פיס פון מיין באָבעשי ליגן,
און זי, אַ פאַרטיפטע אין אירע מחשבות,
פלעגט מעשיות דערציילן מיר שטיל מיט א ניגון.

פלעגט מעשיות דערציילן פון "מנורת המאור",
פון אַלטן פרחלומטן ספר פון דיקן,
איר בליק האָט געברענט מיט אַ האַרציקן טרויער,
וואָס פלעגט זיך פאַרטוישן אין העלן אַנטציקן. . .

און פלאַטערן פלעגן דערנעבן ווי טויבן
די שאָטנס פון הייליקע, גרויסע צדיקים. . .
אָ, זוניקער חלום ! אָ, קינדישער גלויבן !
ס׳וועט קיינער, שוין קיינער נישט ברענגען צוריק אים ! . . .

און פונקט ווי אַ טייערע פאַרמעט־מגילה
צעוויקלען זיך איצטער די בילדער די אַלטע,
און ס׳ציטערט אין ברוסט אַ פאַרגעסענע תפלה,
וואָס אָטעמט מיט בשמים פון בלומען צעשטראַלטע. . .

IV.

פון פעלדער־וויטקייט קומט די מלכה שבת.
אָט צינדט זיך שוין אַ שטערן אונגעריכט.

עס זינגען שירה ערגעץ נאַנט די זשאַבעס.
די באָבע האָט שוין אָפּגעבענטשט די ליכט.

זי זיצט אַצינד פאַרחלומט אויף דעם גאַנעק
פון אונדזער אַלטן, שאַטנדיקן הויז.
דער אָוונט שמעקט מיט בעז און מיט רומיאַנעק.
ס׳איז שטיל אַרום. מען הערט: דער טאָג גייט אויס.

דאָס אויסטערלישע שבת־קלייד באַפּליטערט
מיט פּאַטשערקעס מיט שוואַרצע, דראָבנע־פלאַך;
אַ שנור פון אַלטע פּערל ציטערט, ציטערט,
אין לעצטן שטראַל, וואָס שטייט נאָך אויף זיין וואַך.

די מאַטע אויגן קוקן טריב־פאַרלאָשן,
די צירונג אָבער שיינט נאָך יונג צו זיין;
ווי ס׳וואָלט אַריבער צו די אַלטע בראָשן
דער באָבעס לאַנג־פּרוועלקטער אויגן־שיין.

און ס׳קוקט די באָבע מיט איר בליק איר שטומען
צום זאַמדיקן, צום רינגלענדיקן וועג. . .
צי איז מיט אים דער אָוונט אָנגעקומען?
צי איז מיט אים דער לעבנס־סוד אַוועק?

עס שימערן, ווי ליכטער גרייט צום בענטשן,
די שטערן. ס׳איז דער הימל בלוי און קיל
און ס׳דאַכט — באַם גאַנעקס הילצערנע פּאַרענטשן
דעם שבתס שאָטן דאַוונט אין דער שטיל.

ה אַ ר ב ס ט

טריאָלעטן.

ביזט, ווי מיין בענקשאַפט, שיין געווען,
און ווייבלעך־טרויעריק, ווי ליטע;
ביי בוימער גאָלדענע, פאַרבליטע
ביזט, ווי מיין בענקשאַפט, שיין געווען. . .

דער ווינט געזונגען ווען־ניט־ווען
האָט שטיל זיין האַרבסטיקע סיואיטע. . .
ביזט, ווי מיין בענקשאַפט שיין געווען,
און ווייבלעך־טרויעריק ווי ליטע. . .

אין יעדן פאַלד פון דיין מאַנטאָ
געוויינט האָט האָפנונגסלאָז דער נ ע כ ט ן,
באַוויינט זיין חלום זיין פאַרשוועכטן
אין יעדן פאַלד פון דיין מאַנטאָ...

און שרעקלעך — ווי דאָס וואָרט 'ניטאָ' —
האָט זיך מיין ווייִ געבומען פלעכטן...
אין יעדן פאַלד פון דיין מאַנטאָ
געוויינט האָט האָפנונגסלאָז דער נעכטן...

SERENADE MELANCOLIQUQE

ס'ווערן טונקעלער די בלעטער,
פיאַלעטער ווערט דער עטער,
כ'הער די שטילע טריט פון גליק...
קלאַנגען ציטערדיקע שטייגן —
עמיץ שפילט עס אין די צווייגן
Serenade Melancolique...

הער, ווי שטיל די טענער קלינגען!
ווי דעם שפילער וואָלט געלונגען
צו דערגיין דעם שטילקייטס־סוד...
שאַ, אַלץ שטילער ווערט דער שפילער,
און לבנהדיקער קילער
ווערט דער איינגעוויגטער סוד...

ווי די נאַכטיקע נאַרציסן
לאָמיר איצט די ליפּן שליסן
און דערציען די מוזיק...
מיט אַ ציטער מיט אַ גרינגן
לאָמיר טרויעריק דערזינגען
Serenade Melancolique...

ד ע ר נ אָ ך

(סאָנעט)

עס שלאָפן־איין אין בלוט די אָרכידעען,
די תאווהדיקע, פלאַמעדיקע קוויטן;
מיר קוקן וואַכיק איינער אויפן צווייטן —
די לעצטע רעשטן ליידנשאַפט פאַרגייען...

אַ גלייכגילטיקער ליג איך, און איך לייען
באַ דיר אין אויג אַ קעלט, וואָס נעמט זיך ברייטן,
וואָס וועט זיך באַלד אין גאַנצן גוף צעשפּרייטן,
פאַרמעקנדיק די שעה פון זיסע ווייען. . .

ס'גייט־אויס די ווילדע דורשט פון מיינע ציינער,
וואָס האָבן אויף דיין פּרויען־ברוסט דער ריינער
צום אָנדענקן אַ ביסן־שפּור געלאָזן;

און דיינע האָר — ווי אונדזערע שוואַרצאַפּלען —
זיי לויכטן קאַלט, און קענען מער נישט צאַפּלען
ווי פריער אויף דיין שולטער אויף דיין ראָזן. . .

אַ חלום

איך האָב געזען אין שלאָף, אַ לאַנגזאַמע לויה,
וואָס האָט זיך שטיל באַוועגט אין שאָטן פון פאַרנאַכט;
און דיך האָב איך געזען, מיין איינציקע, מיין טרייע —
דו ביסט געגאַנגען שטום אין טרויעריקער פּראַכט...

דיין בליק האָט זיך געטוקט אין שוואַרצן טול פון מיטה,
און קיינער האָט געזען אין לאַנגער קייט פון קעפּ,
ווי ס'פּאַלט דיין טרער אַראָפּ, אַ צווייטע און אַ דריטע,
און זאַפּט זיך איין אין נעץ פון דיין געדיכטן קרעפּ...

ס'האָט וואו־נישט־וואו געצאַנקט אַן איינזאַמער לאַמטערן,
און האָט אַ בלאַסן שיין אין אָוונט לופט געזיפּט,
און טרויעריק געקוקט פון הימל האָבן שטערן,
ווי אויגן, וועלכע זענען אין דעם טויט פאַרליבט...

געעפנט האָט זיך וואו אַ פענסטער אין א מויער,
אַ קאָפּ האָט זיך באַוויזן איילנדיק און גיך.
"ווער האָט די וועלט פאַרלאָזט" האָט ער געפרעגט אין טרויער,
און עמעץ, פול מיט לייד, האָט אָנגערופן מיך...

* *
*

מאַטעס דייטש

לייב ניידוס

אינעם ליכט פון אונדזער מאָדערנעם יידישן ליד־וואוקס

ווען סע זאָל זיין היינט די פראַגע: ווער איז לייב ניידוס? וואָלט דער יידישער לייענער אסור געוואוסט.

טאָ זאָל טאַקע איצט, צו זיין זעקס און צוואַנציקסטן יאָרצייט, זיין די דאָזיקע פראַגע.

לייב ניידוס איז דער פרילינג פונעם מאָדערנעם יידישן ליד, פונעם צאַרטן מאַצאַרטישן ליד.

אָבער ווי אַזוי זאָל זיין דער צוגאַנג צו לייב ניידוסן פון אַ שפּעטער־דיקן דור? דער צוגאַנג פון יעדן פון אונדז?

אזוי ווי מע גייט צו צום פרילינג — אינעם ליכט פון בליאונג.

צו לייב ניידוסן דאַרף מען אויך אזוי צוגיין און מע וועט צוגיין נאָר אינעם ליכט פון אונדזער וואוקס אינעם ליד; אינעם פרילינג פונעם יידישן ליד און מאָדערנעם לשון — די ליטעראַטור אין איר שענסטן יידישיסטישן אויפשוואונג: שיין־קלאַנג, ריטם, גראַם, עלאַסטישקייט און די גאַנצע עלאָקווענץ פון אונדזער ניי־דיכטערישקייט, מיט איר אייגנאַרטיקייט פון נוסח און סטיל; דאָס דערגיין און דערשלאָגן זיך אלץ מערער צו נייע פאָרמען, אויסדריקן, דיכטערישע אידיאָמען און סוף כל סוף — דעראָבערן פונקט ווי אַלע אַנדערע שיינע ליטעראַטורן — אַלע קלאַסישע פאָרמען אינעם ליד און פארן ליד. אָט אזא צוגאנג דארף מען אָנווענדן כדי צו שיל־דערן ווער לייב ניידוס איז געווען פאַרן ליד בא אונדז אין דער פּאָעזיע. אָט דאָס וואָס סע איז אזוי בעשיינפערלעך בא אלע פעלקער, אז די שפּראַך איז די מוטערלעכע שויס וואָס צערטלט און וואַרעמט אויס יעדער שטראַל פון קולטור, אָט וועגן אָ דער אקסיאָמע האָט מען בא אונדז געַנוג גע־דאַרפט קנעלן מיט א סך אנשטענדיקע יידן און איך בין ניט גאָר שטאַרק זיכער בא זיך אז נאָך אין איצטיקער צייט וועלן זיך געפינען יידן, יידיש־לייענער, וואָס וועלן ניט באגרייפן דעם טיפן אמת פון אַזאַ געדאַנקלעכן פאַקט: די ווערדע פון יעדן נאַציאָנאַלן געפיל און שעפערישן אויפלעב, — איז די שפּראַך.

לייב ניידוס האָט זיך אַנטפּלעקט ווען אונדזערע קלאַסיקער האָבן שוין טיף געשיינט אויפן ליטעראַרישן האָריזאָנט בא אונדז יידן. ווען שלום עליכם האָט שוין געהאַט צענדליגג טויזנטער לייענער און מיט פּרצן איז פול געווען די יידישע אינטעליגענציע.

די מאָדערנע בעלעטריסטיק איז געווען דאַן אין איר רענעסאַנס־צייט.

לייב ניידוס האָט זיך באוויזן ווען ס'איז געווען דער לייענער, די סביבה און דער צייטיקער מאָמענט פאַר שריפטשטעלער און פּאָעטן. פאַר־שטייט זיך אַז דאָס ליד האָט אויך געזוכט די געלעגנהייט צו אַנטפּלעקן זיך אין דער פולער עלעגאַנץ ווי די פּראָזע, ווי דאָאָס ליד איז געווען —ליד—בא אַנדערע פעלקער: — און ער איז געקומען מיט פולער פּאָעטי־שער ריטערלעכקייט, מיט אייראָפּייאישן גלאַנץ פון ליד־קולט: פאָרם איז געווען זיין בארוף. ער האָט געמייסטערט די עסטעטישקייט פון פערז, פון ליד; ער האָט געשליפן די מעגלאַכקייט פאַרן גראַם, ער האָט פאַנאַנדער־געוויקלט די דעסענעס פאַרן ליד'ס פּרצוף. דער עיקר: זיין פייערלעכקייט פאַרן יידישן קלאַנג, גראַם, וואָרט און מוזיקאַלישקייט.

ער האָט ניט בלויז געשפּילט מיטן יידישן וואָרט אויף פלייטן און פידעלעך, נאָר ער האָט עס צוגעוואוינט צו אַלע מאָדערנע אָרקעסטראַלע אינסטרומענטן.

ס'איז באוואוסט אַז דאָס יידישע פאָלק קען דענקען, קען מתפּלל זיין אָבער זינגען? דאָס קענען די גויאים. דערפאַר ווייל די ספּעציפישע אייגנשאַפט אונדזערע איז א משיחיסטישע — יידן זוכן וועלט־דערלייזונג פריער פאַר אַלע חכמות. איז עס גאָר גאַנץ נאַטירלעך, אַז מיר זאָלן זיין מער תוכיקער איבער געזאַנג: חקירה, פּלפּול, סאָפיסטיציזם — שאלות ותשובות פון אייביקע פּרעגאַכטסן איז אונדזער קלעם און באַנעם.

און מאָדנע ווי עס לעבן בא אונדז אויף דערשיינונגען און ווערטן פון אייגענער מאָסדערקענטעניש: בעת ש. פרוג האָט געקאַפּריזנעוועט קעגן דער ״שטייפקייט״ און ״וואָכיקייט״ פון יידישן וואָרט, האָט לייב ניידוס פונקט פאַרקערט: זיך געהנדלט און געשפּילט מיט דעם ווי אויף מאָצאַרט'ס פידעלע, אַזוי ליריש צאַרט, אַזוי קלאַסיש און נאַקטורנדיק.

בא אים איז יידיש געווען כחומר ביד היוצר.

וואָס איז דאָס?

טאַלאַנט?

ש. פרוג איז געוויס געווען אַזאַ איינער.

וואָס איז שייך די איינגעוואָרצלטקייט בנוגע דעם יידישן וואָרט? נו, האָבן זיי ביידע באַגלייך אַיינגעזאַפּט דעם זעלבן סכום יידישע טראַ־דיציע...

און נאָך אַזאַך — און דאָס איז שוין אַ ריין פענאָמאַלער צושטאַנד — אַיין צענדליק יאָר נאָך קעשינעווער פּאָגראָם און א יידישער פּאָעט זינגט שוין, אויף דער זעלבער ערד, אַזוי ליריש זאָרגלאָז, פייגליש־פריי

און מיידלש־חנעוודיק; דאַרפיש פאַרליבט כאָטש ער איז געווען גרויס־שטאָטיש ראַפינירט מיט אַ דורכאויס פאַריזשער קולטור.

ער האָט אַזוי גרינג געזונגען, מיט אַזאַ גראַציעזער שוועבנדיקייט, מיט אַזאַ פּאַסטאָראַלער פאַרליבטקייט גלייך ווי מיר וואָלטן גאָר קיינמאָל ניט געווען מיט אַ איבערגעריסנקייט פונעם "שיר־השירים", גלייך ווי מיר וואָלטן גאָר קיינמאָל ניט דורכגעמאַכט קיין גלות־מאַרשן איבערן פינצטערן קיילעך... צי גלייך ווי מיר וואָלטן ניט פאַרמאָגט קיין "איוב" און קיין "קינות", קיין "שחיטה־שטאָט" און קיין "אומקום־לידער", צי "די מעשה פון די הונדערט".

ס'איז אמת, ער איז אַ מיידלשער פּאָעט, אָבער מיט אַזאַ פריידיק הארץ וואָס אפילו אויך מענער — באַוואונדערן זיין זינגעוודיקייט.

אויב דער דיכטער פון אונדזערע טעג זינגט אויך אַמאָל אַזוי פיל־פורעמדיק שיין ווי ניידוס, מוז ער זיך נעבעך געוויס אָנטאָן אַ כח, ווארום ער איז צו באַוואוסטזיניק אין זיין שאַפן, ער געדענקט תמיד און בא יעדן ליד, דעם ניט־לייענער פון פּאָעזיע, דעם אומלייענער בכלל. ווערט דערי־בער פונעם געזאַנג אַ פּרעגשאַפט, אַ קלערשאַפט — אַ צו פאַרטיפטער ענין.

א ריין יידיש־דיכטערישע פּראָבלעם...

ס'ווערט די זוכעניש נאָך אַן אייביקן ענטפער...

ס'איז וואָר אַז אפילו בא אַלע פעלקער, ווען עס קומט צום באַ־וואוסטזיין פון ליד איז עפּעס וואַקלדיק, הייסט אַ פּשיטא ווען עס האָט ניט קיין אָנהאַלט בא אונדז.

איז טראַכט זיך אַריין קלאָר אינעם ענין פּאָעזיע בכלל און אין לייב ניידוסן ספּעציעל.

ער איז געקומען בא אונדזער סאַמע באַגינען, אַט דאָס טאָר מען אויך ניט אַרויסלאָזן פון זינען. מע דאַרף ניט פאַרגעסן אַז, פרוג, רייזין, ראָזנפעלד, יהואש און ליעסין זיינען נאָך אַליין געווען די ערשטע פּריליננג־שוואַלבן, די נייע טרובאַדורן. און דאָ איז געקומען לייב ניידוס (ניט גע־קומען — אַריינגעפלויגן ווי דער פעגאַז אַליין בכבודו ובעצמו מיט אַזאַ גראַציעזן און עלאַסטישן געזאַנג פון שיינעם און רייכן יידיש, אַ ליד וואָס ס'האָט געשוועבט מיט דער גאַנצער אייראָפּייאישער גאַמע פון אַלערליי פאָרמען:

סאָנעטן, טריאָלעטן, ראַנדאָן, מיניאַטורן, ווילאַנעלן, גאַזעלן און פּראַכטפולע אינערלעכע ריימען און מערקווירדיק נייע ווערטער וואָס האָבן צו יענער צייט געוויס געטראָגן אַן אינאָוואַטאָרישן כאַראַקטער וואָס גרע־ניצט זיך מיט וואָרטיאָזישער ווירטואָזישקייט.

ס'איז צובאַוואונדערן זיין ביישטייער צו דער יידישער לעקסיק. ווייל אַט דאָס אַלץ איז דאָך פון אים אַנטפּלעקט געוואָרן נאָך איידער די "יונגע" זיינען געוואָרן דאָס וואָס זיי זיינען, און דער "אינזיכיזם" האָט נאָך אויך געטאַפּט אַ סטעליע אין יענעם באַגינען... מיט איין וואָרט: ס'איז נאָך גע־

ווען פאַרן "מתן־תורה" פון אונדזער גאַנצער מאָדערנער פּאָעזיע.

און ס'איז לחלוטין ניט איבערגעטריבן.

חלילה!

לאָמיר ניט פאַרגעסן און געדענקען און זיך גוט אַריינטראַכטן אין ליטעראַטור־געשיכטע, ליטעראַטור־גאַנג, ליטעראַטור־פּאַנאַנדערוואוקס און אירע דעפּיוזיעס.

בא אונדז מיינט דאָך 25 יאָר ליטעראַטור — אָן עבר! כ'מיין קוואַ־ליטאַטיוו. ס'איז ווי דער וואוקס פון הונדערטער יאָר... מחמת דער אַוואַנס פון אונדזער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג — כ'מיין אינעם לשון וואָס איז ווערט צו פאַרצייכענען ווי א שעפערישקייט — האָט איבערגעהיפּערט גאָר אַסך.

אונדזער ליטעראַטור־שוואַנגערשאַפט איז געווען אַ קעצישע!

גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר...

אָט דער אופן פון שנעלוואוקס האָט געפירט אַז אונדזער קריטיק (פּונקט ווי די אמעריקאַנער) איז געגליכן צו אַ קוואָטשקע וואָס מע האָט איר אונטערגעשאָטן קאַטשענע אייער. די קאַטשקעלעך לויפן צום וואַסער און ווען זיי שווימען אַוועק לויפט די מאַמע־קוואָטשקע אַרום צעפּליגלט און קוואָקעט: געוואַלד זיי וועלן זיך דערטרינקען...

דעריבער איז אָט א דאָ, טאַקע גאָר א גרויסע זכיה צו באַטאָנען און אונטערשטרייכן אַז לייב ניידוס איז באמת געקומען צו אונדז ווי פון אַן אַנדער וועלט צו דער יידישער ליטעראַטור־היים. און אַזוי נאָך האָט ער טאַקע אָנגעצייכנט דעם פאָרמוליסטישן גאַנג פון אונדזער פּאָעזיע. אפילו דעם מאַני לייביזם, אויב איר ווילט זיך מיט מיר שטאַרק שפּאַרן. בא לייב ניידיסן געפינט איר שוין די שטילע אָוונט־שטונדן, די נעמלעכע וואָס מאַני לייב האָט אַזוי פיל יונגמיידלש געצערטלט, אַזוי בת־מלכהדיק פאַר זיך אַרויסגעצויבערט די "בלויע אָוונט־שטונדן", די סוביעקטיווע "איכן", די אימפּרעסיאָניסטישע בילדלעכקייט זיינע. לייב ניידוס האָט שוין די עלעגיש־לירישע אַקאָרדן פאַרן טאָן פון אָוונטשטימונג אָנגעצויגן אויף די קלויען פון זיין דיכטערישער פעדער — "סטרונעס וואָס וואַרטן".

לייענט ניידוסעס לידער:

"בא דער בלויער שויב"

"לעווקאָיען" (מיט אַ גראַם: וואָס ווייעט מיט אָוונט־טויען.)

"אָוונט־טרויער"

"אָוונט־שעהן"

"אָוונט־מעלאָדיען"

"אָוונט־עטיוד"

"אָוונט־געשפּענסט".

און מיר מעגן זיך בפירוש וואונדערן פאַר אָט א דעם דאָזיקן וואונדערלעכן וואונדער — לייב ניידוס ווייל אָט דאָס האָט נאָך פּאַסירט איידער משה נאַדיר האָט אַרויסגעגעבן זיינע "ווילדע רויזן" און איידער

לייוויק האָט אונדז געבראַכט זיינע „סיבירער לידער” און נאָך איידער משה לייב האָט פאַרעפּענטלעכט זיין „נויאָרק”, און נאָך איידער אייזלאַנד האָט באַזונגען זיין „טאַרנאָוו” און נאָך איידער זישע לאַנדאַו, אהרן צייטלין, יעקב גלאַטשטיין און נאָך איידער דעם מייסטער פון פאָרם, דער מחבר פון „פּאָביוס לינד” און נאָך איידער און איידער־איידער א. לוצקי און די איצטיקע גרויסע פּאָעטן־משפּחה וואָס האָט זיך אזוי צעוואָקסן און צע־וואָרצלט מיט וואָרט און ריטם, מיט גראַם־מוזיקאַלישקייט און לידשאַפט־חכמה פון גאָר דער העכסטער פילאָזאָפישער דענקעוודיקייט אינעם פּאָ־עטישן לשון מיט טראַכטשאַפט און קינסטלערישער פּראַכטשאַפט.

אוודאי זינגט סוצקעווער, איצט, מער עלעגאַנטער, אָבער דער־פאַר זינגט ער דאָך שוין אסך עלעגאַנטער פון פילע היינטצייטלעכע דיכ־טער אויך. נאָר היינט צו טאָג ציילן מיר דאָך שוין זעקס און צוואַנציק יאָר נאָך לייב ניידוסעס טויט... איז עס ניט קיין פּלא פּלאים!

עס פאַרדריסט בלויז וואָס לייב ניידוס פאַרקניפּט אינעם עבר — ביבליש — אָט ווי עס איז איציק מאַנגער, שוין אָפּגערעדט פון צו זיין יידיש־קערנדיק ווי גלאַטשטיין, פּראָבלעמאַטיש ווי מנחם, צי טיף חסידיש־פאַרבענקט ווי י. י. סיגאַל, צי יידיש־גריבלענדיק ווי די מערסטע פון אונדזער דור דיכטער זיינען.

ניין, ער איז עס ניט.

ער איז בכלל ניט געווען קיין גריבלער, קיין טיפער דיכטער און במילא איז ער שוין דעריבער אויך ניט געגוג יידיש... לייענט זיין ליד „שאָטנס פון עבר” און איר וועט זעען וואו ער וועט אייך פאַרפירן.

זיין איינציקער יידישער סגנון איז מיט א בלאַסן אָפּשיין באוויזן געוואָרן אין זיינע לידער „מיין באָבעשע”.

ס'איז פאַרשטענדלעך אז ער האָט געלעבט אין אזא שפּרודלדיקער יידישער סביבה, אין אזא איינגעפונדעוועטן יידיש־שטייגער לעבן, אַז ער האָט זיך געקאָנט דערלויבן ארויספּאָרן פון זיין יידיש־היים איינצוהאַנדלען עקזאָטישע פורעמס בא דער איראָפּייאישער קולטור. און ער זינגט טאַקע אין א רייכער טעמאַטיק פון איראָפּייאישע מאָטיוון אזוי גוט ווי אָריענ־טאַלישע מאָטיוון ווי דיאָניזן, טרירעמען, קלעאָפּאַטרע, אַמור, מזרח־אויגן, בענגאַלישע רויזן, סאַלאַמעאַ'ס טאַנץ, איסלם, באַגדאַד, אין האַרעם, און אזוי זיין איראָפּייאישע טעמאַטיק: אַלט פּראַנצויזיש, אַנדאַנטע קאַנטאַבילע, מענסטרעלן, די טענצערן, נאָקטורן, פּיעראָ

WALSE TRISTE, SERENADE, MELANCOLIQUE REVERIE,

צו פלאָרענץ, גאָנדאָל־לידער, אין צירקוס, דריי פּעען, אויף א באָל, ליטע־פּייזאַזשן עטצ. א דיכטער וואָס וואָלט געקענט פּונקט אַזוי זינגען אין יעדער קולטורעלער שפּראַך.

אוודאי וואָלט איך זייער שטאַרק געוואָלט דערזען בא אַזא דיכ־טערגעשטאַלט די פּאַרציע יידישקייט זיינע אויף וואָס פּאַראַ שאַטירונג ער זאָל זי ניט האָבן געגעבן. אָבער זי איז ניטאָ. פעלט זי מיר זייער שטאַרק אויס, נאָר ס'איז פאַרפאַלן, לייב ניידוס האָט וועגן דעם זיך קיין חשבון

ניט אָפּגעגעבן, ווייל ער האָט בכלל קיין חשבונות ניט געפירט סיי מיטן לעבן און סיי מיט פּראָבלעמען פונעם לעבן. ער איז ווי פון אַן אַנדער וועלט געקומען — ווי ער וואָלט פונעם פּאַרנאַס אַראָפּנידערן צו אונדז; ער איז: גאָלע אָלימפּישער פּאָעט געווען און פונקט אַט אַזוי האָט ער געלעבט, און נאָכמערער פונעם בענקען האָט ער געדיכטעט און מיט אַ גאָר הויכער קולטור געדיכטעט און קולטיווירט דאָס יידישע ליד; ער האָט מאַניריזירט דעם יידישן גראַם, דעם אַקאָרד, די פּאָנעטיק פון וואָרט, די ווייכקייט פונעם פערז און פונעם מעטער.

אָט דאָס איז זיין פאַרדינסט — און ער איז ביז גאָר אַ גרויסער און אַ פילמאָסיקער — ס'איז זיין הויפּט אויפטו געווען און אַ פולקאָמע־נער דערגרייך.

עס דאַרף אויך צו אים צוגעשריבן ווערן: דאָס וואָס באַ אַנדערע אומות העולם האָט אַזאַ אַרבעט געגומען די מי און טאַלאַנט פון א גאנצן דור מיט פּאָעטן, האָט בא אונדז ניידוס געטאָן אַלצדינג ווי אַ יחיד, דעריבער איז ער דער ערשטער און איינציקער פּאָעט פון אַזאַ קאַליבר — פון אַזא פּאָטענציאָנעלן פאַרמעסט.

ער איז געווען נאַטירלעך פאַרליבט אינעם פאָרמוליסטישן אופן פון זינגען. אַלעס איבעריקע איז געווען באַ אים ניט מער ווי אַ ווידער־קול פון דער עכטער דיכטונג, פון זיין צאַרטער, פּאָעטישער באַנעמונג — פון זיין מוזיקאַלישער וועלטקרייז.

פאַראַן שרייבער און פּאָעטן וועמענס ביכער שטאַרבן פריער ווי זייערע מחברים און פאַרקערט: פאַראַן שריפטשטעלער און דיכטער וואָס שטאַרבן פריער ווי זייערע ווערק.

לייב ניידוס איז געשטאָרבן אַ סך פריער ווי זיין ווערק און פון זיין צייט. זיין ליד, זיין רייכער צושטייער פאַרן פערז און לעקסיק איז פאַר דורות לאַנג דער קערנדיקסטער בייטראַג. ער האָט אויסגעאיידלט דאָס ליד, גראַציעזער און ראַפינירטער געמאכט די סטראָפע. ער ווערט פאַררעכנט ווי דער ערשטער — דער קאָלומבוסניק — צו אנטדעקן די מו־זיקאַליש־פאָרמוליסטישע פּאָעטיק פאַרן יידישן ליד און בשעתו. ער האָט דער ערשטער געוואָגט אריינברענגען אזוינע נייע ווערטער ווי:

ראָקאָקאָ, קאַסקאַדן, קאָלומבינע, אַמאַטיסט, מאַלאַנכיט, סאַרקאָפאַג, אַלעקסאַנדריט; און מימאָזן, היאַצינטן, רעזעדן, פּיאָנען, לעווקאָיען, נאַר־ציסן און ניט סתם — בלומען...

אָט איז א רשימה פון זיינע גראַמען:

קלאָרן — מאַטאַדאָרן, מידע — קאָלכידע, שאָטן — פּאַגאָטן, אלפּן — סקאַלפּן, מיראַזשן — פּלומאַזשן, בלאָנדע — דזשיאָקאָנדע, נאַרן — גענױפאַרן, ליטע — סיואיטע, חוה — יאַווע, שקלאַפן — זשיראַפן, פּאַ־ראַנען — באַנאַנען, פּאַנטערעס — אבעלערעס, קמיע — מעדעע, בריסט — אמעטיסט, סטאַדעס — שערעזאַדע, חטא — אמולעט, קאַפּריז — עסקיז, גלאַטע — סאַראַסאַטע.

אָט דאָס הייסט באַרייכערן און עלאַסטיש מאַכן די בויגעוודיקייט

פון ליד, דאָס באַהילפיק זיין דער לעקסיק. געוויס איז עס באַ היינטיקן טאָג קיין חידוש ניט ווען מיר האָבן שוין צוגעקראָגן די בעסטע מייסטער פון טעכניק און פאָרם, אָבער אפילו באַ דער איצטיקער שטופע איז לייב ניידוס נאָך אַלץ דער אויבנאָן און די הויכפלאַטערדיקע פאָן.

חוץ דעם אַלעם איז ער געווען גאָלע ליריק, ליבע, וויין, בלומען, פרויען, טאַנץ און חלום — דער ריטם פון אלטער ריטערלעכקייט, איבער דער מייסטערשאַפט און ווירטואָזישקייט האָט אַרויסגעשיינט און עס וועט נאָך לאַנג ארויסשיינען פאַרן ליבהאָבער פון פּאָעזיע, דער לירישדינסטער דיכטער; איבער דער באַצויבערדיקער טעכניק און פאָרם דערהייבט זיך דער פייערלעכער זינגער.

און איצט איז שוין פאַר יעדערן גרינג צו פארשטיין אמאי ער איז ניט געווען יידישדיק, אמאי ער איז געווען אזא קנאַפּער פרעגער ווי א מאנספּארשוין, א מאנפּאָעט, דאַרף עס זיין כאָטש פון צייט צו צייט עס זיין, אז ער איז געווען אזוי אומגעלומפּערט פארשכורט און פארכלינעט פון ריינעם פּאָעטישן ריטם, פונעם פּאָעטישן ווערזנטלעכן אקאָרד, פונעם מוזיקאַלישן גראַם, אז ער איז געווען פיל פארפולט און ער האָט געוואָלט בלויז פון אָט דעם דאָזיקן אוצר זיך אויסלאָדן — דער היפּנאָטיש־זינגעוודיקער צושטאַנד האָט אים באַהערשט און פון אָט דעם האָט ער זיך באַדאַרפט אויסשפּאַנען.

פונדעסטוועגן איז ער געווען א גרויסער דערשפירער און א פּאָעטישער אָנער; כאָטש ס'איז געווען לשם בענקעניש, אונטער דער ווירקונג פון די לעצטע אוונטשטונדן, די פארבלויעטע און זונפארבלוטיקטע אוונטשטונדן.

אָט אזוי איז לייב ניידוס געווען און געבליבן דער בעל־תפילה פונעם דרויסן, זיין סידור איז דאָס פעלד, דער וואלד — די נאַטור. זיין ניגון—דער וויספּער פון בליאונג, דאָס צעגיין פונעם לעצטן לאַטקעלע אַייז.

ער איז דער אויפקום פוענם פרילינג פון אונדזער יידישער ביילידערשאַפט, דער געזאַנג פון אונדזער בייוועלטלעכקייט.

און דאָס איז מקוים געוואָרן נאָך באַם סאמע בראשית — אזש מיט דרייסיק יאָר צוריק.

וואָס פאר א קאצנשפּרונג אונדזער עפּאָכע האָט באוויזן צו דערגרייכן!

נאָר אָט דאָס איז שוין בלויז אַ דאַנק אונדזערע עקשנותדיקע וואָרטשאפטלער, די מיטן לעבעדיקסטן אויער פאַרן יידישן וואָרטאַל — די טאַלאַנטפולסטע זין פון אונדזער פילדערפארנדיק פאָלק וואָס האָט ליב לשון! איז פארליבט אין שפּראַכן, אין לשונות און שאַפט אין פילפעלקערישע שפּראַכן די אַלמענטשלעכע קולטור.

דעריבער: נאָר דערפאַר האָט געקאָנט די יידישע ליטעראַטור אַ וואַקסטאָן אין איין כהרף־עין און דערגרייכן אינעם ליד די העכסטע קולטור־ספערן.

און דאָס איז דער מאָנומענט פאר לייב ניידוס'ן — זאָל ער לייכטן אינעם ליכט פון אונדזער יידישן ליד.

דוד בעקער

דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען

י. י. סיגאַל

לידער

צו די אידישע פּאָעטן

די מאַמע אידיש זינגט נאָך לידער
און שענער, יונגער וואָס אַמאָל.
פּאָעטן אידישע, גוטע ברידער,
זאָל בליען, וואַקסן אַייער צאָל.

און זיין זאָלט איר געטרייע שומרים
פון איטלאַך אות, פון איטלאך וואָרט.
נישט הערט די נאַרישע יש אומרים
וואָס טונקלע שונאים פלוידערן דאָרט.

איר ווייסט דאָך אמת׳ער און בעסער
וואָס לעבן הייסט, וואָס קיום מיינט.
ווי לאַנג נאָר איר וועט נישט פאַרגעסן
וואו די גוטע מאַמע אידיש וואוינט.

פון אַלע שטעט, פון אַלע וועגן
נאָך קומען צו איר טיש צוגיין.
זי האָט תמיד גרייט פונאַייערטוועגן
מטעמים פריש, געשמאַק און שיין.

און ווער וועט זיך אַזוי דערפרעגן
אויף אײַער לעבן, ברידער, ווער?
פון ווייט צעוואָרפענע, פרעמדע ברעגן
קומט איר צו איר אַהיים אַהער.

דאָ איז אײַך ליב דער דילגעלעגער,
דאָס ווינקל ביי דער גראָער וואַנט;
דער שלאָפלאָזער,—דער זײדע־זייגער
וואָס תהילימ׳ט, תהילימ׳ט נאָכאַנאַנד.

און אין איר שאַפּקעלע די ספרים
איר תחינה געלבליך און צעקנייטשט.
איר האָט שוין לאַנג די אַלטע שורות
אין גאָלדענע לידער יונג פאַרטײַטשט.

וואָס מער איר זינגט, אַלץ יונגער, נייער
ווערט אונזער מאַמע אידיש דאָ.
געבענטשט איז אײַער צער און טרויער
און אײַער אומעטיקע שעה.

און אײַער אויפגעבליצטער גלויבן,
די רגע איז אַן אייביקייט.
און אײַער וואָרט ווערט הויך דערהויבן
אין גרויסער און אין שיינער פרייד.

מיר וועלן דעם יאוש אַריבערטרעטן,
מיר אַלע — איך און ער און דו.
געבענטשט זייט, אידישע פּאָעטן
מיט שטילגעמיט און גוטער רו.

און ווען ניט ווען אַ שעה אַ שיינע
צו זיין מיט אײַער ליד אינאיינעם
און נאָכדעם פריש און אויפגעהעלט
אַ שמייכל־טאָן צו גאָר דער וועלט.

אין האַלבליכט

עס וועט נאָך דאָ בלייבן אַ שטיבל
וואו עטלאכע אַרימעלייט
וועלן זיך קומען דערוואַרימען
מיט מעשות פוניענערזייט צייט.

אַ צדיק פון פרייד און פון יומטוב
האָט האָפנונג געבראַכט פאַרן דור.
ווי לאַנג האָט געדויערט דער יומטוב?
דאַכט זיך דרייצענדליק יאָר.

און נאָכדעם פלעגט דער צדיק דער גוטער
זיך ווייניקער ווייזן אין גאַס.
דער ליכטיקער שטערן—אין קנייטשן,
דער קאָפּ און די באָרד גראָער אַש.

דער רוקן געבויגן אַביסל,
אַן אומעטיקן שטעקן אין האַנט.
און לאַנג־לאַנגע שעהן זיך וויגן
מיטן עלנטן פנים צום וואַנט.

מהאָט מורא־געהאַט פרעגן דעם צדיק
וואָס ס'איז געשען און פאַרוואָס.
דער בוים האָט געוואָרפן די בלעטער,
האָט געל זיך געלאָשן דאָס גראָז.

דריי טעג מיט אַ ווייגענדיקן רעגן
און נאָכדעם אַ טאָג מיט טומאַן.
און וואָכעדיק־שווער איז געוואָרן
אין ישוב, אין שטילן אומאַן.

אין שטוב פונ'ם צדיק האָט געבליבן
געקאָפּטשעט אַ ליכטל אַ גרויס.
אַ איד איז אין שטומקייט אַריין דאָרט
נאָך שטומער פון דאָרט אַרויס.

ביים שטענדער אַליין מיט אַ ספר,
און דער הייליקער ספר—פאַרמאַכט.
איז געזעסן דער צדיק אַ שטומער
פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט.

געזעסן אַ יאָר נאָך אַ יאָר אַלץ,
קיין וואָרט ניט אַרונטער פון ליפּ.
אַחוץ וואָס דער שטענדער דער אַלטער
פלעגט טאָן מיט די ביינער אַ סקריפּ.

נאָר אידן ווי תמיד, ווי תמיד,
פליגן קומען—אַריין און אַרויס.
און זיצן אַ שעה אין טיף שווייגן
אין צדיקס פאַראָבלטן הויז.

און קוקן מיט ליבשאַפט און טרויער
אויף אים פונדערווייטנס ביים וואַנט.
און בענטשן די שעה פון זיין לעבן,
דעם שיין פון זיין בלייכער האַנט.

דעם שאָטן וואָס הינטער אים דרימלט,
דעם שטויב וואָס פון אונטער זיין טראָט,
און האָפן מיט מורא און אומעט
אַז ווען עס איז וועט זיך דער סוד,

דער סוד פון זיין שווייגן טאָן־אָפּטאָן,
און אויפהייבן וועט ער זיין בליק,
און שמייכלען צו זיי: אַ גוט־יומטוב!
און עפענען דעם ספר צוריק.

און אָנהויבן מיט אַזאַ ניגון
וואָס קיינער האָט נאָך נישט געהערט,
און אַלטינקע וועלן זיך וויגן
מיט זילבערנע הייליקע בערד.

און ער וועט אין מאַרק אויך אַרויסגיין
און ליכטיק וועט קלינגען זיין קול — — —
פאַרוואָס קאָן נישט נאָכאַמאָל ווערן
פון היינט אַ געבענטשטער אַמאָל!

פאַרוואָס קאָן אַ בוים נעמען גרינען
פונסניי איטלאַך יאָר, איטלאַך יאָר?
פאַרוואָס זאָל נישט אויפגעריכט ווערן
מיט בענטשונג דער אָבל׳ער דור?

פאַרוואָס קאָן דער טייך נאָכן ווינטער
זיך ווידער צעעפענען ברייט
און שטראָמען מיט פרישקייט און פרייקייט
און אָנטרינקען לאָנקע און בייט?

פאַרוואָס קאָן דער חלום דער יונגער
נאָך אויפלויכטן ליכטיק און קלאָר
אין מידיקן דרימל פון זקן,
און נאָר אונזער אָרימער דור

קאָן אַליין זיך צו גאָרנישט דערוואַרטן,
און סליגט ווי א ספר פאַרמאַכט
פאַר אים אי די ערד, אי דער הימל
אין האַלבליכט פון ערב, פאַרנאַכט?

נאָר דיינע ערלאכע . . .

נאָר דיינע ערלאַכע און גוטע
האָבן די גוטע מאָס אין האַנט.
דערזעטיקט זיי דער מאָגערסטער ביסן,
באַרואיקט זיי אַ ווינקל וואַנט.

און וואָס דיין מזל האָט באַווייליקט
איז זיי געַנוג און נעמען וואויל
די גראָע שמאַטע אויפן אַקסל,
דאָס דאַרע ברעקל פאַרן מויל.

און אויב זיי דאַרפן בלייבן איינזאַם
און קיינער עפנט נישט זייער הויז,
איז זיי גענוג דאָס קליינע פענסטער
און קוקן אויף דער וועלט אַרויס.

זיי גלייבן פונקט ווי אַלע קינדער,
אַז קומען וועט ער קומען ווען
דער מענטש פון וואונדער—איז דען קיינמאָל
קיין נס ניט אויף דער וועלט געשען.

און וואָס איז אונזער דור דען ערגער
פון דורות נעכטן, דורות פריי׳ר!
ניט אמת אַז דער בייזער שטן
האָט שוואַרץ געצייכנט אונזער טיר.

און אויב מיר האָבן שווער געליטן
איז נישט אויף אונז אַליין דער גזר.
גאָט וועט אונז נישט פאַרזען אינגאַנצן
און וועט אונז צאָלן גוטן שכר.

נאָר מיר—צי וועלן מיר ווי קינדער
זיך לאָזן איבערבעטן, זאָג?
און קוקן מיט פאַרוויינטע אויגן
אין פּנים פון'ם נייעם טאָג?

מיר וועלן אָפּקערן זיך טרויעריק,
ווי וואויל און ליב סזאָל זיין זיין שטים.
מיר וועלן שטיין דעם קאָפּ געבויגן
און זיך נישט אויסקערוועץ צו אים.

ברוגזע אויף אייביק, אייביק
און נישט אַרויפהייבן דעם קאָפּ
און שטום־געשלאָגן און פאַרמשפּט
גיין טונקלער, טונקלער וועלט־אַראָפּ.

אַלט־ליד

נעם ניט צו די שיינקייט פונם קליינעם דערפל,
און די אַלטע שטאָלצקייט פון אונזער הויכן בוים.

סקומען דאָ אַזעלכע טעג מיט ווייץ און קאָרן,
אָוונטן ווי מיידלאַך אין בלויען פרילינג־צוויט.

שיין זיצט דאָ די אַלטקייט אויפן שוועל פאַרדרימלט.
אָוונט, שפּילן אָפּ זיך וואונדער אויפן הימל.

אונזער קינד דאָס דערפל, אונזער גרויסער הימל,
אונזער ליבער זומער מיטן קינדערשן רעגן.

זיי מיט אונז נאָך לענגער אינם קליינעם מקום,
פיר אונז פון דער קינדהייט ביז דער עלטער רואיק.

און ביי יעדן שטרויכל לען אונז אָן דיין אָרעם,
און פון שווערן אומפאַל הייב אונז אויף מיט גרינגקייט.

אין דער שעה פון מידקייט, אונזער לעצטע מידקייט,
דעק אונז צו די ברעמען מיט דיין יונגער האַנט.

אָ עפן אויף . . .

אָ עפן אויף די טויערן און טויערלאַך
פון אַלע גוטע פרומע ספרים, ספרימלאַך:
אַרויס'ט איר מעשות און משלים!
גענוג געזשמורעט זיך די אויגן־ברעמען!
גענוג געקנייטשט די ווייסע שיינע שטערנס!
אַרויס'ט צו דער עבודה!

די שיינע מעשות ציען זיך די ווייכע גלידער,
שלאַנקען זיך ווי סאַמעטענע קעץ פאַרשלאָפענע:
נאָך אָ רגע, נאָך אָ רגעלע,
נאָך אָ ווייכע ווײַלע נורען זיך
אין זיך, אין זיך, אין זיכערקייט.
אין זיסער גוטער וואַרימקייט,
אין מאַמעדיקן שויס פון די געליבטע ווערטער.
נאָך אָ רגע־רגע־רגעלע.
חלום, חלום,
חלום, זאָג וואָס טוט זיך אויפן מזרח?
חלום, חלום, ווען קומט ווידער אליהו דער נביא?
קלאָרע שניי־באָרד, אויגן־בלאָע.

און די זינגענדיקע, זמירות'דיקע לידער
נורען אין די שאָטנדיקע ווענט זיך פון די ביכער,
טוליען אין די ווינקלען אין די שמאָלע אַקסל:
לאָז נאָך תפילה־טאָן! בענקען, בענקען
צו די וויט־פאַרפלויגענע פייגל הינטער וואָלקנס,
הערן מעווענס נאָך די שיפן נאָכשרייען געבענטשטע גרוסן.

אָ עפן אויף די טויערן און טויערלאַך
פון אַלע גוטע פרומע ספרימלאַך און ספרים:
אַרויס'ט איר מעשות, לידער און משלים,
אַרויס'ט צו מעשים!

מ אָ נ ט ר ע אָ ל

ויהי ערב, און סאיז געוואָרן פאַרנאַכט אין מאָנטרעאָל...
דערפלאַך האָבן זיך צונויפגערוקט אינאייגעם
באַרגיק, טאָליק,—געוואָרן שכנים.

איטלאַך ישובֿל האָט מיט זיך געבראַכט
זיין קלויסטערל, זיין גאָרטן, זיין פּאַרנאַכט
גלחים־ברידער, פּרומע שוועסטער—אין שוואַרצן טראַכט.
אויף שווער־אַלטמאָדישע ברעטער־לאַדנס
דער מאַרק פֿאַרמאַכט זיך—שבת אין דער שפּעטער שעה.
זונטיק־קלויסטערס רוקן זיך אַרויס אין זייער שטיינעריקן גראָ.
און אין דערפֿרי, אין דער פֿאַרשלאָפֿענער פֿייכטער לופֿט
שווימט פֿונדערהויך אַרויס דער ערשטער נעפּלדיקער רוף.
אַלע זייטן שטאָט רופֿן זיך אין פּרומע עכאָ'ס אָפּ.
און ס'פֿאָלק לאָזט זיך אַרויס, גאַס־אויף, גאַס־אָפּ.
גאָטס שטיבער שטייען אָפֿן, דער עולם גייט
פֿון גראָ־פֿאַמעלאַכדיקן אומעטיקן שניי באַלייט.

אַקאָרד

און דו וועסט דאָ בלייבן און מיט דאַרע פֿינגער
קריצן אויפֿן דינעם פּאַפּירענעם זילבער
די וואונדיקע שריפֿט און די טרויער־אימאַזשן
פֿון אונזער סוף־טאָג,
ווען דער זיג האָט געשאַלט
זיין יאָמער, זיין צאָרן, זיין יומטוב.
און איך—וועל נאָר איין זאַך געדענקען—
דאָס דאַרע קליין מאַמעלע מיטן בלויאינקן שאַלכל
וואָס איז ביי דעם ברעג פֿון מיין טיש אַ פֿרימאָרגן געזעסן,
און דערציילט פֿון איר איינציקן אינגלס דריי היילקע בריוו.
(דער לעצטער איז געווען פֿון דער קעניגינס שיף.)
דאָס מאַמעלע האָט די קינדערשע הענט צונומען
און קיין ווערטער זיינען מער פֿון איר מויל נישט געקומען.
נישט נאָך טרייסט איז זי מיין שוועל אַריבערגעטראָטן
איך האָב איר דען ראַטעווען געקענט?
איך בין אירער אַן אַלט־אַלטער שכן,
איז זי געקומען זיך אויסוויינען שטום
מיט אירע ליידיקע וויסטע צוויי מאַמישע הענט,
און דאָס פּנים האָט קראַנק זיך געקראַמפּט און געבראָכן—
אַ שאַרבן אין גאָטס ציטערנדיקע הענט.

און ער האָט אַזוי געזאָגט...

איך בין אַרויפגעקומען אויף דער בימה פון דער ליטעראַטור
אַן אויסגעפּרואָווטער און געפּרואָווטער, כאָטש נאָך שעמעוודיק.
נאָך היינט בויג איך מיין רוקן איין
און מיינע אַקסל צוקן אויפן שאָטן פון איר שוועל,
און ס'איז מיר בעסער אויף אַן אָפּגעלעגענער גאַס ערגעץ—
אַן אויפגעריסענער אָפּגעשליסענער שטיבער־הקדש
איז מיר אַן אויפריכטיקער טאָוול, וואו כ'צייכן אויף
מיין לירישן קאָמענטאַר צו וועלט און שטאָט.
איך זע דאָרט אין אַן אַלטער שפּראַך פון א וואַנט
דעם שווערן סוד, — די קראַנקע טרויעריקע האַנט
פון וואונדערלאַכן רעמבראַנדט;
דעם איינגעבויגענעם רוקן אַנדזשעלאָ'ס
זיך שלעפּנדיק פּאַרנאַכטיק אינם שפּעטן ליכט פון טאָג
פון מי פאַרמאַטערט, פון הייליקן שטויב און ליים־פאַרשמירט,
אויך ער האָט זיך אַראָפּגעקערוועט אויף אַ זייטיקן וועג וועלט,
אַוועקגעגעבן זיך אויף אַלע זיינע טעג צו דעם געבעט פון גרויסן עול,
ווי קריסטוס האָט אָנגערופן אויפן נאָמען פון זיין ליב דאָס ברויט
האָט ער זיין גאָב אויך אָנרופן געמעגט.
ווי מיט אַן אַקער האָט ער ברייט און טיף צואַקערט
די זיבן סופיטן־הימלען פון גאָטס הויז,
און אין דער שפּעט פון נאַכט, ווען ס'לעצטע פינטל שטערנגאָלד,
האָט פון די ליפּן פון זיין פּינזל רויט אַראָפּגעטריפט,
האָט ער זיך פון די הויכע הימל־לייטערס אַראָפּגעלאָזט
אַוועקגעגאַנגען אין זיין שטילער אָפּגעאיינזאַמטער היים,
געלעגן אויפן געלעגער־ברעט און מיט אַ צוגעמאַכטער ברעם
געוועבט די ליכטיק־זילבערנע פּסוקים פון זיין סאָנעט
און ווען די נאַכט איז שוין אַרויסגעגאַנגען פון איר שפּעט
און ס'איז געוואָרן פרי און בלוי אין שויב,
האָט פרומער שלאָף געאָטעמט פון זיין מידן אַלטן לייב.

מאַין—פונוואַנען?

קראַנק פון בלינדן פּיין און ווייטיק
זינקט אין דר'ערד, אין שטויב מיין לעבן.

למנצח'ס צו די בערג—מיט אויסגעשטאַרטע אויגן,
אויסגעשטרעקטע ביינער־הענט: מאַין?!

אוי, מאַין? וואו־פונוואַנען וועסטו זיך באַווייזן, גאָט?
ווען האָסטו מיר דען געהאָלפן, גאָט?

כהאָב געלירישט זיסע טרויער־תפילות צו דיין נאָמען
און מיין וואונד פאַרבאַלזאַמט.
האָב איך דען דיר געמיינט?
כהאָב נישט ליב די לייט וואָס טראָגן דיין הלבשה,
האָב גערן איוב׳ס קרעציקן געיאָמער
די האַרבע־האַרבע קללה אויף זיין אַשיק מויל,
דעם שפּיי אין פּנים אַלע דיינע גבורות
און נישט דיין ענטפער און דיין ברומעדיק קול
און נישט דיין אָנשטעל אין דער דממה דקה.
ביזט כלו חיב און איך — כלו זכאי.
ביזט כלו חיב און דער וואָלף איז כלו זכאי.
ביזט כלו חיב און דער טויט איז כלו זכאי.

ליד

דער הערבסט שפּרייט זיין גאָלד און זיין קופּער,
גאָלדן־בראָנדזענע טעג.
אַ פויגל זיצט שטיל אויף אַ צווייג נאָך
און קלייבט זיך היינט־מאָרגן אין וועג.

די זיסקייט פון שניט־ריחות שפּרייט זיך
אין פאַרנאַכטיקער ווייט.
דאָס דאָרף—אין בארואיקטער שיינקייט
מיט זעטיקער זיכערקייט און ברויט.

רואיק—דער טייך אין די ברעגן,
די קי אויפן פעלד.
און רואיק דער בעטלער דער אַלטינקער
וואָס גייט פונדערווייט פון דער וועלט.

וואָס קלינגט איצט דער וועלט־זייגער, בעטלער?
די גינגאָלדענע שעה.
עס קלייבט אין דער וועלט איצט זיין מעשר
דער מוילוואָרף, דער הונט, דער ראָב.

כהאָב נעכטן אונטערן רויט־בוים געדרימלט
און ער האָט געשפּרייט
איבער מיר זיין שפּעט־הייליקע זאַלבונג
זיין בלעטערדיק דינגאָלד און רויט.

ניט ווײנען...

דו קאָנסט נישט וועגן די יסורים,
און שרײַען איז נישטאָ צו וועמען.
די פרידלאַך־אײַנגעשטילטע קברים—
צו וואָס זײ נאָך אַמאָל פאַרשעמען.

געדענק זײ שטיל ווי אין אַ תפילה,
און מאָן בײ קײנעם ניט, בײ קײנעם.
און נאָכדעם קום נאָך פראָסטער, שטילער
אין גאַס פון זײערע נאָנטע שכנים,

און פרעג זיך נאָך אויף זײ מיט ליבשאַפט,
ס'האָט יעדער אַ גוטוואָרט צו רײדן
אין אָט די אַלע אָרימע שטיבער
וואו ס'לעבן אײניקלאַך און זײדעס,

און ס'ציען זיך די לאַנגע וואָכן
אַ קײט פון גראָ און קלײן־יום־טובים.
אַן אַלטינקער צוקנאָכט, צובראָכן,
זיצט דרימלענדיק די טעג בײם אויוון

און טראַכט אויף אויסנווײניק תמיד
פון רגע'ס וואוילע, רגעס שײנע,
וואָס האָבן דורכגעשטראַלט זײן אומעט
און צוגעשמײכלט קלוג: ניט ווײנען.

מײַנע...

מײַנע אײגענע וואוינען
אין קעלערדיקע הײזער.
זײער פירער—דער זײגער
מיט צווײ פינגער־ווײזער.

ער שטעכט זײ די אויגן:
א שעה! אַ רגע!
זײ קוקן אין פענסטער:
אַ פוילקײט, אַ רעגן.

ער טענה'ט צו זיי:
סוועט שפּעטער, בחורים.
און די ווענט־ווינקלען ווינקען:
דער טאָג איז אָרים.

אַ האַלב דאַר ברויטל,
אַ עק פון אַ קעזל
שטעקט אַרויס פון קעסטל
אַ קינדערש בלייך נעזל.

אַרויף די קאַפּאָטע
און אַוועק אין די גאַסן.
דער מאַרק איז אַן אַלטער,
אַ דאַרער, אַ בלאַסער.

קוים וואָס ער רירט זיך
אַליין אין זיין עיגול,
אַ מאַרק אָן כוחות,
א מאַרק אָן פליגל.

געפאַלענע מענטשן,
יורדים מידע.
ליידיק־געקומענע
פון אַלע יאַרידן,

מיט בערד מיט וואָכיקע,
פּנימ'ער בלייכע.
אויגן—פאַרטומלט,
פאַרטונקלט, פאַרויכטע.

אַ פרעג ביי דעם,
אַ זוך ביי יענעם,
און אַרונטערגעלאָזט
די שטעכיקע ברעמען.

הילפלאָז

כהאָב אויך דאָ צוגעטראָגן צו דער וועלט
מיין קווינטל גאָלד, מיין פּינטל שיינקייט.
איצט מאַך איך צו די אויגן און די הענט
און וואַרט אויף קרומע יאָרן פון ירידה.

כוועל אָפּהאַלטן מיין צונג פון שכלדיקע רייד,
וועל מיט מיין אַלטער, ווייסער באָרד
ניט קומען אויף דער בימה לערנען פרומע מידות.
מיין עדה פון אוקריינע און פון ליטווישן עמק—
זיי ווייסן וואויל, אַז איך בין אויסגעוועזן אַ גרויס שטיק וועלט
זיך אָנגעהערט מיט בונטער ווילדער חכמה
און קיין העל־בשורהלע פון ערגעץ ניט געבראַכט פאַר קיינעם
און פון די טויזנט און איין נאַכט משלים, מעשות,
וואָס כהאָב זיך אָנגעטרונקען אינם דאָרפישן פּאָלק
גלוסט זיך מיר קיין וואָרט נישט ריידן.
כיוועל ווינקלדיקע שלווה.
נאָכדעם אפשר וועט מיר אויפבליען אַ ניי־דערוואַכן,
אַ פריש גוט וואָרט, אַ פשוט'ס און אַן אמת.
וועל איך אין קלאָרן אָוונט שטעלן זיך ביים שוועל מיט:
אַ גוטמאָרגן דיר, באָבע וועלט!
אַ גוטער מאָרגן דיר!
און באַלד מסתמא זיך צוריקכאַפּן,
אַריינלויפן אין שטוב,
און מיינע באַקן וועלן בלייכן זיך אין יאוש,
און וויסט וועלן אַראָפּהענגען מיר מיינע קאַלטע הענט.

די ליבשאַפט

די שיינקייט האָט קיין הויז ניט.
די ליבשאַפט — ניט קיין היים.
דער ליכטיקער בעל שם טוב
פירט פורלאַך זאַמד און ליים.

ער וועט אַ שטיבל בויען
דער שיינקייט אויף דער וועלט.
אין יעדן ווינקל ברענגען
די בלויקייט פונם פעלד.

דער ליבשאַפט וועט ער ברענגען
וואָס זי באַגערט און וויל.
די ליבשאַפט איז אַ גוטע
און וויל אַזוי־ניט־פיל—

אַ מילדן טאָג אין פענסטער
אַ ליכטיק קינד אין וויג
און אין דער נאַכט פון חלום—
דער שטערן־וואונק פון גליק.

און ס'קומט די טויב — די ביינקשאַפט
און פלאַטערט איבער איר קאָפּ,
און איבערן ליידיקן וויגל
לאָזט זי זיך אַראָפּ.

זי קלאַפּט ביינאַכט אין פענסטער,
רייסט איר פון שלאָף אַרויס,
ביים וואַנט אַ שמאָל געלעגער,
פיר ווינקלען ליידיק־הויז.

ווייט, איבער ליידיקע וועגן,
אין אַלע זייטן וועלט
האָט אירע שאָטן־שומרים
די נאַכט אַוועקגעשטעלט.

נאָר אין אַ הינטערגעסל,
אַ הינטערווינקל וואו,
פינטלט אַ לאַמטערן
און היט די ליידיקע רו...

ביי וועמען זאָל זי פרעגן
וואו ס'פירט דער רעכטער שליאַך,
אַז אַלע היטער — שטומע,
שאָטנס אויף דער וואַך.

וואָס ווייס אַ שטומער שאָטן?
ער שטומט דאָ אָפּ זיין שעה,
און ווי עס נעמט נאָר טאָגן,
איז ער שוין דאָ נישטאָ.

און מיטן טאָגס פאַרבלייען
ווערט גרויער נאָך די וועלט.
און ליידיקער און ווייטער
ווערט הימל, וועג און פעלד — — — —

און . . .

און די הילצערנע צלמים אויף די פעלדער
וועלן אויך אַהינקומען, אַנטרינען.
קיינער וועט זיי קיינמאָל שוין ניט זוכן,
קיינער וועט זיי קיינמאָל נישט געפינען.

איז אויב אַזוי,—וואָס אויב אַזוי? אַט, גאָרנישט.
וואָס איז דאָ דאָ צו זאָגן און צו ריידן.
כ׳ווייס נישט וואָס מיר אומעטן אינאיינעם,
כ׳ווייס נישט וואָס מיר טוען דאָ נאָך ביידע.

ס׳כאַפּט מיך אָן אויף דיר אַזאַ רחמנות,
אויף דיין שטומקייט, אויף דיין מידן אויסזען,
דיין פאַרלאָרנקייט שרומפּט אַזוי אַיין דיין וועזן,
אַז איך קאָן דיך קוים פון דאָרט אַרויסזען.

כ׳זע דיין מיטלייד־אויג איבער מיר פאַלן
און איך שעם זיך אויך מיין קאָפּ אויפהייבן.
פון דער ליבשאַפט איז געוואָרן אומעט,
טרויעריקער שאָטן — פונם גלויבן.

ס׳שענסטע וואָס דו האָסט איז זיך געטראָגן,
האָסטו לאַנג שוין, לאַנג מיר אָפּגעגעבן.
און פאַרטוליעט אין די בלייכע אָרעמס
וואַרעמסטו דיין שפּעטע שעה פון לעבן.

און די וועלט... מיר וועלן פון איר אַרויסגיין,
ווי פון אַ קעלער פון אַ פוילן, פון אַ קאַלטן.
ביידע, איינס אין צווייטן איינגענורעט,
און ווי קינדער ביי די הענט זיך האַלטן.

טריט ביי טריט און אונזערע טריט פאַרציען — —
גוט. מיר רוען, אייביקן. מיר שלאָפן,
האָב איך דיר דען נישט געזאָגט מיט גוטסקייט:
גאָט וועט אונז באַלד אויפהערן צו שטראָפן.

אַט האָט סוף כל סוף אַ סוף גענומען.
אונזער פעטער ברוך, אונזער מומע רויזע —
אינם גרויסן פעלד פון וועלט־פאַרגעסן
שטעקט קוים אַ מצבהלע אַרויסעט.

יורדים

איך האָב פאַרפלאַנצט צוויי ביימלאַך אין מיין גאָרטן
פרי־פרי אין גוטן חודש יון.
ניט ווייט פון איידעלן שטאַכעטן־פלויט
און פאַרן וואַרימען פנים פון דער זון.

דריי יאָר, דריי זומערן, דריי ווינטערן,
זיינען אַוועקגעגאַנגען,
און מיינע ביימלאַך זיינען אַרויסגעגאַנגען
טריט ביי טריט,
טריט ביי טריט.
חנ׳עוודיק זיך שטיל צעוואַקסן
איינס לעבן דעם אַנדערן —
צוויי שוועסטערלאַך,
אַן אַקסל נאָענט צו אַן אַקסל.

אַ רינג מיט קלאָרע, נייע טעג
אַרום מיין גאָרטן אויפן אָפענעם וועג.
און פייגעלען זיינען אויך געקומען
פון אַ וויטן וועג.

און היינט,
צום פערטן יאָר,
אַ בלויער זומער אינדערפרי.
און כהאָב דערזען ביים פלויט די ביימלאַך מיינע
די צוויי שוועסטערלאַך —

אָפגערוקט אַביסל, אָפגעשיידט
איינס פון אַנדערן.

דאָס ביימל ביי מיין רעכטער זייט
איז דאַכט זיך קלענער, שטילער,
ווי דאָס ביימל ביי מיין לינקער זייט,
און אומעטיקער אויך דאַכט זיך, איר הערט?

איך האָב זיך שטאַרקער צוגעבויגן, איינגעקוקט,
און פון גרויס אַנגסט אַ ווייל זיך אָפגערוקט:

מיט אַנדערהאַלבן קעפּ אפשר
פון צווייטן נידריקער.
די צווייגלאַך דינערע,
די בלעטלאַך טונקעלער,
יאָ דאַכט זיך טונקעלער.

און סהאָט זיך מיר געדאַכט אין יענער שעה,
אַז אַרום דעם ביימל אויף דער לינקער זייט
וואַרימט וואַרימער די יונגע זון.
און ביי דעם דינעם שטאַם פון אַנדערן
רינצלט זיך די גראָע בלייכע הויט.
ווי ציטערדיקער, דורכזיכטיקער זייד.

און ליבער פיל, איר הערט?
ליבער פיל איז מיר געוואָרן דאָס קליין ביימל
ביי מיין רעכטער זייט.
אומרואיקער מיין בליק אויף דעם.
יעדן אינדערפרי לויף איך אַרויס
אַ קוק־טאָן אויף זיין ליבן, שיינעם קאָפּ,
אָנרירן זיין אײדעלן שטאָם.

און ווען איך זע ווי סרוקט די זון זיך צו
און שטעלט זיך לעבן דעם צווייטנס פוס
ווילט זיך מיר איינבייגן צו דר'ערד,
מיט לופטיק־ציטערנדיקע הענט
די זון אַוועקרוקן
אַביסעלע אַוועקרוקן.

נו שטיי איך ביי דער זייט
און היט.
און ביי דער צווייטער זייט —
די זון.

איך היט און וואַרט און רוף:
נו, גיכער, גיכער, זון,
גיכער, גיכער, קום אַריבער,
קום אַריבער זון, אַהער.

און סדאַכט זיך מיר, איר הערט?
אַז איך בין עס אַרויס אין אַ געוועט

מיט אַט־דער יונגער, שטאַרקער זון —
ווער ס'איז מעכטיקער —
איך — צי זי?

און מיינעביידע ביימלאַך וואַקסן.
וואַקסן. וואַקסן.
איינס אַ העכערס און אַ שטאַרקערס
און דאָס צווייטע — קלענער,
דינער,
שטילער,
אומעטיקער
און — איר הערט?
דאַכט זיך שענער...

און ווען דער זומער נעמט זיך אָפּקילן,
און קלענער ווערט די זון בייטאָג,
און קינדערשער — פאַרנאַכט,
און סנעמען געלן אַלע גרינע זאַכן
איבער בייט און צוויג,
און מיינע ביימלאַך אויך,
דאַכט זיך מיר, איר הערט?
אַז אויף די צווייגלאַך פון מיין קלענערן בוים
ווערן די בלעטלאַך פריער געל,
און סציטערט דאַכט זיך אויף
מיט אַזאַ איידל ציטערניש.
עס איז אים קאַלט,
ציטערט עס צו מיר,
רופט מיך שטילערהייט,
קלאַפּט מיט אַ צווייגעלע אין פלויט.
איך הער.

און כהאָב זיי ביידע דאָ פאַרפלאַנצט
דעמזעלביקן זומער,
דעמזעלבן אינדערפרי.
פרי־פרי אין גוטן חודש יון,
פאַר די אויגן פון דער גוטער זון.

אַ הונגעריק יאָר

(אַ הונגעריק יאָר לאָזט איבער נאָך זיך
מורא און שוואַרץ אויף די ווענט.
אין ווינקל פאַרדאַרטע, צוריסענע שיך
און קנאָכיקן ביין אויף די הענט,
און געלגרינעם סם אויפן צונג.)

די מויז איז געלאָפן פאַרטאָג דורכן גאַס
צו די פעלדער נאָך אַ קערן ברויט.
פאַרכמורעטער הימל און פעלדער גרוי־אַש,
הינטער פלויטן שאָטנס פון טויט,
און אומעט פון טויט אינדערלופט.

די מויז איז געלאָפן פון די פעלדער צוריק,
צו דער נאָרע אין וואַנט פונם הויז.
אַריין אין פאַרפוילטן האָלץ פון דער בריק
און פאַרמאַכיקט פון דאָרטן אַרויס
און ווייטער געלאָפן איר וועג.

זיך פאַרגנב׳עט אין ווינקל צום דאַרן שוך
און געגריזשעט די טרוקענע פעל.
אין בעט איז געשלאָפן דאָס אינגל,—דאָס בוך
ביי זיין האַנט פאַרדאַרט און געל,
אַ בוך פון אַ הויכן העלד.

דער העלד אויף אַ קופערנעם מעכטיקן פערד
אין גאַלאָפּ איבער באַרג און טאָל.
עס דרייט זיך אַ ראָד אונטער אים — די ערד
פון פייער און שטויב און שטאָל.
ער וועט היינט באַפרייען די וועלט!

דאָרף

קליין וואַסערל אונטערן גרין־פוס פונם באַרג,
איך וועל מיט דיר אָוועקגיין גוט־זייך,
טיילן שעפּטשעניש, ווינטווערטער,
די שעה׳ן און די גראָזן און די ווינטמילן,
וואָס אַרבעטן אַ גאַנצן אָסיען

כ׳וויל האָבן איבער זיך און אַרום זיך
אַ רחבות פון בייטאָג און הימלטיפן.
און איידער כגיי אַריין אין שאָטן פון פאַרנאַכט,
זען די וועלט זיך שפּילן קינדערש, חלומדיק, גאָלדיק,
און ווען דאָס גאָלד נעמט אויסגיין,
אַריינטרעטן מיט פאַרכטקייט
אין בלויען קאָרידאָר פונם פאַרנאַכט
און ווייטער טונקלער טרעטן אין די טונקלקייטן.
קליין וואַסערל איבער דער אומענדלאַכער רו און ערד.
אַלע וועלדער שלאָפן.
אַלע פעלדער רוען,
אַלע ערדן ליגן שטיל.
און מיר ביידע גייען, גייען,
גייען זיי פאַרביי.
וואוהין גייען מיר?
צו די בערג
צו די שטילסטע בערג.
צו די אַלטסטע וועלדער.
צו די ברעגן וועלט.

שלאָף, מאַמע...

שלאָף, מאַמע, אַביסעלע שפּעטער,
אין מאַרק איז נאָך קיינער נישטאָ.
רעגן און ווינט און בלעטער,
אומעט און האַרבסט און גראָ.

ווער איז מיט אונז שוין געבליבן?
דריי ליידיקע שטיבלאַךביים שליאַך.
פליט נאָך אַ פייגל אַריבער
איבער אַן אָבלדיקן דאַך.

אַ שורה פאַרשלאָסענע קראָמען,
הענגט נאָך אַ שילד אויף אַ וואַנט.
זשאַווערט און לעשט זיך אַ נאָמען
און רופט מיט ביינעריקער האַנט.

אינוויינ יק שלאָפט נאָך אַ שאָטן —
אַ זייכער פון נעכטן, פון פריי׳ר.

טוט נאָך אַ ווינקל אָן אָטעם,
אַ שאָרך און אַ שאָר צו דער טיר.

אַ פורעלע ווייזט זיך פונוויטן,
און קערוועט זיך אַפּ אָן־אַ־זייט.
אַ שורה פאַרשלאָסענע קלייטן
שוואַרצן אַרויס פונדערווייט.

סוף־טעג

נאָך עפּעס געבליבן אין קלייטל
מען וועט עס פאַרקויפן באַלד.
אַ פּאָר טעג וועט די מאַמע דאָ זיצן
אין פיר הוילע, קאַלטע ווענט.

אַ פויערל פרעגט נאָך אויף עפּעס,
שאָקלט די מאַמע דעם קאָפּ:
שוין גאָרנישט נישטאָ, טשעלאָוויטשע,
און שמייכלט קינדערש און אַלט.

הינטער איר — ליידיקע פּאָליצעס,
די ליידיקע באַנק און די וואָג.
סוויל זיי שוין קיינער נישט קויפן,
שטייען זיי טונקל און קאַלט.

זיי וועלן דאָ איבערבלייבן
הינטער לאָדן און טיר פאַרמאַכט.
די מאַמע וועט מיט זיי זיך געזעגענען
היינט־מאָרגן, מאָרגן פאַרנאַכט.

וואו?

וואו וועט איר מיך לידער, דערפירן?
וואו וועט איר מיך, לידער, דערזינגען?
כהאָב ליב שטיבער מיט נידריקע טירן,
פון קלויסטערס דאָס ווייטע קלינגען.

און אויף בריוו, אויף בריוו — ליב צו וואַרטן,
אַזוי ווי אויף טייערע בשורות.

און דאָס גאָלדענע שווייגן פון פאַרנאַכט־רו,
און די לידערס לעצטע שורות.

און — ליב דאָס אַוועקגיין פונדאַנען
אויף קיינמאָל צוריק־זיך־נישט־קערן.
און דאָס שטילע, דאָס שטילסטע דערמאָנען
זאָל זיין לויטער ווי דאָס ליכט פון די שטערן.

און דאָס זילבער פון טרערן פאַרוואַנדלען
אין גאָלד פון געשליפענעם שווייגן,
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
און די מאַמע איז געזעסן געבויגן —

אַריבערן וויגל און געשוויגן,
איז דער פאַרנאַכט צום פענסטער געקומען
און דעם טרויעריקסטן, היילקסטן ניגון
אָן ווערטער געגומען ברומען.

אָ געבענטשט איז די שעה און די רגע
ווען דאָס ליד זוכט קיין וואָרט נישט מערער,
און האַלט פאַר זיך אַליין וועגן
דאָס ליכט און דעם חסד פון טרערן.

וועסטו היילן מיך, גאָט, פון יסורים,
איז וואויל און ווען ניט — איז מילא.
אין שאָטן פון בערגלאַך און קברים
איז פרידלאַכע שטילקייט אַ היילונג.

האָסט מיר קינדווייז נאָר עפּעס פאַרשפּראָכן,
און — מסתם מיר שוין לאַנג אָפּגעגעבן.
כלייען מעשהלאַך בלויען ביטחון
צוליב הימלאַכקייט נאָר מיטן לעבן.

און באַשיידן זיי זיך דאָ לטובה?
איך וויל זיך נישט קינדערש פאַרשטילן.
אויך ביים סוף קאָן מען זאָגן מה־טובו
און מורמלען אַ ניגון פון תהילים.

און אַליין זיך אין לעצטקייט באַלייטן,
נישט טראַכטן אַז סהאָט ווער פאַרגעסן
צו קומען אַ לעצטן מאָל ריידן
אין טרייסט פון געווען און געוועזן.

מענטשן

אַזויפיל הייליקע מענטשן לעשן זיך
און חורבן דעקט זיי צו מיט אַש.
און מיר, די וואָכיקע, די וואָכיקע,
קריכן אום דאָ אין דער קאַלטער גאַס.

פון אַלע מזרחן און מערבן און דרומס,
שטרעקט מען צו אונז שרייענדיקע הענט.
מיר וואַרפן בערג מיט גראָשנס, גראָשנס
און דאָס שוואַרצפייער ברענט און ברענט.

ברידער, שוועסטער, קינדער, אידן,
וואו זאָלן מיר זיך אַהינטאָן אין אַזאַ וועלט?
די אימה באַהאַלט זיך און וואַרט אויף אונז
אַפילו צווישן די גראָזן אין פעלד.

און אונזער גאָט, ער זיצט מסתמא ערגעץ
אין אַ בית מדרש אַ לעצטס הינטערן שטאָט.
געבליבן נאָך מסתם אַ הויפן ציגל,
אַ הייליק ווענטל הינטער לעמבעריק צי בראָד.

אַ פרקל משניות אויף רבנים,
אויף פראָסטע אידן אויך מסתם, מסתם,
און איך — וועל אָנשרייבן דאָ אַ קאַפּיטל ליריק,
אַ קאַפּיטל תהילים אויף אַ לעפל סם;

אַ קאַפּיטל תהילים אויף אַ קינד אַ גוסס,
אַ פאַרגעסנס ערגעץ אין אַ טויטער שטוב;
אַ קאַפּיטל תהילים אויפן הייליקן רידל —
אַ מצבה אויף אַ לעבעדיקער גרוב,

וואָס דער קאַלאָמייער סופר האָט געגראָבן
פאַר זיך און פאַר זיין קראַנקער ווייב.
צענמאָל זיינען זיי אַהין אַריינגעשפרונגען
פאַר גאָט און גרויסדייטשלאַנדס צייטפאַרטרייב.

אַ קאַפּיטל תהילים פאַר מיין מידן ברודער
ישראל שטערן הינטער דער געטאָ־וואַנט.

ער איז מסתמא געשטאָרבן ערב שבת
מיט אַן אַלטן סידור אין זיין אַלטער האַנט.

און נישט ווי איך, געביטערט און געצאָרנט,
זאָל ער מיר מוחל זיין, נאָר ער, נאָר ער,—
איך זע אים מיט זיין טאַטנס שוואַכן שטעקן —
אַ הייליקע, די הייליקסטע שווערד.

און איך בין דאָ אַן אבל געבליבן
פלעמל נאָך מיין נשאר קיום מיט אַ וואָרט
וואָס איז אונזער ליד דאָ? אַן אָרים־יאָרצייט
נאָך אַ דיינס אויסגעפליקטער באָרד.

נאָך אַ קינד פאַרלאָרן איבער וועגן,
נאָך אַ תליה פון אַ אינגל אויף אַ בוים;
נאָך די ביינער פונם ווייסן ציגעלע
וואָס טריקענען אונטער אַ בערגל ליים.

מיט אַלע וואָגלער האָט עס אויסגעוואָגלט,
זיך אָפּגעשטעלט ביים מיל, ביים ברייטן טייך,
דאָס וואַסער אויך אַדורכגעשוואומען
און געקומען צו אַ הויפל קויל און רויך.

וועגט און שוועלן, ציגל, קוימען,
וויגעלע און שטריק און שטיקלאַך שויב.
און אַ ספרל מיט געלע, אַלטע בלעטלאַך,
און אַ קינדערש־ווייסע לייוונט־הויב.

האָבן זיך די חורבהלאך אַלע געריוכערט
ברוין און בלוי און זיך געלאָשן קיל.
און די וייטע וועגן און די פעלדער
האָבן זיך געצויגן שטום און שטיל.

איין אַליין איז ציגעלע געגאַנגען,
נישט געזען און נישט געהערט — אַליין.
אַלע בינטלאַך אידן זיינען זיך צוגאַנגען,
איין־אַליין און צווישן בערג געבליבן שטיין.

צוגעזעצט זיך אויף די הינטערשטע פיסלאַך,
געזעסן און זיך צוגעלייגט אַ וויל.

גע̇לעגן און גענומען דרימ̇לען
מיט אַ קינדערש־צעעפנט מויל.

האָט זיך ציגע̇לע געח̇לומט אַ ח̇לום
פון אַ וויגעלע אַ גאָלדנס, אַ שיינס.
זיצט די מאַמע און וויגט דאָס וויגע̇לע
וויגט און זינגט אַ לידעלע אַ שיינס.

ש̇לאָפט אַיין ציגע̇לע, דרימ̇לט, דרימ̇לט,
און דער ח̇לום ש̇לאָפט אויכעט אַיין.
ביי אַ ̇ליימיקן בערג̇ל הינטער קאָרעץ
רוט דעם ציגע̇לעס אָרים געביין.

* *
*



דוד בעקער — דער בעל מקובל

אברהם ביק

ירושה און טראדיציע

א. השפעה און נוסח

אויב עס שלאָגט ערגעץ א קוואל מוז דער באָדן ארום פארמאָגן וואַסער, ווייל אנדערש וואָלט דער קוואַל ניט געקענט ארויסשלאָגן.

די פאָרם־איינפלוסן פון דער אייראָפּייאישער קולטור האָט דער נייער יידישער און העברעאישער שרייבער אפשר באקומען פון דרויסן, דעם סטיל און דעם נוסח — פון די אייגענע טיפענישן, פון אלטן קוואַל.

עס וואָלט געווען אינטערעסאנט דורכצופירן די אויספאָרשונג פון יידישן נוסח און סטיל פון דער מאָדערנער העברעאישער און יידישער ליטעראטור פון מענדעלע, שלום עליכם, פרץ און ביאַליק ביז די בייסטע פּראָזאאיקער און פּאָעטן. לאָמיר זיך דאָ באגנוגענען מיט שטריכן, בלויז עטיודן.

עס איז אן אָנגענומענער כלל אז מענדעלעס סטיל איז דער סטיל פון לעבן. דער זיידע האָט גענומען דאָס וואָרט פון פאָלקס־מויל, פון גאַס, פון מאַרק, און האָט עס געשניצט און געטאָקט. אויסגעשאָרפט און אויסגעשליפט אזוי אז דעם וואָרטס געבוירענע חנ'ען האָבן צוגעקראָגן נאָך א חן — די איידעלע שיינקייט און קלוגשאפט פון א קונסטווערק; פונקט אזוי האָט אָבער מענדעלע מוכר ספרים געגעבן און ארייננגעגעבן אין זיינע צייט־שילדערונגען דאָס אַלט־נוסח'דיקע. ווער וועט ניט דערקענען אין זיידנס לשון די רייכע איינפלוסן פון דער משנה־מדרש־גמרא־מפרשים; די "די־לחכימא־ברמיזא"־שפּראך (וואונק און אָנדייט) פון אונדזערע ראשונים און אחרונים.

די באציאונג צו וועלט און לעבן איז בא מענדעלען געקומען צום אויסדרוק אין דעם טאָן פון זיין וואָרט וואָס איז דורכאויס יידיש. די מענטשן ווי די כלי־בית, די בעלי־טאַקסע מיט די באַדלייט, די יידישע קליאַטשע מיטן תוספות־יום־טוב קעלבל; דער פאַראידישטער וואַלד און פעלד און די סאָראָקע אין תכלת, אלץ שמעקט מיט אלט־יידישן נוסח. אין זיידנס סטיל

איז דאָ די השפּעה, דער נוסח פון די אַלט יידישע שאַפונגען.

באַ שלום עליכמען געפינען מיר דעם אָפּקלאַנג פון דעם נגון און סטיל פון תורה לערנען. אַט דער פּעפּערדיק־בשמים׳דיקער לשון, בליציק מיט די חלף־שאַרפע עפּיטעטן, פון אים הערט זיך אַרויס דער אונטערטאָן פון ״מאַכט רש״י״, פונעם תוספות׳דיקן ״ויש לומר״. שלום עליכם איז ניט בלויז געווען דער קינסטלער פון דער יידישער דינאַמיק, נאָר אויך די שלום־עליכם׳שער תנועה. זיין וואָרט־מאַטעריאַל, וואָס איז גענומען פון די טיפענישן פון פאָלק, איז דער לשון פון יידישער טראַדיציע.

דער ייד מיט דער יידענע וואָסריידן בלויז פון מילכיקס; מנחם־מענדל, וואָס דולט זיך מכּח פרעמדע אויסגעדאַכטע מיליאָנען און אפילו טביה דער מילכיגער — די אַלע פאַרשוינען וואָס דרייען זיך אַרום גרויסע געווינסן ״אוצרות״ און פלאָנטערן זיך אין די ענגע דלד־אמות פון זיין מאָס רייד און תנועות — דאָס אַלץ דינט ווי אַ באַווייז אַז דער קוואַל פון שלום עליכמס וואָרט איז דער אַלטער יידישער נוסח און שטייגער פון דורות.

י. ל. פּרץ האָט מיט זיין עקספּערימענטאַרישער סטיכיע אויסגעפּראַוווט אַלע סטילן פון דער יידישער טראַדיציאָנעלער ליטעראַטור די קורצע מימרא (פּראָזע) פון גמרא, די פאַנטאַסטיק פון מדרש די אַלעגאָרישקייט פון משלי דער גלאַנץ פון די פאַנטאַסטישע היכלות פון דער זוהר־לעגענדע.

פון י. מ. ווייסענבערג׳ס געזונטן רעאַליזם ווייעט דער פּשוטער העברעאישער קדמונישער סטיל, דער פּרימיטיווער נוסח פון דער חומש׳דיקער מעשה און נאַטוראַליסטישקייט פון יהושע, שופטים און די ערשטע נביאים.

דוד בערגעלסאָן האָט דעם טאָן און סטיל פון די קלאַסישע מוסר און חקירה ספרים מיט זייער שווערקייט, אָנגעלאָדנקייט און וואָגיקייט פון וואָרט.

דער בערגעלסאָנישער סטיל, וואָס אָטעמט מיט אַזאַ שעפעריש דערהויבענעם גייסט־אומעט דער סטיל וואָס טראָגט מיט זיך די ריחות פון סוף־זומער, שמעקט מיט האַרבסטיקער עלעגיע און עפּישער רואיקייט. אין דער פּסיכיע פון זיין געשייערט לשון איז דאָ דער נוסח פון קהלת־קלוגשאַפט.

ביישפּילן? עס איז שווער צו ציטירן. עס איז אָבער אויך שווער זיך אָפּצוזאָגן פון ברענגען כאָטש אַ פּאָר מוסטערן. לאָמיר כאָטש איין זאַפּ טאָן פון דעם בערגעלסאָנישן ברונעם:

״יעדער מענטש האָט ער איר פאַרצייכנט, וואַרפט זיין נעץ אין ים אַריין, און יעדערן שיקט זיין מזל עפּעס צו. יעדערער האָט פאַר זיך אַ טרייסט, איז, אָט, אַמאָל קאָן דאָך טרעפן: נאָך לאַנגע יאָרן שלעפּט אַ מענטש זיין נעץ פון ים אַרויס און זעט, אַז זי איז פּוסט — זיין מזל האָט אים גאָרניט צוגעשיקט. מילא, זאָגט דער מענטש צו זיך, וועט שוין זיין אַזוי... וועל

איך שוין ווי ס'ניט איז דורכקומען אַן א טרייסט, אָן א פרייד ביי זיך אין הארץ" (אָפגאַנג).

אַט די לירישע געמיט־וויבראַציעס דערמאָנען אַזויפיל אין די גלענ־צענדע עפּיגראַמען פון קהלת ("שיק ארויס דיין ברויט אַף דעם פּנים פון דעם וואסער, ווארן אין א סך טעג ארום וועסטו אים געפינען". וואָרן דער מענטש טוט אויך נישט וויסן זיין צייט: ווי די פיש וואָס ווערן געפאנגען אין א שלעכטער נעץ" (קאַפּיטל ט').

בערגלסאָן דער מייסטער פון לירישן געמעל, פון אימפּרעסיע אין דער פּראָזע, האָט אריבערגעטראָגן קהלת'דיגע שטימונגען אין זיינע ווערק און זיי קוקן ארויס פון זיינע ביכער ווי בלעטלעך פון זאַטע בלומען אין א שפּעט־זומערדיגן גאָרטן.

"דאָרטן זאָגט ער, צווישן פארשטיינערט־שווייגנדיקע בערג און שטילע אָזערעס, שטאַרקט זיך אין אים די איבערצייגונג אַז מענטשן וועלן סוף כל סוף טומלען אויפהערן און וועלן מיט איינעם און דעם זעלבן שמייכל דעם טויט מיטן לעבן באַגעגענען" (נאָך אַלעמען), אַ וואַריאַציע פון קהלת "הכל־הבל".

דעם נסתר'ס ווערק זיינען געבויט אוי ךאַלטע סיוזשעטן פון "קו הישר" (אַ מיטלאַלטערלעכער מוסר ספר אויף עברי טייטש) אין פאָרם פון קבליסטישע חלומות ווי די פון ר' חיים וויטאַל. עס איז ווי דער נסתר וואָלט אונדז מיט דעם געעוואָלט לאָזן הערן אַז יידישער סטיל ווערט געשאַפן נאָר דעמאָלט ווען מיר פארסינטעזירן דעם מאָדערנעם שאַפן מיט דער וואָרט־ירושה פון פארצייטנס.

פונעם נביאישן איינפלוס אויפן גרויסן חיים נחמן ביאַליק איז דאָך אָפּגערעדט. זיין גאנצע כשופדיגע פּאָעזיע לייענט זיך דאָך ווי קאַפּיטלעך ירמיהו און עמוס.

ביאַליק האָט שוין גאָר א גרויסע שייכות צום ענין טראַדיציע און ירושה. לאָמיר טאַקע דאָ צו זיין צענטן יאָרצייט (1934—1944) זיך אָפּ־שטעלן אויף דער גרויסער פּרשה וואָס הייסט ביאַליק.

ב. „נישט פון הפקר איז ס'ליד מיר געקומען"

נישט נאָר דער פלאַנעט און די מענטשלעכע געזעלשאַפט לעבן איי־בער צייטן פון וואולקאַנישע אויסברוכן — און דערביי ווערט פולשטענדיק פארענדערט דער כאראַקטער פון דער געגנט, אָדער פון דער סאָציאַלער סטרוקטור — נאָר אויך יחידים לעבן איבער דערשיטערנדיקע צייטן, וועל־כע מערקן אָן א שאַרפע ליניע צווישן זייער פריערדיקן לעבן און שאַפן

און זייער נייעם לעבן. און נאָך עפּעס: אָט די וואולקאַניש־דערשיטערנדיקע אויסבראָכן, וואָס קומען פאַר, אין פלוג פּלוצלונג, זיינען פאַקטיש ניט קיין פּלוצימדיקע. זיי זיינען אָן ספק א רעזולטאט פון פריערדיקע, אָפט מאָל לאַנג־דויערנדיקע פּראָצעסן.

ח. נ. ביאַליק קאָן דינען פאַר אונדז ווי א בולטער ביישפּיל פון אזא מין וואולקאַנישער איבערגעשטאַלטיקונג און איבערפורעמונג פון א פּערזענלעכקייט.

די פּאָעמע "אין שחיטה שטאָט" (אויף העברעאיש "בעיר ההרגה") וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אן אנטשיידנדיקע גרענעץ־ליניע אין זיין פּאָעטישן שאַפן.

"ביאַליק — האָט בעל מחשבות געשריבן — באַנוצט ווערטער ווי מען באַנוצט גראָבע גאַסנדיקע ברוקיר־שטיינער, ווען מ'וויל בויען א טורעם, אָדער א בערגל צו א מזבח, ווייל אויך אין גראָע ברוקיר־שטיינער לעבט גאָט'ס אָטעם".

אין דער "שחיטה שטאָט" איז מיט א פּסיכישער קראַפט געקומען צום אויסדרוק דער צער און צאָרן פון א פאָלק אין די טראַגישע מאָמענטן פון חורבן און אומקום. אין דער פּאָעמע וואו ער האָט גענוצט "ווערטער ווי גראָב גאַסנדיקע ברוקיר־שטיינער", האָט זיך אַנטפּלעקט זיין הייסער נביאישער אָטעם און פּאָעטישער וויי. די "פּראָסטע" ווערטער פון "צער און צאָרן", די שטראָף פאַר דער אָנמעכטיקייט וואָס ער האָט אונדז געוואָרפן — אין דעם איז געווען דער ווילן אויפצוועקן אין אונדז אליין דעם כח און דעם באַוואוסטזיין פון נאַציאָנאַלער ווערדע. זיינע ווערטער האָבן טאַקע עקספּלאָדירט און האָבן אויפגעציטערט די גאַנצע אומה.

דעם דיכטערס אָפּרוף אויפן קישענעווער פּאָגראָם דורך א וואולקאַנישן אויסברוך פון זיין פּאָעטישער קראַפט, איז אָבער נישט געווען קיין צופאַל און איז ניט געקומען פּלוצים. שפּורן פון דער דאָזיקער בונטאַרישקייט זיינען אין זיינע לידער שוין געווען פריער. נאָך אין זיינע ערשטע שאַפונגען איז שוין געווען דאָס גרויסע אחריות געפיל פאַר קאָנטינואיטעט, פאַרן קיום פאַרן עבר און פאַר דער צוקונפט.

נעכטן, היינט און מאָרגן, זיינען ענג צוזאַמענגעבונדן. ביים אמת'ן קינסטלער איז די איצטיקע צייט א פּונקט וואו דער עבר ענדיקט זיך און וואו די צוקונפט הייבט זיך גלייך אָן.

"אין א שטראָם איז דאָס וואסער, וואָס דו באַרירסט — דער סוף פון א כוואַליע וואָס איז פאַראיבער, און דער אָנהויב פון אַ כוואַליע וואָס קומט און אזוי איז אויך דער היינט" (לעאָנאַרדאָ דא־ווינטשי).

אויך די וואָס קומען אויף אין שטורם זיינען יורשים פון א פריער. ביאַליקן האָט פון אָנהויב אָן געלאָקט דאָס עפּישע און געכשופט דאָס נביאישע. ער איז אפשר געווען פון די ערשטע ביי אונדז, וואָס האָט געבראָכן די גרענעץ ליניע צווישן יחידות'דיקער און סאָציאַלער פּאָעזיע. נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלע, יידיש־עטישע מאָטיוון זיינען שוין געווען אין

זיין ערשט ליד "אל הצפור". ניט אומזיסט איז ער גלייך געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען "נאַציאָנאַלער פּאָעט", "נביא". זיין פולער פּאָעטישער א י ך האָט זיך אָפּגערופן אויף די נאַציאָנאַלע צייט־געשעענישן. די געשעענישן האָבן זיך צו אים אריינגעריסן דורך זיינע חושים און זיינע געוואָרן זיין סטיכיע, זיין פּערזענלעכער וויטיק. ער האָט זיי געגעבן א תיקון דורך זיין דיכטעריש וואָרט. א באַזונדערע קראַפט און ספּעציעלן ווערט האָט אָבער זיין שירה באַקומען אין די צער און צאָרן לידער. זיין וואָרט איז שטאַרקער, שטאָלצער און שוואונגפולער געוואָרן. די דיכטונג האָט ביי אים באַקומען א נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מיסיע.

ווי געזאָגט זיינען שוין די ערשטע לידער ביי ביאַליקן געווען פול מיט פּאָעטישער שטאַרקייט. וואונדערלעכע בילדער, אימפּעטפולער ווילן, דראַנג צום אַלטן קוואַל, צו אידעע, צו באַזינונג, צו לייטערונג, לירישער פייזאַזש און ציטערדיקע עלעגיע. הויכע און רייפע פּאָעטישע דערגרייכונג. דער קיעשענעווער פּאָגראָם האָט פּרקירוועט זיין ליד צום איצט — צום היינט.

זיינע פריערדיקע היסטאָרישע וויזיעס זיינען אקטואליזירט געוואָרן אין לעבן, זיי זיינען פּאַראייניקט געוואָרן מיטן טעמפּאָ פון דער קאַטאַסטראָפאַלער געשעעניש, מיטן תוך פון דער פאָלקס־טראַגעדיע און עס האָבן אָנגעהויבן ארויסשלאָגן לידער פון נאַציאָנאַל־בונטאַרישן כאַראַקטער —לידער פון "צער און צאָרן".

די פאַרבענקטע קלאַנגען פון זיינע פאַרגאַנגענע קינדער יאָרן, האָבן זיך ביי אים געביטן אויף קלאַנגען פון שטאָלצער העראָאיק, קאַמף און בונטאַרישקייט האָבן זיך ביי אים געמישט מיט גאַליקן שפּאָט צו מיאוסקייט און שפלות.

די פּאָעמע פון "צער און צאָרן", וואו עס קומט צום אויסדרוק דער פיין פון א פאָלק און די אכזריות און שפלות פון דער גזעלשאַפט, וואָס פייניקט דאָס פאָלק, פאַרענדיקט זיך מיט טיף פערזענלעכן פיין פון א מענטשן וואָס אין אים ברענט דאָס "וואָרט". דאָס איז געווען א פאַרוואַנדלונג פון דיכטער. אזא אינעווייניקסטער צוזאמענגוס פון ריטם און אינהאלט איז געווען א באַשטעטיקונג אז ביאַליק איז צוגעקומען צום סאמע הארץ־שלאָג פון זיין תקופה.

אין דער פאַראייניקונג פון זיין קינסטלערישן ווילן מיטן "צער און צאָרן" פון זיין עפּאָכע שטאמט אויך זיין אָפנהארציקייט מיט גאָט, זיין געשריי און לעסטערונג קעגן די הימלען.

דער אמת'ער קינסטלער מוז אָפט פאַרלאָזן די הויכע אצילותדיגע ספערן און אַראָפּנידערן צום פאָלק כדי אויסצולאָדן דאָרט זיין געטלעכע שפע.

"להיפוך צו די היינטיקע גאָט זוכער, וואָס לויפן צו גאָט און קאָנען אים ניט דערגרייכן, האָט ביאַליק געהאַט דעם געבענטשטן מוט אַראָפּצוגיין פון זיין געטלעכער אַלימפּישקייט און אנטלויפן — ווי יונה הנביא

— פון גאָט״ — (״ביאַליק הבורח מפני האלהים״, דר. יעקב קלַצקין, ״תחומים״).

״שמים בקשו רחמים עלי
ים יש בכם אל ולאל בכם נתיב
ואיני לא נצאתין —
התפללו אתם עלי״.

(הימלען בעט רחמים פאַר מיר, אויב ס׳איז דאָ אין אייך א גאָט און צו אים האָט איר א וועג און איך האָב אים ניט געפונען — בעט זשע איר פאַר מיר!)

דאָס איז ניט קיין וואולגאַרע גאָט־לעסטערונג נאָר איובשער רע־וואָלט, ספקות, וואָס זיינען די צווייטע זייט פון עכטן גלויבן, אמונה אין אמת וואָס איז העכער פון שיינקייט אפילו.

״אם יש צדק מיד יופיע
ואם אחרי השמדי מתחת הרקיע —
הצדיק יופיע
ימוגר נא כסאו לעד״.

(אויב ס׳איז דאָ גערעכטיקייט — באַלד זאָל זי דערשיינען! נאָר אויב נאָכדעם ווי איך וועל פאַרטיליקט ווערן פון אונטערן הימל, וועט זיך די גערעכטיקייט באַווייזן; זאָל זשע איר שטול אויף אייביק צעשמעטערט ווערן״).

דער דרייסטער אַרויסרוף פון יענער צייט, אין אָנגעזיכט פון תליונס האַק, האָט ביי אים אַרויסגעכשופט די אָנגעזאמלטע פּאָעטישע ענערגיע און זי איז געוואָרן אַלץ שאַרפער און דרייסטער.

״חלליכם — חללי חנם, וגם אני
גם אתם
לא ידענו למה מתם, ועל מי
ועל מה אתם
ואין טעם למותכם, כמו אין טעם לחייכם״

(אייערע קרבנות — זיינען אומזיסט און איך מיט אייך ווייסן ניט פאַרוואָס און פאַר וועמען איר שטאַרבט. אייער טויט ווי אייער לעבן האָט קיין זין ניט״).

מיינט עס ניט א פראַגע צייכן אויפן גאַנצן זינען פון יידישן מאַר־טירערטום? דער דיכטער, וואָס האָט געשטורעמט קעגן די הימלען, גע־שפּאָט פון גאָט ״א אָרעמאַן ווי איר״ וואָס פאַר א שייכות האָט ער געהאַט צום דורות׳דיקן געלייטערטן קדוש השם?

עס וואָלט לייכט געווען אָנצעווייזן אויף נאָך שורות און פערזן וואָס לייקענען פון אויבן אויף דעם תוך פון דורות'דיקן קדוש־השם. אָבער עס איז קיין שום ספק ניט אַז ביאַליק האָט איין מקור פאַר אַלע מאָטיוון און דאָס איז די לײדנשאַפטלעכע בענקשאַפט נאָך ירושהדיקער קדושה, נאָך הייס־געזוכטער טראַדיציע פון דורות.

"צו זאָגן וועגן ביאַליקן אַז ער איז פאַרפלאַנצט אין טראַדיציע, האָט די דעפיניציע דעם זעלביקן זינען ווי צו זאָגן, אַז דאָס וואַסער איז פאַר־גאָסן מיט וואַסער, אָדער אַז די זון איז באַלויכטן פון זון. נישט ביאַליק שטעקט אין דער טראַדיציע נאָר ער איז די טראַדיציע אַליין" (צבי הירשקאָן "ביאַליק און אחד העם", סטודיאָ אָקטאָבער, 1934).

ביאַליק האָט זיך אַנטפּלעקט אין שטורם פון צייט אָבער די קלאַנ־גען פון צער און צאָרן זיינען אויך געווען טענער פון שטאָלצער העראָאיק, פון מארטירערישן עבר. און דערפאַר זיינען אפילו אין די פּאָעמען פון צער און צאָרן דאָ די טיפע פאַרבונדנקייט מיט די שטאָלצע לײדן פון די וואָס זיינען געגאַנגען על קדוש השם.

"ארויס קריך, מענטש, קום ווייטער כ'וועל דיר וויזן
באהעלטענישן — שטאַלן פון חזרים,
און זע מיט דיינע אלע אויגן אלע מיסטן,
וואו דיינע ברידער, חשמונאים יורשים.
די אייניקלאך פון אייביקע קדושים
אין יעדער לאָך צו דריי מנינים
האָבן אין יענעם שחיטה טאָג זיך אויסבאהאלטן
און גרויס געמאכט צווישן מיסט מיין נאָמען".

חוץ צער און צאָרן איז אויך דאָ טראַדיציע, גבורה און קדושה, ווייל ביאַליקס ליד וואָרצלט אין עבר.

"ניט פון הפקר איז ס'ליד מיר געקומען".

ניט אומזיסט איז גלייך נאָך דער דערשיינונג פון ביאַליקס צער און צאָרן ־פּאָעזיע אויפגעקומען אויף דער אידישער גאַס דער העראָאישער זעלבסטשוץ, א ניי רינגעלע אין דער שטראַליקער קייט פון קדוש השם. דאָס האָט דער דיכטער געגעבן אַן אויסדרוק צו דער אָנגעזאַמלטער גבורה און קדושה אין דעם מאָמענט ווען די יוגנט האָט זיך געפילט דערוואַקסן צו דעם מסירת־נפש'דיקן העראָאיזם און עס איז געשאַפן געוואָרן די זעלבסטשוץ אין די שטעט פון רוסישן תחום המושב.

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע מאָמענטן אין ביאַליקס פּאָעזיע וואָס איז נאָך ווייניק אָפּגעשאַצט געוואָרן איז נאָך מיין מיינונג זיינע לידער

וועגן טאַטן. דאָס דערהייבן פון זיין פאַטערס עלנט לויטער לעבן צו דער מדרגה פון קדושה. צו זיינע לידער פון לייטערדיקן צאַרן איז די לעצטע יאָרן צוגעקומען דאָס ליד וועגן טאטן ("אבי") — א לעבן וואָס שלאָגט מיט טראגיק א באַליידיקטס און צעפייניקטס פון גורל.

"נגלה עלי ראש אבי,
גלגלת קדוש מעונה.
מאחרי חביות מזג על גבי ספר
צהוב גוילים".

ליבע צום פאַטערס יסורים און הייליקער ציטער פאר א "שארבן פון א הייליקן, פארפייניקטן", וואָס האָט זיך געוואַלגערט "אין א מסיבה פון שכורים און אין דער טומאה פון א שענק שטוב", און פון א אָרעמען אידן וועמענס עלנט ברענט אין זיינע ביינער וואָס ער קען ניט מוחל זיין זיין פיין "אויך דיר מיין גאָט, קען איך ניט מוחל זיין", אָבער ער ווייסט אויך אַז זיין פאָטער געהערט צו די פארפייניקטע קדושים ווייל:

"ניט פון הפקר איז ס'ליד מיר געקומען". . . . .

* *
*

שמואל יוסף עגנון

דער מייסטער פון דער ניי־העברעאישער פראָזע

אין פרט פון טראדיציאָנעלער פארוואָרצלטקייט און סטיל־גע־שליפנקייט האָט די העברעאישע פראָזע דערגרייכט איינע פון די העכסטע מדרגות אין ש. י. עגנונ'ס שאפן.

אין טעמאטיק איז עגנון א יורש פון מענדעלען. אין סטיל און נוסח וואָרצלט ער אין דער גמרא און מדרש.

ווי דער זיידע פון דער יידישער ליטעראטור האָט עגנון אריינגע־בראכט א סך אידיאָמאַטיק און פאָלקס־לשון אָבער דער פונדאמענט פון זיין פראָזע איז געבליבן דער קלאסישער העברעאישער סטיל פון דער אגדה־ליטעראַטור. דאָס איז אָ פראָזע מיט אָ ריטם פון פאָעזיע און עס איז אָנגעקליידט אין לבוש פון שטרייגער עפיק. אין אזא סטיל זיינען געשריבן די פארצייטיקע יידישע אגדות.

און עגנונס סטיל איז צוגעפאסט צו זיין וועלט־באנעם און געפיל. דער נעאָ חסידיזם, וואָס האָט געווירקט אויפן שאפן פון צענדליגער

העברעאישע און יידישע שרייבער, האָט אסך געווירקט אויף עגנונס שאפן. עגנון פאַראידעאַליזירט ניט, פאַרהערלעכט ניט דעם צדיק, נאָר דעם חסיד, דעם פרומען פאָלקס־מענטשן.

זיין גרויסע דערציילונג "הכנסת כלה" איז די אָדיסייע פון חסידיזם. אין דער דערציילונג האָט דער גרויסער העברעאישער סטיל־מייסטער דער־גרייכט זיין דערציילערישע פולקאָמענקייט דורך אַרויסברענגען די עכטע חסידישע פאָלקס־תמימות. די ליבסטע און סימפּאַטישסטע טיפּן אין דער דערציילונג זיינען די חסידישע פאָלקס מענטשן, די וואָס זיינען ענלעך אויף זיין אייגענער טאטע מאמע, אויף זיינע פעטערס און מומעס.

פון דער דערציילונג שיינט ארויס די שיינע עטישע געשטאַלט פון ר' יודלען, דעם הויפּט־העלד. ער איז באשטראַלט מיטן ליכט פון פאָלקס־צרקות, תמימות אמונה און באַשיידנקייט, מיט יענער הויכער חסידישער הומאַנישקייט וואָס פּרץ האָט געשילדערט אין זיין "אויב ניט נאָך העכער".

עגנון האָט אומגעקערט די העברעאישע דערציילונג צו איר אַלטן קוואַל. תורה פסוקים און ווערטלעך פון דער גמרא, וואָס אין יעדער מאָ־דערנער דערציילונג זיינען זיי אזוי אומקינסטלעריש, פלעכטן זיך אריין מיט א הארמאָנישער גאַנצקייט אין דער ראַם פון זיין דערציילונג. זיי פאַר־שטאַרקן דעם איינדרוק און גיבן צו דעם ספור־המעשה א באַזונדער חן. פונעם אופן פון זיין דערציילן דרינגט ארויס די וועלט־אַנשויאונג פונעם קינסטלער. אזוי רעדט ביי אים ר' יודל דער הויפּט־העלד פון "הכנסת כלה":

"פאַרוואָס איז דער מענטש באשאפן געוואָרן מיט צוויי אויגן? ער האָט דאָך געקענט זען מיט איין אויג. מיר זעען דאָך מענטשן וואָס האָבן בלויז איין אויג און דאָך זעען זיי וויפיל זיי דארפן. און מיר האָבן דאָך א כלל אַז ס'איז ניטאָ קיין זאַך סתם אין דער וועלט אַריין. איז טאָקע צו וואָס דאַרף מען האָבן צוויי אויגן?" אזוי פרעגט ר' יודל און ער ענטפערט:

"דערפאַר איז דער מענטש באשאפן געוואָרן מיט צוויי אויגן, כדי ער זאָל מיט איין אויג זען די גרויסקייט פון גאָט און מיטן צווייטן אויג זאָל ער זען זיין אייגענע שפלות. און די דאָזיגע מידה פון הכנעה און באַ־שיידנקייט פאַרגלייכט דער חסיד מיט דער גרויסער ליבע פון ר' משה לייב סאַסעווער (דער פּראָטאָטיפּ פון פּרצ'ס 'אויב ניט נאָך העכער'), וועלכער פלעגט מיטפילן אין צער פון יעדער מענטשן אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען זיין אייגענער צער און ער פלעגט זאָגן: "דער וואָס קען מיט זיין מויל ניט אויסזויגן די קרעץ פון קאָפּ פון א אידיש עופה'לע, האָט ניט דערגרייכט קיין העלפט פון אהבת ישראל".

עגנונס פּראָזע איז אינגאנצן טראַדיציאָנעל־יידיש. זיין אטמאָספערע איז א דורכאויס יידישע. ניט נאָר מענטש לעבט און רעדט ביי אים אף יידיש, נאָר אפילו די חיה און אוף, דער דומם און פלאַנץ, דאָס שטילע לעבן.

פון די צוויי פערד פון נטע בעל עגלה, די פערד וועלכע פירן ר' יודלען אויף זיינע ווייטע נסיעות, זאמלען געלט חתונה צו מאכן אַן אָרעמע

כלה, הייסט איינער ״משכני״ און דער צווייטער ״נרוצה״. די פערד ווערן אויך שותפים צו דער מצוה פון ״הכנסת כלה״ און זיי רעדן מיט פסוקים ווי עכטע תלמידי־חכמים ״און עס איז ניטאָ אזא אכסניא וואָס מען זאָל זי ניט קענען דערשמעקן פון א מהלך פון א תחום שבת״.

עגנון איז אויף אַזוי ווייט יידיש אין זיין מאָלעריי, אז ער פאַרגלייכט זיין העלדס קערפּער צו אַן אַלף.

״צו וועמען איז ר׳ יודל געגליכן, בעת ער גייט מיטן שטעקן אין האנט און זיינע זאכן אף זיין פּלייצע אַן איינגעבויגענער אין דרייען? צו אַן אַלף — זיין פוס זעט אויס ווי די פוס פון אַן אַלף, און זיין קלומעק ווי דער האָרב וואָס שטעקט ארויס פון אַלף״. אזא אינערלעכע און אויסער־לעכע אטמאָספערע געפינט מען נאָר אין מענדעלעס פּראָזע און עגנון איז זיין יורש.

עגנונס דערציילונג וועבט זיך ניט מיט איין הויפּט־טעמע און אַ גאַנץ רייע נעבן טעמעס, נאָר יעדער קאַפּיטל איז אין א געוויסן זין אַ זאַך פאַר זיך. כאָטש דער ספור־המעשה גיט איבער דאָס לעבן פון העלד זיינען דאָך די אנדערע נעבן־געשטאלטן זאכן פאר זיך אליין. יעדער מאָל וואָס א נייער העלד דערשיינט אין א דערציילונג לאָזט ער אָפּ דעם הויפּט־העלד און הייבט אָן א נייע דערציילונג און ברענגט אריין נייע מאָטיוון.

צו די מאָטיוון פון רחמים און עניוות, וואָס שטראַלן אין זיינע דער־ציילונגען, קומען, צום ביישפּיל, צו די מאָטיוון פון אָרעמקייט און ליבע.

זיין ליבע, ווי זיין גלויבן און בטחון, זענען דורכאויס אידיש. עס איז א ליבע פון צניעות, תמימות און ריינקייט. דאָס איז אַ ליבע פון שיר השירים, אַ ליבע וואָס איז א טייל פון רעליגיע, פון קדושה.

אין דער דערציילונג ״ארון־קודש״ זעען מיר אָט די צוויי עלעמענטן פון ליבע און הייליקייט. אורי, דער אידישער האָלץ־מייסטער, וואָס בויט דעם ארון־קודש הובלט און שניצט אים און זינגט דערביי צו און דינה, א גבירס א טאָכטער, א כלה מיידל, וואָס איז אין דער שטיל פאַרליבט אין אים, הערט זיינע ניגונים און גייט אויס נאָך אים פון בענקשאַפט. די שטילע בענקשאַפט און צניעות׳דיגע ליבע פון די לעכצנדיגע נשמות ווערן אַיינ־געקאָרבט אין אָרון־קודש; אין יעדן שניט און הובל ווערט אַיינגעקריצט אַ פּייערדיקער אות פון ליבע. און ווען דער אָרון ווערט פארטיג, צעברעכט אים דינה ווייל ער שטיין ווי א מחיצה צווישן איר און איר געליבטן.

אין דינה׳ען דערוועקט זיך אָבער דער געוויסן, זי ווייסט זי האָט געזינדיקט און בעת זי ווערט פארצערט פון זינדיגע פלאמען, ליגט אורי צווישן די ביימער אין גאָרטן און חלומט וועגן געזאַנג און צעבראָכענע סטרונעס פון א פידל. און ״צו וואָס איז דער ארון געגליכן — פלעכט עגנון אריין אין דער ראָם פון זיין דערציילונג א מדרש — צו א פרוי וואָס שפּרייט אויס אירע הענט אין א תפילה און אירע צוויי בריסט זענען די צוויי לוחות

הברית, וואָס טראָגן זיך פון איר הארץ אין א תפילה צו איר פאָטער אין הימל״.

אין דער וואונדערלעכער דערציילונג ״אגדת־הסופר״ (די לעגענדע פונעם סופר), ווערט געשילדערט אין אידעלע פאַרבן די צניעות׳דיקע ליבע און איבערגעבנהייט פון רפאל דעם סופר צו די ספרים וואָס ער שרייבט און צו זיין פרוי, פון וואָס ״גאָט האָט פאַרמאַכט איר טראַכט״ און זי איז אן עקרה.

אַז עגנון וויל פאַרגלייכן די אותיות פון דער ספר־תורה זאָגט ער: ״שוואַרצע, שיינענדיקע אותיות טוקן זיך אויף דער יריעה, ווי אַן עדה פויגל שבת־שירה אויף דעם שניי פון שול־הויף״ און גלייך נאָכדעם אַ מדרש: ״אַז יידן היטן ניט אָפּ די מצוות פון דער תורה, קאָאָרטשען זיך די פּאַרמעטן אין ארון קודש״... דער ווייטיק פון דומם.

ווי ביאַליק איז אויך עגנון דער משורר פון דלות. ביי עגנונען איז אָבער די אידישע אָרעמקייט ניט קיין ברוגזע, מאָנענדיקע. זי טוט אָן אַ זיידן טיכל אויף איר קאָפּ און גלאַנצט און שטראַלט מיט רחמים. און אין דעם פּרט איז עגנון אפילו אנדערש פון מענדעלען און ביאַליקן. אפילו ביי דעם גרויסן דיכטער, וואָס האָט געשמיסן מיט דער בייטש פון גאַליקן סאַר־קאַזם און נאָכדעם געקושט די אידישע וואונדן איז דער דלות א שרייענ־דיקער. ער קען דעם שאַנד פון דער מוטער ניט מוחל זיין. עגנונס אָרעמ־קייט איז אָנגעטאָן אין א קרוין פון שטאָלץ און אָנעמען אַלץ פאר ליב און פארזיסן די ביטערקייט מיט א גלענצנדן הומאָר.

אין זיין דערציילונג ״מעלות ומורדות״, איינע פון זיינע קליינע וואונדערלעכע דערציילונגען, זאָגט דער רב וואָס ליידט דחקות: ״ווען איך וואָלט ניט געפאַסט מאָנטיקס און דאָנערשטיקס, וואָלט איך געשטאָרבן פון הונגער״ און ״עס זיינען פאַראַן מער רבנים ווי שטעטלאך״. אויפן אָרט פון שארפן קלאַסן־שנאה קומט א שארפער הומאָר ״די צירונג איז היינט דאָ און מאָרגן — אין קאָרב״.

אין זיין דערציילונג ״והיה העקב למישור״ ווערן געשילדערט די יורדים משה חיים און זיין פרוי קריינדל טשארנע. דלות־בילדער ווערן אָנגעוואָרפן אין די הונדערטער אָבער קיין ביטערקייט זעט מען ניט. ״און אז מען האָט באַדאַרפט האָבן א ניי קלייד, און עס ניט געהאָט — ווערט דאָרטן דערציילט — האָט מען זיך אָנגעהויבן אינדערוואָכן באַנוצן מיט די שבתדיגע בגדים, פלעגט מען די אָרעמקייט ארומוויקלען אין שיינע בגדים און איינדעקן אין זיידנס״. און אז אין הויז האָט אָנגעהויבן שטיקן דער הונגער ״און עס האָט פאַסירט אז די זון איז פארגאנגען און עס איז געוואָרן שבת און עס איז אפילו ניט געווען קיין שווארץ ברויט, איז קריינדל טשאַרנע געגאַנגען און גענומען אַ פּאָר שטיינער און זיי אַוועקגעלייגט אונטערן זיידענעם צודעק, כדי לייטן זאָלן ניט זען איר דלות״.

הונדערטער אזעלכע שיינענדיקע דימענטן זיינען צעוואָרפן איבער עגנונס געבענטשטער פּראָזע.

„אורה נטה ללון" (א גאסט אף א ווייל), איז גנונס א דערציילונג וועגן א באזוך אין פאר־מלחמה'דיגן פוילישן שטעטל צווישן די צוויי מלחמות. עגנון, וואָס האָט פאַרלאָזט זיין היימלאנד, פוילן מיט א פערטל יאָרהונ־דערט צוריק, האָט באשלאָסן צו מאכן א באזוך אין זיין שטעטל און אָ קוק טאָן וואָס עס איז געוואָרן פון זיין היים און ער גיט אונדז דאָס פוילישע שטעטל אין זיין אייגנאַרטיקן סטיל און זיין אייגענער מאָלעריי.

ער שילדערט דעם אָפּשטאַרבנדיקן דור אין דעם חורבן פוילישן שטעטל דורך הונדערטער פאסירונגען און צענדליגער געשטאַלטן פון וועלכע עס ווייעט מיט א ווארעמער משפחהדיקייט. די געשטאַלטן וואָס ער פירט ארויס אין דער דערציילונג, ווי די משפחה באַך א מלחמה־געליטענע משפחה. די קבוצה־חלוצים, וואָס גרייט זיך פאָרן קיין ארץ ישראל און ירוחם חפשי א קאָמוניסט וואָס האָט פארלאָזן ארץ ישראל — די אלע און די אנדערע העלדן פארקערפערן פארשיידענע אידעאָלאָגיעס און איינשטע־לונגען, סיי די אלטע אונטערגייענדיקע שיכטן מיט זייערע פון דורות איינ־געשטעלטע געוואוינהייטן און אויפפירונגען, סיי די נייע אויפקומענדיקע יוגנט וואָס רייסט זיך צו אייגענער איבערוואַנדלונג און איבערבוי און וואָס פארקערפערט דאָס נייע, דאָס באוועגלעכע און פרישע, — וועלן בלייבן מוסטערן פון גרויסן רעאַליזם און סימבאָליזם. „אורח נטע ללון" איז אָ מאָנומענט נאָכן פוילישן אידישן שטעטל פאר דער גרויסער מלחמה, איי־דער עס איז אָפּגעווישט געוואָרן פון די דייטשע בארבארן, דאָס שטעטל פון ירושה און טראַדיציע וואָס דער עגנון דער קינסטלער פון ירושה און טראַדיציע האָט פאראייביקט לדורות.

* *
*

ירושה און טראַדיציע
אין דער סאָוועטיש־אידישער ליטעראַטור

עס טרעפט ניט זעלטן, אַז אַ שטורעמדיגער טייך זאָל אַרויסשפרינ־גען פון זיין געלעגער און אונטער געוויטער זיך אויספלייצן אין נייע ברעגן, פאַרפלייצנדיק דערביי וואַלד און ישוב. עס טרעפט אָבער גאָר זעלטן אַז א מיושבדיקער טייך זאָל אַרויסשפרינגען פון זיינע ברעגן און זיך נעמען זוכן נייע דורכגענג, דורכריסן און דורכגוסן פאַר זיינע אימפעטדיקע וואַ־סערן. אָבער אפילו אַזאַ זעלטענע דערשיינונג, האָלטן נאַטור־וויסנשאַפט־לער, איז ניט קיין מיסטעריעזע נאַטור־משוגעת און ניט קיין וואַסער־קאַפּריז פון אַ געהיימער סטיכיע, נאָר א פועל יוצא פון געוויסע געאָדינאַמישע און הידראָלאָגישע פּראָצעסן, וואָס קענען וויסנשאַפטלעך געניי דעפינירט ווערן. די פּלוצעמדיקייט פון דער דערשיינונג און דער פאַקט, וואָס איבערפלעכ־לעך אָפטיש באמערקן מיר בלויז דעם קולמינירנדיקן איבערגאַנג־מאָמענט,

ווירקט עמאָציאָנעל און רופט אַרויס די פֿאָרשטעלונג פֿון אַ „בלינדער קראַפֿט", וועלכע אין תוך גענומען, האַנדלט זיך עס מער אין דעם נאַטירלעכן אויסגאַנג פֿון אַ לאַנגער אַנטוויקלונג.

אין ענלעכע נאַטור־דערשיינונג איז אין די לעצטע עטלעכע יאָר פֿאָרגעקומען מיט דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. איבער צוואַנציק יאָר האָבן די כוואַליעס פֿון דעם סאָוועטיש־יידישן שאַפֿן זיך געהאַלטן צווישן באַשטימטע ברעגן און סאָציאַלע לאַנדשאַפֿטן און געפּלייצט לויט אַ באַשטימטן נוסח וואָס די ליטעראַטור האָט זיך געאייניגט אין דער ראַטנפֿאַרבאַנדישער ווירקלעכקייט.

די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור איז דורכגעגאַנגען עטלעכע גלגולים. די יידישע בעלעטריסטיק האָט זיך דאָרטן עטלאכע יאָר געדרייט אַרום דעם טעמאַטישן חוט־המשולש: אונטערגאַנג פֿון יידישן שטעטל, פּאָגראָם־רעוואָלוציע און פּראָצעס פֿון יידישער קאָלעקטיווער ערד־איינ־אָרדנונג. אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן, נאָך דער ליקווידירונג פֿון בירגער־קריג איז דער עצם מהות פֿון דער יידישער ליטעראַטור, סיי אין פּראָזע און סיי אין פּאָעזיע, געווען דאָס ראַנגלעניש מיט די אַלטע פֿאָרמען פֿון דער אידישער ליטעראַטור און עס האָט זיך אויך איינגעשטעלט אַ נע־גאַטיווע באַציאונג צום חלק ירושה, צו די היסטאָרישע קוואַלן פֿון וועלכע יעדער ליטעראַטור שפּייזט זיך. עס איז אַוועק אַ סדרה פֿון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, צום אַלעם ערשטן אַ אינטערנאַציאָנאַל־סאָציאַליסטיש־טענ־דענציעזע וואָס האָט געצויגן אַ שאַרפֿע ליניע צווישן אַלטן און נייעם. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די דערציילונגען, וואו אַ רייכער טיפּאַזש פֿון רעוואָלוציאָנערן האָבן געפֿונען זייער אָפּשפּיגלונג ווי למשל, די נאָ־וועלן און ראָמאַנען פֿון א. ש. גאָדינער („דער מענטש מיט דער ביקס"), אליהו גאָרדאָן, נח לוריע, אָרשאַנסקי און אַנדערע וואָס האָבן געשילדערט דעם אַנטייל פֿון רעוואָלוציאָנערן יידן אין בירגער־קריג.

די פּראָצעסן פֿון סאָוועטישן איבעראָנדערשונג און לחלוטנדיקן איבעררייסן מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט איז אויך געווען דער גרונט־מאָטיוו פֿון דער פּאָעזיע (פּרץ מאַרקיש „אנשיל זעלעזניאַק", איציק פֿעפֿער „שפּע־נער", עזרא פֿינינבערג און די אַנדערע).

אין יענער צייט האָבן ניט געקאָנט ווירקן ניט בערגלסאָן מיט זיין אימפּרעסיאָניסטישן סטיל, וואָס איז געווען אָנגעמאָסטן פֿאַר אַ גאַנץ אַנדער סביבה און אַ גאַנץ אַנדער טיפּאַזש און ניט דער נסתר מיט זיין שאַטנדיקן סימבאָליזם און אַנטירעאַליזם.

מיטן אויפֿקום פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין דער אַלגעמיינער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט זיך אויך געביטן דאָס אויסזען פֿון דעם אויסשליסלעך נייעם יידיש־פּראָלעטאַרישן רעאַליזם און קאַמף מיט יעדן מינדסטן שפּור פֿון עבר. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז אַריינגע־דרונגען אין שטייגער און אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון די ראַטנפֿאַרבאַנדישע פֿעלקער און דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נייער אייגנאַרט. דער אייגנאַרט

פון די היסטאָרישע באַדינגונגען אין דער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע פעלקער האָט געפירט צום אייגנאַרט פון נאַציאָנאַלן באַדן און מען האָט דערזען אַז בא דער גאַנצער איינהייטלעכקייט פון די סאָציאַלע פּראָצעסן אין דעם לאַנד, זיינען דאָך פאַרשיידן איינס פון ס׳אַנדערע די קאָנקרעטע פאַרקערפּערונגען און אַנטפּלעקונגען פון די דאָזיקע געמיינשאַפטלעכע סאָציאַלע פּראָצעסן, דאָס האָט געהאָלפן עס זאָל זיך אויסברייטערן דער טעמאַטישער קרייז פון דער ליטעראַטור און עס זאָלן געשאַפן ווערן נייע קריטעריעס. מען האָט זיך שוין ניט באַנוגנט מיט בלויז דאָס פּראָלעטאַריש־קעמפערישע נאָר געשטעלט דעם טראָפּ אויפן ציל און צוועק פון דער שילדערונג, און דאָס האָט געווירקט עס זאָל זיך אויך אויסברייטערן דער אינטערעסן־קרייז פון מער פאַרטיפטע היסטאָרישע קענטענישן ביי די עלטערע און יינגערע סאָוועטיש יידישע שרייבער וואָס האָבן געוואָלט באַ־ווייזן ווי דער אַלגעמיינער סאָציאַלער פּראָצעס איז פאָרגעקומען פאַרשיידן אינם יידישן לעבן. עס איז אויפגעקומען אַ דראַנג אַריינצופירן אין דעם פונקציאָנירנדיקן סאָציאַליסטישן לעבנס שטייגער דאָס היסטאָרישע, דעם עבר.

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די פריע דרייסיקער יאָרן. אַ ריי שרייבער האָבן אָנגעהויבן שילדערן וויכטיקע תקופות פון דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

דער יינגער קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער מ. ווינער האָט זיין קאָלאָריטפולע היסטאָרישע דערציילונג "כלב אשכנזי", געווידמעט דעם 17־טן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד, און האָט אויסגענוצט זיין גרויס היסטאָרישן וויסן אויפצושטעלן דעם יידישן סאָציאַלן לעבנס־שטייגער אין דער פעאָדאַליסטישער תקופה.

די השכלה האָט געשילדערט מ. דאַניעל אין זיין אָריגינעלער דראַ־מע „שלמה מיימון", אויפדעקנדיק די באַוועג־קרעפטן פון דעם דאָזיקן פעריאָד.

דער יינגערער שרייבער אברהם קאַהאַן האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן וועגן לעבן פון ערשטן יידישן סאָציאַליסט אהרן ליבערמאַן.

2

„די לערע וואָס האָט ניט קיין בית־אב, קיין היסטאָרישן יחוס איז ניט קיין לערע" — אַזוי האָבן אַמאָל געזאָגט די אַלטע יידישע חכמים. אויף דער שפּראַך פון אונדזער צייט קאָן מען עס אַזוי פאָרמולירן: יעדער קולטור וואָס דער היסטאָרישער יחוס־בריוו איז איר פרעמד איז ניט קיין קולטור. אויך אַ ליטעראַטור אויב זי וויל זיין עפּעס מער ווי עסטעטישער גענוס מוז זי האָבן היסטאָרישן אָנהאַלט, טראַדיציע, מוז זי פרעגן פונוואַנען זי שטאַמט. „זאָלסט וויסן פונוואַנען דו קומסט און וואוהין דו גייסט", איז ניט בלויז אַן עטישער פּרינציפּ, נאָר אַ טיפע לעבנס־באַדערפעניש. אַן אַ

באַדערפעניש זיך צו דערגרונטעווען צו די וואָרצלען פון פאָלקסזיין, צו זוכן די קוואַלן פאַרן פאָלקס־קיום איז די ליטעראַטור געגליכן צו אַ טייך אין דער מדבר, וואָס שטראָמט און שטראָמט כדי צו פאַרלאָרן ווערן אין זאַמדן.

פאַר יעדער אמתער ליטעראטור איז דער פּרינציפּ פון קולטור־ירושה אַ פּרינציפּ פון קאַמף פאַר יענער אַלמענטשלעכער קולטור וואָס די בעסטע זין פון דער מענטשהייט האָבן וועגן איר געטרוימט און מקריב געווען פאַר איר דאָס לעבן.

דער פּרינציפּ פון קולטור־ירושה גייט אַריין אַלס באַשטאַנד־טייל אין יעדער נאַציאָנאַל־קאָמפּעריזשער קולטור, ווייל אַ קולטור שפּייזט זיך קודם כל מיט די אומציילקע לעבנס־אינהאַלטן וועלכע פליסן צו איר פונעם אייגענעם עבר און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. יעדער נאַציע איז ניט נאָר אַ נאַטירלעכער משפּחה־פאַרבאַנד פאַרבונדן דורך אינסטינקטיווע בלוט און זיכרונות־קרובהשאַפט, נאָר איז אויך אַ לעבעדיקע גייסטיקע איינהייט, אַ כח וואָס פירט ניט נאָר צוריק צו דער שווין אָפּגעשלאָסענער געשיכטע, נאָר פאָראויס צו נייע וועלט־געשיכטלעכע אויפגאַבן.

„ס'איז דאָ אַ פאַרשיידענע ירושה: מ'קאָן באַקומען בירושה אַ סאָד, אַ הויז, אַ פעלד און די חובות. מיר האָבן ליב אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט אַלץ, וואָס מיר האַלטן פאַר שיין און גערעכטפאַרטיק. מיר דאַרפן ניט אויפנעמען די פאַרגאַנגענהייט גלייכגילטיק: עס איז פאַר אונדז נישט קיין טויטע שטיינער, נאָר לעבעדיקער ערד". (איליאַ ערנבורג, "די פליכט פונעם שרייבער").

"אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטור זיינען פאַראַן צוויי נאַציאָנאַלע קולטורן" — האָט לענין געזאָגט — „עס זיינען פאַראַן דעמאָקראַטיש־סאָציאַלע עלעמענטן וואָס זיי ירשנט דער נייער קלאַס".

אויב מיר טרעטן צו צו דער יידישער, פונקט ווי צו יעדער נאַציאָנאַל־קולטורעלער ירושה, פונעם שטאַנדפּונקט פון אַלגעמיין מענטשלעכע אידעען, קאָנען מיר אָפּשאַצן דאָס אייביקע און ווערטפולע אין די קולטור־שאַפונגען פון יעדער תקופה פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע.

אין די ראַמען פון יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן, פונקט ווי אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט, איז פאָרגעקומען אַ שטענדיקע פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג דורך אַ דיאַלעקטישן מהלך. אייביקע ווערטן זיינען פאַר אונדז די אידעען, וואָס האָבן אין יעדער באַשטימטער עפּאָכע, רעפּרעזענטירט סאָציאַל־פּאָליטישן און קולטורעלן פּראָגרעס. פאַרעלטערט און ווערטלאָז איז נאָר דאָס וואָס איז אויך אין יענער צייט געווען רעאַקציאָנער. די שטעלונג צו דער אידייאישער און קולטורעלער ירושה פון די אַמאָליקע רעליגיעזע באַוועגונגען קאָנען נאָר זיין לויט דער מאָס ווי ווייט זיי זיינען דעמאָלט געווען סאָציאַל־פּראָגרעסיוו.

אין איינעם פון זיינע שריפטן וועגן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם זאָגט מאַרקס: „עס וועט זיך אַרויסווייזן אַז מענטשן חלומען לאַנג וועגן

אַזאַך וועגן וועלכער זי דאַרף נאָר באַזיצן דאָס באַוואוסטזיין כדי זי (די זאַך) באמת צו באַזיצן. עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די מענטשהייט הייבט ניט אָן קיין נייע אַרבעט, נאָר זעצט פאָר מיט באַוואוסטזיין איר אַלטע אַרבעט״.

דער היינטיקער סאָציאַליזם און פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטיע באַטראַכט זיך דערפאַר, מיט רעכט, אַלס יורש פון אַלע גערעכטע סאָציאַלע אידעען וועלכע זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן דורך רעליגיעזע פאָלקסבאַוועגונגען אין אַלע תקופות.

אַ פאָלק וויל לעבן אייביק! אין וואָס באַשטייט די אייביקייט פון אַ פאָלק? אין דעם וואָס ס׳עקזיסטירט אַן אייביקע נאַציאָנאַלע פאָרם, אין וועלכער עס קייטלען זיך נאַטורהאַפט הונדערטער דורות איינער נאָך דעם אַנדערן? יאָ, דאָס אודאי אָבער אויך אין דעם וואָס די דאָזיקע דורות האָבן איבערגעגעבן פון זיידן צום טאַטן, פון די טאַטן צו די קינדער גייסטיקמראַלישע ווערטן, וועלכע פאַרשיידנאַרטיק אין זייערע אינהאַלטן — האָבן דאָך צוזאַמען געבילדעט דעם בלייבנדיקן קולטורעלן מהות פון דער נאַציע.

לאָמיר זען ווי דער ירושה־מאָטיוו קומט צום אויסדרוק אין דער יידישער ליטעראַטור פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

3

נאָך אין 1936 האָט דוד בערגעלסאָן אָנגעשריבן אַ דערציילונג אין בירא־בידזשאַנער זשורנאַל „פאָרפּאָסט״, „צוגאָסט״. ער דערציילט דאָרט וועגן אַ בירא־בידזשאַנער דעפּוטאַט וואָס אויפן וועג פון מאָסקווער סאָוועטןפלענום איז ער פאַרפאָרן אין זיין היימישן קאַלווירט אין אוקראַינע, וואו ער האָט זיין משפחה מיטן אַלטן טאַטן דעם סטאָליער איסר לייב וואָס, לעבט שוין אויף רעגירונגס־פּענסיע. ער טרעפט דאָרטן זיינעם אַ פלימעניק הלל, אָדער הילקע, זיין שוועסטערס אינגעלע, וועלכער האָדעוועט זיך ביים זיידן. סיי דער זיידע, סיי דער אייניקל זיינען דורכגענומען מיטן סאָוועטישן גייסט. דאָך איז דאָ צווישן זיי אַ אונטערשייד. דער אַלטער גלייבט מסתמא אין זיינע אמאָליקע תורה און מצוות בשעת דער אייניקל לאַכט פון דעם. אָבער אָט האָט עפּעס געטראָפן מיט קליינעם הילקען. ער באַרימט זיך פאַר זיינע חברים אַז ער האָט געזען סטאַלינען אין קאַלכאָז, טאַקע ממש געזען מיט זיינע אויגן. די שול־חברים גלייבן אים ניט, פאַרקלאָגן אים ביים לערער פאַר אַזאַ ״ליגן״, דער לערער מאַטערט זיך אַרויסשלאָגן דעם „חלום״ פון זיין קאָפּ אָבער ער בלייבט ביי זיינעם: ער האָט סטאַלינען בפירוש געזען! — „ער הילקע, געדענקט אַזוי קלאָר מיטן זון אונטערגאַנג איז ער געקומען אין קאַלווירט, מיט שמייכלענדיקע קנייטשן אַרום די אויגן פונקט אַזאַ, ווי אויפן גרויסן בילד, וואָס אין קאַלווירטישן קלוב״...

וואָס אייגנטלעך איז דער פּסיכאָלאָגיש־אידעאישער הינטערגרונט פון דער דערציילונג. בערגעלסאָן זאָגט עס אונדז ניט אויס אָבער מיר שטויסן

זיך אָן וואָס דער קלוגער טאַלאַנטפֿולער שריפֿטשטעלער האָט אין זינען געהאַט. דער זיידע האָט דעם אייניקל דערציילט מעשות וועגן אליהו הנביא און דער זעקס־יאָריקער שילער האָט געגלויבט; מער ניט וואָס ער האָט אליהו הנביאן איבערגעטראָגן אויף סטאַלינען.

אין 1938־40 האָט פּרץ מאַרקיש אָנגעשריבן זיין ראָמאַן אין צוויי טייל ״דור־אויס דור־איין״ . אין דעם ראָמאַן, ווי עס שרייבט נחמן מייזיל אין זיין אַרבעט ״פּרץ מאַרקיש דער דיכטער און פּראָזאַיקער״ — ״עס גיט זיך מאַרקישן איין גראד די אַלטע, אַמאָליקע און מאַרקיש האָט מער פֿאַרשטענדעניש, מער אינטים האַרציקע באַציאונגען, מער אויפֿריכ־טיקע שטריכן פֿר דעם פֿריערדיקן, פֿון די דורות.

אין צענטער פֿון דעם גרויסן, ניין הונדערט זייטיקן ווערק שטייען צוויי העלדן אַ פֿאָטער מיט אַ זון וואָס פֿאַרענדיקן ביידע טראַגיש. דעם פֿאָטער האָבן אין די צייטן פֿון בירגער קריג די פּעטליורישע באַנדיטן אויפֿגעהאַנגען אויף א בוים מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט געבונדענע פֿיס ווי ״מ׳האָט געבונדן יצחקן צו דער עקדה״... און דאָס צווייטע בוך ״דור־איין — דור־אויס״ ענדיקט זיך מיט דעם הערלאָישן טויט פֿון עזראַ, דעם זון, וואָס פֿאַלט אין קאַמף ביים פֿאַרנעמען צוריק די אוקראַינישע שטאָט יעקאַטי־רינעסלאַוו.

עס איז מערקווירדיג אינטערעסאַנט וואָס פֿון פֿאָטער בלייבט איבער א בריוו, א מין גייסטיקע צוואה צו זיין זון, געשריבן אין אַלט־מליצה׳דיקן העברעאיש און עס שיינט פֿון אים ארויס די נשמה, די וואונדערבארע גע־שטאַלט פֿון א פֿאָרשטייער פֿון ערשטן דור, וואָס אוועקגייענדיק פֿון דער וועלט און געזעגנדיק זיך מיט זיין זון, נעמט ער אָן אַלע יסורים מיט ליב־שאַפֿט און זעט אין זיך א המשך פֿון דור־דורות, וואָס זיינען מיט א לייכט געמיט געגאנגען אויף קדוש־השם און אומגעקומען מיט אינעווייניקסטער חדוה און אמונה. דער פֿאָטער שרייבט אין זיין צוואה־בריוו צום זון, דעם רויט־אַרמעער א פּאָר שעה פֿאַר זיין טראַגישן אומקום: „וואָס זשע זאָל איך דיר זאָגן, מיין טייערער זון? צו קיין גרעסערן גורל ווי צו שטאַרבן פֿארן פֿאָלק האָט ניט זוכה געווען קיינער פֿון די לעבעדיקע... און ווי אַזוי האָט זיך אומגעקערט צוריק אַף יענער וועלט ר׳ עקיבא? צי זיינען דען שווער געווען פֿאַר אים די אַייזערנע קעמלען,וואָס מיט זיי האָט מען געגרימפּלעוועט לעבעדיקערהייט די זיילן פֿון זיין לייב? און ווי אַזוי האָט פֿארלאָזט די וועלט ר׳ חניניה בן תרדיון? צי האָבן זיך די הימלען דען ניט אָנגעטאָן אין טרויער פֿונם רויך, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן צו די וואָלקנס, ווען מ׳האָט אים געברענט און אַיינגעוויקלט אין די הייליקע יריעות פֿון פּאַרמעט? און ר׳ בן אמנון... ז גאָט האָט געטאָן באַוויליקן, ס׳זאָל פֿון מיין גזע אַרויסקומען אזא, ווי די וואָס שטאַרבן על קדוש השם פֿאַר אָרעמע און יתומים, באַדארף איך ניט זאָרגן...״

„וואָס זשע זאָל איך דיר זאָגן, מיין טייערער זון? וואָס איז דען פֿאַראַן אזעלכעס וואָס איך ווייס און דו ווייסט ניט?... אַז ר׳ עקיבה אַליין

איז דאָך אַרומגעפּאָרן און געפּריידיקט קעגן מלכות, קעגן רוים, קעגן פּאַר־דאַרבער, און קעגן דער אומגערעכטיקייט... דעריבער, טייערער זון מיינער, גיי מיט דעם וועג, וואָס דו האָסט פאַר זיך אויסגעטראָטן... נאָר די געליי־טערטע מענטשלעכע איידלקייט, אַזוי ווי דו פאַרשטייסט, זאָל זיין אויסגע־קריצט אויפן טאָוול פון דיין האַרצן, אז זי זאָל דיך פירן אין די שטעגן פון רעכטפאַרטיקייט אַלע טעג פון דיין באַשערטער צייט אויף דער וועלט...״

„דור־איין — דור אויס״, און געוויס איז דאָ אַ געשיכטלעכע פאַר־בינדונג, אַ קייט מיט רינגען, און יעדער דור איז אַ רינג אין דער קייט, פּריער מענדל, דערנאָך עזרא״ (נחמן מייזל, דאָרט זייט 13).

4.

אַ דיכטער וואָס גייט ניט בלויז אין שפּאָן פון אידישן לעבן נאָר אויך מיט דער אידישער געשיכטע איז ש מ ו א ל ה א ל ק י ן.

די פּראָבלעם פון „היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט — און די קעגנ־וואַרט״, די באַציאונג צו דער קולטור־ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט, איז אַ גרונט־מאָטיוו אין דעם דיכטער ש. האַלקינס פּאָעזיע און נאָך מער אין זיינע היסטאָרישע דראַמעס.

האַלקין צייכנט זיך אויס אין זיינע לידער, באַזונדערס אין זיין פּאָעטישער דראַמע „בר כוכבא״, מיט אַ דערהויבענעם תנכישן סטיל. אין זיין ערשט ביכל לידער „ווי און מוט״, (1929) נוצט ער ניט ווייניק בי־בלישע מאָטיוון. עס איז בכלל דאָ אַ מין העברעאישקייט אין זיין סטיל און ניט אומזיסט האָט מען אין יענע יאָרן געהאַלטן האַלקינס ליד פאַר אַן אָפּנויג פונם דרך המלך פון פּראָלעטאַרישער טעמאַטיק, דער דרך המלך פון דער דאַמאָלטיקער סאָוועטיש־יידישער פּאָעזיע.

אין דעם בוך ״ווי און מוט״ זענען דאָ נאַטור־לידער, ליריש־פילאָ־סאָפישע מעדיטאַציעס און לידער וועגן ביראָ־בידזשאַן. מיר האָבן ניט די מעגלעכקייט צו אַנאַליזירן געווי לידער לויט אַלע דערמאָנטע תנ״ך מאָ־טיוון, וועל איך זיך באַנוגענען בלויז מיט אַ פּאָר פערזן:

„שטיינער צוועלף געפּאַסט אין חושן
אין טיף פאַרבאָרגענער פאַרלייגט געווען איז,
פון שיין פון טאָגיקער פאַרפּאָלגט,
אַ שפּור אַ ליכטיגער פון חושן יענעם
אַ פּאַס פון גאָלד.
האָב איך צעצויגן אים און אים צעשניטן
אָף פעדעם אָף פלעכטן פונס׳ניי
מיין האַנט אָנגעגריפּט מיט ציטער
אַן אוצר שטיינער נייע״.

דער דיכטער זעט נאָך די שפּורן פון יענער ליכטיקייט, פון אַלטן חושן־גאָלד און פעדימט און פלעכט זיי פונ׳סניי אין יעדער ליד זיינס.

אין דער דראמע האָט ש. האַלקין געפונען שטאָף, וואָס איז א לייב־לעכער קרוב צו זיין פּאָעזיע — דאָס איז דער געשיכטלעכער געדאַנק.

אין זיין דראמע „בר־כוכבא האָט האַלקין פאַרקערפּערט היינטציי־טיקע באַפרייאונגס מאָטיוון אין די געשטאַלטן פון אַמאָליקע היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן.

די דראמע איז אַנגעזעטיקט מיט יאָדערדיקער היסטאָרישקייט. חוץ בר כוכבאן אַליין, ווערן ארויסגעבראַכט די תלמודישע טיפּן: רבי עקיבא, דער תנא און קעמפער, אליעזר המודעי, דער פּאציפיסטישער קעגנער פון בר־כוכבאן; הלל דער פּרוכט־הענדלער, וואָס דעקט צו זיין געווער מיט ווייַנטרויבן; און טורנוס־רופוס דער שטאטהאַלטער פון רוים.

די גאַמע פון דער בר כוכבא דראמע איז זייער א פאַרביקע. אין אין דער דאָזיקער אינסצעניזרונג האָט דער דיכטער אַריינגעבראַכט דעם אַלגעמיינעם גייסט פון זיין אייגנאַרטיקער פּאָעטיק, די מעטאַפאָרישקייט פון בילד. די דראמע איז געשריבן אין פערזן. ער האָט אויסגעוויילט די פּאָ־עטישע פאָרם, ווייל דאָס גיט אים אַ מעגלעכקייט אויסצודריקן דאָס סוב־יעקטיוו לירישע.

דער ווילן צו אַנטפּלעקן אין צוויבער־שפּיגל פון היסטאָרישער פּאַ־נאראמע דעם צעפלאַמטן היינט ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער, וואָס דער דיכטער לייגט אַריין ר׳ עקיבאן און בר כוכבאן אין מויל:

עקיבא: „פאַרלאָרן גיין מוז דער, ווער ס׳האָט דעם וועג צום פאָלק פאַרלאָרן
ווער ס׳פּרוּווט זיך מיט דער האַנט פאַרשטעלן פון זיין שיין;
ניטאָ קיין שטראָף קיין גרעסערע — ווי פונעם פאָלק דער צאָרן,
ניטאָ קיין גרעסער גליק — ווי פון אים געליבט צו זיין״.

בר כוכבא: ווייל ווענען שטאַרבן ס׳איז באַשערט
פאַר פרייהייט פון זיין פאָלק — בלייבט לעבן שטענדיק״.

5.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער סאָוועטיש־אידישער ליטעראַטור איז דער נ ס ת ר.

דעם נסתר׳ס וועג אין דער אידישער ליטעראַטור איז יאָרן לאַנג געווען אַ סימבאָלישער.

דער נסתר איז אפשר געווען דער ערשטער וואָס האָט אַריינגע־בראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור דעם מאַניר פון „מעשה בתוך מעשה״.

מיט דער מעשה האָט זיך שוין אָפּגעגעבן פּרץ. פּרץ מעשהלאך זיי־נען אָבער אין קינסטלערישן זין דער „פּסלתן של לוחות״, יענער רייכער

גאָלדענער אָפּפאַל, וועלכן עס קלייבט אונטער דער שעפער, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעבויט זיין פעסטן קונסט־מויער. פאַראַן געדאַנקען איבער־לעבונגען, וואָס קאָנען ניט דינען פאַר שטאָף, פאַר ציגל צוליב דער גרויסער געביידע, וואָס פאָדערן פון קינסטלער ער זאָל זיי אויסטיילן אין א באַזונדער ראָם. ביים נסתר זיינען אָבער די מעשות געווען דער תמצית פון זיין קונסט, דער הויפּט־זשאַנר פון זיין שאַפן.

איבער 25 יאָר האָבן די שאַטנדיקע וואַסערן פון זיין שאַפן געריזלט צווישן סימבאָלישע ברעגן, אויסגעטראַכטע פּייזאַזשן און אויסערמענטש־לעכע לאַנדשאַפטן און מיטאַמאָל האָט ער זיך אנטפּלעקט ווי א רעאַלי־סטישער שרייבער און קענער פון היסטאָרישע צוזאַמענהאַנגען. דער נסתר איז געוואָרן א נגלה.

ווי אַזוי איז פון נסתר׳ן דעם מיסטיקער און סימבאָליסט פּלוצלונג געוואָרן אַ רעאַליסט. מיר קענען זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין ליטעראַטור־פאָרשערישע באַטראַכטונגען וועגן די סיבות פון זיין קינסטלערישער אי־בערגעשטאַלטיקונג. אָבער מען דאַרף באַמערקן אַז זיין חסידישע ירושה האָט געווירקט אויף זיין שאַפן.

דער נסתר איז צוגעגאַנגען צום סיוזשעט פון זיין ווערק „משפחה־מאַשבער" מיט דער מיושבדיקער רואיקייט פון אַ געזעלשאַפטלעכן הי־סטאָריקער, האָבנדיק פאַר אַ ציל אַרויסצוהייבן אין די אַלגעמיינע ראַמען פון דער עפּאָכע, די סאָציאַלע פּאָזיציע פון דער חסידישער סעקטע די בראַסלעווער אין דער בערדיטשעוו פון די זיבעציקער יאָרן. די חסידישע באַוועגונג, וואָס האָט נאָך דער דערשיטערנדיקער שבתי צבי אַוואַנטיורע געשפּילט אזא אויפמונטערנדיקע ראָל אין יידישן פאָלקס לעבן האָט דער נסתר ניט פאַרזען אָדער אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, אַזוי ווי עס האָבן עס געטאָן אַנדערע,ער האָט אַרויסגעהויבן די סאָציאַל־פּאָזיטיווע עלעמענטן פון חסידיזם. היסטאָריש האָט דער חסידיזם געהאַט, סיי לויט זיין תוך סיי לויט זיין איינשטעלונג, געוויסע אַנאַלאָגיעס מיטן אוטאָפּישן סאָציאַליזם און די היסטאָרישע באַוואוסטזיניקייט האָט דער נסתר געפירט צו זיין טיף יידיש און רעאַליסטיש ווערק „משפחה מאַשבער".

6.

דער טיראַנישער נאַציזם — און דוקא דערפאַר, ווייל ער האָט זיך מיט אזא פאַרעטערישער אכזריותדיקייט א וואָרף געטאָן צו רייסן לעבעדיגע שטיקער פון סאָוועטנלאַנד, האָט דערוועקט צוזאַמען מיטן פאַטערלענדישן קאַמף אויף דעם ווילן צו די פאַרלוירענע אייגנאַרטן פון אידישער פאָלקס־קולטור, דעם ווילן צו פאַרלוירענער טראַדיציע.

ניט נאָר דערקענען דעם היסטאָרישן וועג פון פאָלק איז איצט אַ בולטע טענדענץ אין דער סאָוועטיש־אידישער ליטעראַטור. עס זעט איצט אויס ווי די הויפּט־טרעגער פון דער דאָזיגער ליטעראַטור וואָלטן אַנער־

קענט אַז אין אַ היסטאָרישער רגע ווען אַ פֿאָלק קעמפֿט פֿאַר זיין קיום, האַלט ביי אינערלעכער קאָנסאָלידאַציע, מוז מען געווינען דאָס אייגענע היסטאָרישע, ווייל דערמיט געפֿינט מען זיך אַליין.

אָנגעזויגן פֿון דער יידישער היסטאָריש־לעגענדארישער טראַדיציע האָבן די דאָרטיגע אָנגעזעענסטע דיכטער אָנגעהויבן דיכטן אויף אַלט־העב־ראַאיש־יידישע מאָטיוון נוצנדיק דערביי ביבלישע אַסאָסיאַציעס.

און מער פֿון גאָלד האָב איך פֿארהיט
די איינגעשפּארטקייט פֿון מיין זיידן —
— — — — — — — — — — — — — —
דער קלוגער קנייטש פֿון ר׳ עקיבא,
די חכמה פֿון ישעיהס וואָרט,
האָבן גענערט מיין דאָרשט — מיין ליבע
און זי מיט האַס צונויפֿגעפּאָרט;
דער שוואונג פֿון מאקאבייער העלדן
אין מורדים בלוט אין מיינעם זידט״.
„די פֿערציק יאָר פֿון אוראַלט לעבן,
וואָס כ׳האָב געקרענקט אין מדבר זאַמד
האָבן מיין עלטער מוט געגעבן,
בר־כוכבאס רוף האָט אויפֿגעפֿלאַמט
אויף יעדן קער פֿון מיינע ליידן

(איציק פּעפּער).

ביים באַזינגען די העלדישקייט פֿון רויט אַרמייער דערשיינען פֿארן דיכטער די אוראַלטע קרעפֿטיקע תנכישע נעמען:

„פֿון ניט פֿארוועלקנדיקן רויש איך פֿארנעם,
ווי א צוואה דעם געוויש פֿון שלאַכטן איך פֿאַרגעס ניט,
ווי שמעון און ווי לוי האָבן אויסגעקוילעט שכם
פֿאַר לעסטערן, פֿאַר שענדן זייער שוועסטער״.

(פּרץ מארקיש).

איין דיכטער פֿירט אַרויס די האַרציקע מוטער רחל און אַן אַנדערער זינגט וועגן דבורה הנביאה דער „אם בישראל״ (מוטער ביי אידן, דוד און גליות, חנה און אירע זין.

„אַ ניט פֿאַרגעסט, אַ ניט פֿאַרגעסט,
דער מוטער רחלס קול פֿון רמה,
און פֿעסטער, פֿעסטער נאָך פֿארפֿרעסט
דעם פֿויסט פֿון הייליקער נקמה״.

(דוד האָפּשטיין).

„עס יאָגן זיך דורות, עס בייט זיך דער דין,
נאָר ס׳פּלייצט אַלץ און ס׳פּלייצט אין די ימען
דאָס בלוט פון די זיבן מארטירער, די זין,
באַנאַנד מיטן בלוט פון דער מאַמען
(משה כאַשטשעוואַצקי, „חנה און אירע זיבן זין״).

אין סך הכל: אין אָנבליק פון געקרייציקטן און געשענדעטן יידישן לעבן גייט אויף דער אידישער מארטירער שטאָלץ אויך אין דער סאָוועטיש־אידישער ליטעראַטור, פלעכט זיך איבער מיט די פעדים פון היסטאָרישער טראַדיציע וואָס רירט אָן אונדזער גרויסן ירושה־קוואַל. היסטאָריש־יידישע באַגריפן הייבן זיך אָן גרינטלעך אַריינוועבן אין דעם סאָוועטיש־אידישן באוואוסטזיין, זיי ווערן לייבלעכע אביעקטן פון דעם סאָוועטישן שרייבער, פון זיין דיכטערישער זעאונג און וואָרט.

* *
*

שלמה שוואַרץ

פליגל און אות

(פאָעט און פּארטיזאַן:
א. סוצקעווער)

פליגל און אות — איז איד.
אַזוי זינגט זיך דאָס ליד.
איך און איד איז מאָס,
מאָס איז שטח:
איך און איד איז גלות —
שטח פּלוס גלות
איז געטאָ!
פליגל און אות —
געטאָס אייביקער דיאַגנאָז.

א.

די לבנה איז פריי אין מיין גוף.
איך רוף מיטביידע הענט
דעם ווייטן חלום, דעם שבת פון שלום.

אָבער ליבער פון אַלץ איז לידער
שרייבן ווי דער שניי איבער בוים, איבער דאַך
אַן אידל שריפט, צו וועמען?
די נאַכט פּאַוואָליע ברייננגט שלאָף צו די ברעמען
די מיסטעריום פון ווייטן חלום.

קומט די מאַמע צוגייך, פון ערד אַרויס צוגייך,
און טוט גאָר ניט זאָגן, גאָר ניט.
עס וועט תמיד אין זיכרון ריידן די שטילקייט

פון איר שמאָלן שטיין.
עס סודעט זיך דער שניי אין מיינע האָר.
פאַרוואָר, דער זייגער שעכט פון וואַנט אַראָפּ
די שפּעטע שעה —
דער חלום ווערגט די נאכט אויפן קול:
לאָמיר אנטקעגן גיין די וועלט שרפה!

די שרפה קומט מיט ציטרין־קאליר.
דער זייגער איז שפּעט.
אויפן בעטל מיין זיידע מיט חידוש —
דער ענין איז גאָר ניט יידיש אצינד:
ס'איז ניט תשובה, ס"איז ניט זינד,
ס'איז גאָר — — — — — — — — —

די לבנה אויף מיין געלעגער
פארשטייט ס'שפּיל פון עשו יעגער.

ב.

מיין אָרעם ברודער איז רייך,
מיין קראַנקע שוועסטער איז שטאַרק,
איך, דער געצערטלטער דור.

ס'וועט תמיד, דער טאַטע, יאָר צו יאָר
קושן דעם דרימל פון אלטן הימל
און פרירן —

אזוי טוט דער טויט פארפירן:
וואָס וועט זיין טאַטע מיטן תלות און תפילן?
די נאַכט איז דראָענד, איז איינגעשפּאַרט.

אָט וועט זיך מיט הייסן געוויין
מיין אָרעם ברודער זיך לעשן אין וואָרט:
א בית־עולם טאטע, איז א בית־עולם אומעטום,
מיט פייגל, מיט צוויט,
מיט יאָמער־געברום —

אזוי רעדט דער טויט שטום:
וואָס וועט זיין טאַטע מיטן זיידנ'ס תהילימל?
די נאַכט רינט פון טאטנס געזיכט.

ס׳כאַפּט זיך אויף פון שוואַכן שלאָף, מיין שוועסטער;
איר נאַכט־העמד פון מאַראַנצן קאָליר,
די בריסטן לעמפּלאַך צוויי.
ס׳ביסל ליכט אין אירע אויגן, אומקאַפּאַבל
אויפצומאָנען די שיריים שעהן — זי פלעכט די הענט —

אזוי פאַרקניפּט דער טויט דורך די ווענט:
וואָס וועט זיין טאַטע, מיט מיין אידישן עלנט?
דער ווינט לויפט צווישן צעריסענע שמועסן.

ג.

און דער טויט שלאָפט אויף שטיין און ביין.
דער הימל ברינט די אויגן.
צווישן די אַרוימגעשווירענע יאָרן —
די זון א רויטער טינטער.

שרייב רויט, שרייב בלוי,
קעגן דער געשיכטע דאכט זיך
איז דאָס בלוט אנעמיש.
דאָס צעכאָליעטע יוגנט איז אַלט
און עס ווערט שטאָק פינצטער.

און עס רעדט די שעה צום ביקס
צום שווערד,
קילט מיט סוף די עשו׳דיקע שפּילצייגן.
דער העלד פון טאָג, דער העלד פון טאָג,
די ווייכע ערד.

דער זיידע מעסט די נייע וואונדער
און אפשר — גאָט׳ס וויג.
די גאַס מיט אָפענע וואונדן
איז געטריי דעם אַלאַראַמירטן זיג!

איך קוק אים נאָך און פאַרב דעם זכר
אין קעלער גאָר גאָרטנט אונזער זכות.
אַפילו בלעטער שטאַרבן אין מיטן פּלי —
פאַרוואָס ניט איך אין פאַרצווייגטן רשות?

און עס שטראָפט דער נביא פון דאָסניי:
א גאַנץ וועלט מיט מתים, אָן קוואָטאַ.

דער טויט שלאָפט אויף שטיין און ביין —
מיין ברודער שלאָפט אין גאָלגאָטאָ.

ד.

בלויז דאָס וואָרט פארזיגלט די צייט.
די ציפּער ווייס בעסער
וויפל פיס זוכן דעם געפלאָנטן וועג
ביים עק פון מויער.

נאָך מיין קאָפּ, טאָטע, כ״בין זיך מוידע,
איז נאָכאַמאָל ליד, ליד איז איד:
איד איז וואונד, וואונד איז גרונט —
די וועלט אַ הוידע.

איינזאם בין איך. אָט דעם סך הכל
שמעלצט די טרער.
ווער איז ווער, דער הענגענדיקער ווינט איז מיין שותף,
ער, דער ווינט איז אימאָרטעל.

טויט איז טרוים, רו און תפילה,
די מעשה פון העלדן און פּראָפעטן —
זוניקע טעג מיט בלוטיקע שטאָפּעטן:
איך זאָג קדיש איצט נאָך מיין זיידנס שטעטל.

ה.

די וואונד איז שטיל, די בענקשאַפט שטילער.
אין די אויגן די שעה, א געהיימע,
א נסתר.
פון יונגע גראָזן אַ גרינער שויבער,
אַ שטענדיקער פליסטער,
דער פרילינג פלאַצט, די וועלט איז וויסטער.

דער שויבער אין שויב פארליוליעט מיט זון.

דער רעגן אויפן ליפּ, דין, בלוי, עברי־ריין,
ווי די וואונד פול מיט פארגיין.

אומזיסט געפורעמט די פרייד דורך פאַרביקע וועסטאַלן,
צווישן פעלזיקע פאַרטאַלן, דער יאָמער,
אַ וואָג,
דער נס, דער איד אין געשאַרפטן טאָג.

דער שויבער אין שויב פאַרליוליעט מיט זון.

פשיטא, מענטש, די ערד איז טיפער
ווי דיין טרייסט, די ערד איז ליבער.
צפון־צו, די וואָלקנס פרידלאַכע קאַסקאַדן:
דער טויט אין צאַפּל,
אַקעגן לעצטן שטאַפּל,
מיט אַ קילער שטילקייט פון באַלאַדן.

דער שויבער אין שויב פאַרליוליעט מיט זון.

פשיטא, מענטש, ס'וועט דער היטער
דורך די ווילדע דזשונגעלס זמן נאָך זמן
צעבלעטערן דעם פּלאַן
פון אויפגיין.
ביז דענצמאָל, די גרינע שריפט, לאמר:
אייביקער ווי אַלץ איז דער גרינגעבורט פון געאַרעמטעביימער.

דער שויבער אין שויב פאַרליוליעט אויבנאָן.

ו.

רוישיק, גרין, דער זומער זמן איז ריכטיק,
וויכטיק איז די ליבשאַפט.
די בענקשאַפט פון מענטש צו מענטש,
פון לייב צו לייב;
פון בליק צו בליק —
ברידער־איינפאַך.

ס'איז דער טויט טיכטיק.
ווי אַלעמאָל געניי און אומליכטיק.

ניטע, וויינט, צו וואָס טייטלען
דעם טרויער?
כ'האָב ליב די זון, די באַל איבערן מויער.
די וועלט אַן אומגעהייער חדר,

עס יאָמערט די נבואה און דער נדר
פון צענדליקע וואַגאָנען, ניטע.

ס׳קומט דער טויט אָן כעס, אָן שנאה,
דער בית עלמין פרום, א מומע אַ גרינע.

און דאָס אויג זעט אַלץ מיט ווירדע:
זע, די צאפלדיקע בלעטלאך ווי גרינע פיש
שווימען צו דער עליה.
די זון, א רויטער טינטער
בריט מיט שווייגן:
צי ווילסטו ווי בן נון מיך וואַרגן נאָכאמאָל?

ס׳לויפט דער טויט אין צופעליקע שליחות
טועם זיין נאָכאמאָל מיין קדוש׳דיקן יחוס.

ז.

און הויך, הויך און העכער, מיט צייכנדיקע שפרוכן
איבער דעכער, דער אומבאווייבטער ווינט
האָט אויסגעלאָשן אַלע ליכט.
די נאַכט איז אַלט געוואָרן ווי מיין זיידע
אין קיטל,
אפילו די לבנה אין אויסקוק, א צעריסענע
היטל.
די וועלט און איך האָבן דערפון גאָרניט געוואונען,
גאָרניט.

דער בוים דורכן שויב אימיטירט מיין זיידנס טראָפ:
טראָפ טראָפ נאָך טראָפ, טראָפנסווייז,
דער רעגן, פארגליווערטע רויגן,
אַן אסיפה פון בלינדע אויגן.
די סדרה ווי אַלע סדרה׳ס צערעכנט
אין מיין קאָפ די טויזנטער מאָרגנס
איבער זיין שרויענער וועלט:
זיין דאַך האָט קיינמאָל געגרינט נייערט געגעלט,
פרעג דעם רויטן האָן
וואָס זינגט אויבנאָן מיין זיידנס ירושה׳דיק ליד:
פליגל און אות — איז איד.

מיין זיידע האָט געטאָן זאָגן, ווי אַלע זיידעס טוען זאָגן:
איצטער־אָ, איז די צייט פון פליגל און פלי;
ביזט יונג, ביזט יונג, אַ גאַנצער שישקע מיט דער זון
פאר מיר, אייניקל מיינס, איז מערב, רויט! רויט!
אפילו דער טויט איז מיד פון מענטשלאַכן אָרקעסטער.
מיין קראַנקע שוועסטער וויינט דורך די שויבן, די יאָרן רונדן —
פון מזרח ביז מערב, דער הימל, די מאַפּע פון בלויע וואונדן.

ח.

ווען ניט די זינדיקע הענט, זיידע,
וואָס וואָלט געטאָן די שווערד?
די ערד, איז דריי, און זעקס, און זיבן
איבערנאכט זיך צעטיפּט,
די מאָס, ווי אַלע מאָסן, שטענדיק פארביסן
אין רעמלאַך פון וויסן.
ווען ניט די זינדיקע הענט, הערט!
וואָס וואָלט געטאָן די ערד?

פון ברעג צו ברעג, די נאַכט, א רוגזהדיקער אימאזש.
ס'ווערט שטיל. אין דער שטיל איז די שטאָט ווייך.
מיין זיידע איז בלייך. שוין לאַנג זיך אַנטוואוינט פון זיין הויז
פון שטרוי.
איך בין שטיין. איך בין מויער! ווי די לוחות גרויס!
איך בין פייער אין פיינטלאכן שויס!
דערקלער, דערקלער:
וואָס פאר א מאָס האָט דאָס אָרט, וואו אן עדה פאַלט?
(דער פאַסטוך שפּילט ניט מער פאַר זיינע רינדער און שאָף
און יעקב'ס לייטער איז א תליה אויף דער וואַך
ניט אין שלאָף —) זאָג גאָט! זאָג מענטש! זאָג חיה!
וואָס איז די וועלט אויסן?
דער בליץ רייסט קריעה פון זומערדיקן דרויסן.

ע פּ י ל אָ ג

אַ פעלד מיט פייער. מיר, די טיפע וואָרצלען.
אַ צעריסענע לאַנדשאפט. א פארריגלטע וועלט.
די מאנשאפט די פולע פארזאמלט מיט ווייטקייטן.

דער וועג איז לאַנג, די פעלד איז ברייט,
די בלינדע סאָווע אין אויג — אַ מחשבה.

ס'איז יעדער קבר גרינלאָז איצט, גאָר, גאָר, גאָר גרינלאָז.
ווי אַ האָז, די קינדהייט, אין ערגעצניט דערטראָגן.
די שפּעטע שעה האָט געשלאָגן: זיי אַ קדוש!
די אומפאַרמיידלאַכע שעה.

די גראָזן פאַרנמיט צווישן שאָקלדיקע שטילקייט;
עס פאַרט מיט די קויל, די לבנה, די פייער־פליגן.
ווער קען זיך פאַרוויגן צום אור־אור־ערשטן שלאָף,
גאָט'ס געהיימע פינגער אין וואָספאַר אַ טאָל — גרינען?

עס פאַרט מיט די נאַכט, עס פאַרט מיט דער הימל,
די נאַכט איז היימיש און לעזבאַר מיט שטערן עברי.
אליהו הענגט אינדערמיט, דער זייגער גליט:
זע, אויף אַלע זיבן וועגן, קדושים אַנטקעגן.

די סירענע רוי און בלוטיק ווי וואַן גאַגס אויער:
ווי קליין די וועלט, אָט זע דורכן שפּיז —
משה דער נייער וואַרדן פון אומצעבליצטן מויער,
דעניעל בון היט גאָר אונדזער שאָף.

אַ פעלד מיט צוואַנגען. מיר, די טיפע פייערן.
דער פרימאָרגן גרוי ווי אדוני! אדוני!
די לאַנגזאַמע לבנה, די מידע:
ניט פאַרפלעק די אייביקע לאַטע —
אין דער שעה פון ירידה.

* *
*

מ. גיציס

אויף בלוטיקע וועגן

לא יאָמן כי יספר.

דער בין השמשות האָט געניִדערט מיט פּחד.

יעזוס אויף דעם קרייץ האָט געקוקט צום שוואַרצן פאַרוואָלקנטן הימל און פון דעם פרישן קבר האָט אַ דאַרע, ביינערדיקע האַנט געריסן זיך אַרויף, געטאַפּט די פרישע נאַסע לופט מיט די דינע פינגער און גע־זוכט די האַנט פון לעבן. הויקערדיק און שרעקנדיק האָט זיך געהויבן די נאַסע ערד אונטער דעם קאָנוואולסיוו־אויפגייענדיקן קערפער... און אַ באפרייטער זיפץ האָט זיך אַנידערגעלעגט באם סאמע ברעג פון קבר.

די וואָלקנס זענען געגאַנגען פארביי, ווי אין אַ טרויער פּראָצעסיע און בא דעם ברעג פון גרוב איז משונהדיק־גראָטעסק געלעגן דער באַ־פרייטער קערפער — די נאָז פאַרשפּיצט, דאָס מויל אָפן מיט ווייסע, שטאַרצנדיקע ציין, דער אָטעם ווי פון אַ טיפער הייל, די דאַרע פינגער אַיינגעגראָבן אין דער ערד... די פאַרטערערטע אויגן האָבן געקוקט צום הימל, די ליפּן האָבן געציטערט אין געוויין און דאָס נאַסע, פאַרווייִנטע ווינטל האָט פאַרבייגעטראָגן —

שמע ישראל... שמע...

י״א

אין דער ערשטער וואָך פון חודש תמוז אין יאָר ניינצן הונדערט און איין און פערציק, האָבן די פייערן אין וועלכע עס האָט געזאָטן דאָס פאַרגאָסענע בלוט איבער דער פוילישער ערד, דערגרייכט צו דער סאַמע גרענעץ. דאָס שטעטעלע נאָוואָפּאָל, פאַרשטופּט אין א זייט בא אַ וועלדל,

דריי ווערסט פון טראַקט און צוועלף ווערסט פון באַן, האָט שוין געפּילט דעם אָנקומענדיקן פייערדיקן שטורם. די אָפּטרעטנדיקע אַרמיי אויף דעם טראַקט, דער אומאויפהערלעכער ווייטער געוויש פון פורן, פון טאַנקען און פון האַרמאַטן, האָט טאָג און נאַכט געקאַטשעט זיך אין האַרצן און אין מח און ניט געלאָזט רוען. דער זשום פון עראָפּלאַנען אין דער בלויקייט פון הימל, די ווייטע אויפרייסונגען, וואָס האָבן געמאַכט ציטערן די ערד און די שטיבער אין שטעטל, די פייערן אויף דעם באַנאַכטיקן האָריזאָנט — דאָס אַלעס האָט אויסגעוויזן ווי אַ חלום אין דער וואָר און האָט געהאַלטן די הערצער וויגנדיקע אויף די כוואַליעס פון שרעק.

דער שרעק איז שוין מער ניט געווען דער שאָטן פון ווייטע, ערגעץ וואו געשעענע אומגליקן און מערדערייען — דער פּחד, אַ בלייכער, מיט אַ טויט־מאַסקע אויף דעם פּנים, איז שוין געשטאַנען נאָענט באַם סאַמע שטעטל, בא דער סאַמע שוועל. מ׳האָט שוין געהערט דעם אָטעם פון דעם מחבל, מ׳האָט שוין געהערט דעם ברום פון זיינע שטאַלענע הערצער; ער איז שוין געווען נאָענט, זייער נאָענט דעם שונא. דאָס האָבן איבערגעגעבן די פּליטים־אידן און גוים, דאָס האָבן אויך אָנגעזאָגט די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געשטראָמט מיט שטאָלענעם דונער אויף דעם טראַקט: אַנטלויפט! אַנטלויפט ווער עס קאָן! פאַרברענט אַלעס, פאַרניכטעט אַלעס! לאָזט ניט איבער קיין שטיקל פלאָץ, וואו דער שונא זאָל קאָנען געפינען פאַר זיך אַביסל רו... אַנטלויפט!

רבי הלל, דער רבי פון נאָוואָפּאָל האָט געטרייסט: דאָס שטעטל איז קליין, דער שונא פליט אויף פייערדיקע פליגל הונדערט ווערסט אַ טאָג, ער וועט זיך ניט אָפּשטעלן בא אַ קליין, אָרעם אידיש שטעטל, וואו עס איז ניט פאַראַן אפילו קיין באַן־סטאַנציע... וואָרן, אָט זענען דאָך די רוסן בלויז דורכגעגאַנגען, ניט געהאַט קיין צייט אפילו אָנצוטרינקען זיך מיט וואַסער... נו, וועט דער שונא דורכפליען און דערנאָך, ווען דאָס פייער וועט אַריבער און אַלץ וועט זיך איינשטילן, ווען מען זען... מ׳וועט ווי ס׳ניט איז ניצול ווערן מיט גאָטס הילף...

ניט אַלע האָבן אָבער געקוקט מיט רבי הלל׳ס אויגן; און ניט אַלע האָבן געהאַט דעם מוט און דעם כח צו בלייבן רואיק און צו גלייבן אין דעם שונאס גערעכטיקייט. וואָרן די בשורות וועגן די גרויזאַמקייטן פון די דייטשן, וועגן די שחיטות, וועגן די פּייניגונגען און יסורים, וועגן די פאַר־ברענטע, צעשאָסענע און באַגראָבענע לעבעדיקערהייט, וועגן די פאַרסאַמ־טע אין די גאַז־קאַמערן, וועגן די געשענדעטע פרויען און פאַרמוטשעטע קינדער — די בשורות האָבן שוין פון לאַנג דערגרייכט דאָס שטעטל און יעדער איינער האָט געפילט און געוואוסט, אַז ווען אפילו דאָס איז געשען ער־געץ אַנדערשוואו, איז ער אַליין אויך אַ גליד, אַ טייל פון דעם באַרויבטן, פאַרהונגערטן און פאַרפּייניקטן פאָלק. און ניט אַלע האָבן געהאַט מוט און כח צו בלייבן און יעדן טאָג זענען אַלץ מער און מער אידן מיט זייערע פרויען און קינדער אַוועק צום טראַקט, צום באַן און געלאָזט זיך מיט דער

אָפּציענדיקער אַרמיי — ערגעץ וואו, צו זיכערקייט, צו האָפענונג אויף א רואיקן לעבן.

דריי טעג האָט זיך דאָס שטעטל געוויגט אין שרעק און איז אָפּגעצערט געוואָרן, געבליבן ליגן בלוטלאָז, פּוסט, אָן מענטשן כמעט. פון איין עק גאַס ביז דער צווייטער האָט מען געקאָנט זען די פּוסטקייט און פילן דעם טרויער. זי איז געלעגן די גאַס אַ גרויע, מיט איר שטויביקן וועג, מיט אירע שמאָלע קרומע ראָגן, מיט די איינגעהויקערטע שטיבער, מיט די פאַרמאַכטע טירן און לאַדנס פון די אָרעמע קרעמלעך. בלויז רבי הלל'ס הויז און די שול אויף דעם בערגל האָבן אַראָפּגעקוקט מיט אָפּגעבליאַקירטע גרינע דעכער און זענען געשטאַנען ווי אויף דער וואַך — נאָכגעקוקט די אָפּגעגאַנגענע, וואָס זענען שוין דאָ ניט געווען. און רבי הלל האָט שוין אַליין אויך גענומען צווייפלען, צי האָט ער געהאַט אַ רעכט איינצעפּלאַנצן אין די פאַרבליבענע די האָפנונג, אַז דאָס שטעטל וועט בלייבן לעבן, וועט בלייבן גאַנץ. ער אַליין... נו, ער אַליין האָט געוואוסט, אַז לעבן איז, אייגנטלעך, א רעלאַטיווער באַגריף, אַז דאָס לעבן דאַרף ניט געמאָסטן ווערן מיט דער צאָל יאָרן... וואָרן אַזוי ווי פופציק יאָר זענען ניט גענוג פאַר דעם מענטשנס פאַרווירקליכונג פון זיינע שטרעבונגען און טרוימען, אַזוי וואָלטן מסתמא דריי הונדערט יאָר אויך ניט געווען גענוג צו באַפרידיקן דעם מענטשנס דראַנג צו דערגיין דעם סוד פון לעבן און פון אייביקייט. ניין, ס'איז ניט די צאָל יאָרן. און... די יאָרן פון איין מענטשן, האָט ער געגלייבט, פלעכטן זיך סיווּוי אַריין אין די יאָרן פון דעם צווייטן, פון דעם קומענדיקן, און די מעשים פון איין מענטשן פלעכטן זיך סיווּוי אַריין אין די מעשים פון א צווייטן, פון א דריטן... פון דור צו דור. און אַזוי ציט זיך די קייט פון אייביקייט. עס האָט אים אויך ניט געשראָקן דער טויט. ער איז געווען רואיק, ווייל ער האָט געזען דאָס לעבן ווייט, ווייט אין דער פּערספּעקטיוו און אין דער טיפעניש. אָבער זיי... די אידן זיינע...

עס זענען דאָך שוין אַוועק אַזוי פיל יאָרן, זינט ער איז געקומען צו זיי. און געקומען איז ער מיט דעם געדאַנק און מיט דעם באַגער געלייטערט צו ווערן אין דעם טאָל פון זייערע טאָג־טעגלעכע זאָרגן. בא זיין פאָטער, בא דעם רבין אַביגדור, האָט אים גאָרניט געפעלט. ער האָט געלעבט ווי א פּרינץ אין הויף פון תורה און געטראָגן דעם גייסט פון דער רבנישער דינאַסטיע, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר אַן אייניקל פון דעם סאָראָקאָווער. ער איז געוואָקסן א הויכער, א שלאַנקער, מיט דעם דינעם טונקעלן פּנים פון א רבנישן אַריסטאָקראַט, וואָס גייט צו דער כסא־הרבנות מיט א רייכן, זאָרגלאָזן וועג, פאַרעהרט און פאַרהייליקט אין דעם ליכט פון זיין זיידן און פון זיין טאַטן. ווי אָפט ער פלעגט שטיין בא דעם פענצטער פון זיין צימער, אַרויסקוקנדיק צו דעם לאַנגן וועג, וואָס האָט געבראַכט טויזנטער חסידים צו זיין פאָטערס טיר... וועט ער אויך זיצן אָט אַזוי, ווי זיין פאָטער אין שטול און אויפנעמען זיי בעטנדיקע, גלויבנדיקע, אָרעמע

און רייכע? וועט ער אויך האָבן אַ פּאָר גבאים, וואָס וועלן זאַמלען די קוויטלעך און די פּדיונות און וועלן ברענגען יעדן פרימאָרגן אַ צעטל מיט אַ גענויעם חשבון. ער האָט ניט געוואָלט אַזא רבנישע שטול. ער האָט געוואָלט זען און הערן די אידן, ווי ער פלעגט זיי זען און הערן, אַרויסגייענדיק פּארנאכט אויף אַ שפּאַציר איינער אַליין אין די געסלעך פון איי־גענעם שטעטל און אין די גאַסן פון די שטעט, וועלכע ער פלעגט אַמאָל באַזוכן מיטן פאָטער דעם רבין אויף די רייזעס איבער פּוילן און בעסאַ־ראַביע. ער פלעגט ליב האָבן די באַנאַכטיקע שפּאַצירן איינער אַליין און ער פלעגט אָפט טראַכטן וויפל איינזאַמע נשמות, וויפל איינזאַמע וועלטן עס רייסן זיך פון אָטאָדי געסלעך צו עפּעס אַ חלום, צו עפּעס אַ גליק. דער רבי אביגדור איז געווען קלוג און ניט פאַנאַטיש־פרום. ער איז געווען גייסטרייך, אָבער אויך פּראַקטיש. ער האָט געוואוסט, אַז די וועלט און דאָס לעבן שטייט ניט אויף איין אָרט, איז ניט פאַרגליווערט אין איין גלויבן און אין איין שפּראַך, האָט ער זיך באַמיט צו ברענגען דעם וויסן פון דער וועלט און די לעבנס־חכמה צו הלל'ס שוועל, אויב ניט הילל'ן צו די אומ־צאָליקע שוועלן פון דער וועלט. ער האָט געוואוסט, רבי אביגדור, ווי צו פּאַרבינדן דאָס רעליגיעזע מיט דעם וועלטלעכן און ער האָט ניט מורא געהאַט פאַר די פרייע געדאַנקען וועלכע אייניקע פון זיינע באַזוכער פלעגן אַריינברענגען מיט זיך, אַ וואָרף טאָן די געדאַנקען ווי זריעה און פאַר־שווינדן. ווען אַזעלכע געסט פלעגן קומען באַזוכן דעם רבין, האָט ער שטענ־דיק געשיקט נאָך דעם יונגן הלל, אַז ער זאָל אויך זיצן און הערן וועגן וואָס די באַזוכער רעדן, כדי די וועלט און די מענטשן זאָלן אים ניט זיין פרעמד און די נייע ווינטעלעך און ווינטן זאָלן דערפרישן און לופטערן די צו היימישע אַטמאָספערע פון אייגענעם הויף. דער יונגער הלל האָט גע־הערט, אָבער קיינמאָל ניט גערעדט, קיינמאָל קיין פראַגן ניט געשטעלט. אָבער ווען ער איז געווען אַליין, האָט דאָס געהערטע געוואַקסן ארום אים ווי הויכע בערג און די פראַגן האָבן געוואַנדערט ווי אין טיפע טאָלן. דאָס צימערל זיינס איז געוואָרן זיין ישיבה און זיין אוניווערסיטעט. די מלמדים און די לערער האָבן אים יאָר נאָך יאָר געפירט ווי אויף טרעפּ אין די לאַ־בירינטן פון וויסן. און אָפט האָבן געדאַנקען און ביכער גערעדט צו אים ווי קלוגע שלאַנגען, גערעדט אויף פּויליש, גערעדט אויף דייטש, גערעדט אויף רוסיש און דערציילט וועגן ווייטע מענטשן און וועגן ווייטע לעבנס. איבערהויפּט האָט איינער פון זיינע לערערס, וואָס האָט מיט אים געלערנט שפּראַכן, דער דייטשישער איד אַדאָלף שמידט, געפירט אים איבער די הויכע סטעזשקעס פון פילאָזאָפישע אידייען. אַ מאָדנער מענטש איז ער געווען דער אַדאָלף שמידט. אפילו דער אויסזען זיינער האָט די ערשטע צייט מיט עפּעס געשראָקן און געהאַלטן דעם יונגן הלל אין עפּעס אַ פּאַר־זיכטיקן אומצוטרוי. אַ הויכער, מיט אַ גרויסן רויטן קאָפּ, מיט אַ הויכן שטערן, גרוי בלוילעכע אויגן און מיט אַ שפּיציק בערדל, האָט ער אין הלל'ס אויגן אויסגעזען ווי דער אינטריגאַנט פון שילערס "רויבער". ער

האָט אָבער געוואוסט, דער אַדאָלף שמידט, ווי צו עפענען די טירן צו הלל׳ס לעבן. ער איז געקומען אויף די וועגן פון תורה און ער האָט אים איבער־ראַשט מיט זיין וויסן, מיט דער קענטניש און פליסיקייט פון שפּראַכן. מיט א קלוגן מעפיסטאָפעלישן שמייכל אויף זיינע ליפּן, פלעגט ער ליב האָבן צו שפּאַנען איבערן צימער און מיט אן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט די דארע פינגער זשעסטיקולירן און רעדן וועגן זיינע באַליבטע דיכטער און פילאָזאָפן, וועגן די סטיכישע און ראַציאָנאַלע געזעצן פון לעבן, רעדן מיט שאַרפע, אפאָריזמפולע פּראָזע, פראָזן, אָנגעפילטע מיט טיטולאַנישער קראַפט, וואָס האָבן פאַרכאַפּט און מיטגעשלעפּט מיט אוטאָפּישע און אָפט רעוואָלוציאָנערע וויזיעס און פאַרטראָגן הלל׳ן ווייט איבער די גרענעצן פון שטעטל, אפילו איבער די גרענעצן פון זיין גייסט, וואָס איז אין דער ענגער סביבה געווען געמאָסטן מיט די געזעצן פון תורה און טראַדיציע. ער איז געקומען אין הלל׳ס לעבן ווי א שלוח, וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען צו צערודערן די נשמה און אָנצינדן זי מיט פלאַמען פון דעם קאַליידאסקאָפּישן לעבן. און מיטאַמאָל איז ער פאַרשוואונדן. די לאַנגע אויסגעשטרעקטע האַנט זיינע און די איבערגעבליבענע ביכער אין דייטש, רוסיש און פּויליש, און די רייד זיינע האָבן אָבער אַ לאַנגע צייט נאָך גע־שוועבט און געקלונגען אין הלל׳ס אויערן און געפירט אין טאָלן פון פאַר־טראַכטונג.

וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ איינזאַמער אין זיין גייסט איז ער געווען. אין דער מעדיטאַציע פון טעג און נעכט האָט ער געזוכט קערנדלעך פון שמידט׳ס פילאָזאָפיע און ער האָט די קערנדלעך ניט גע־פונען. ער האָט זיך דערזען ווי אויף אַן אינדזל, וואוהין אַ שטורמווינט פון געדאַנקען האָט אים פאַרטראָגן און געלאָזט אים אַליין צו זוכן און צו גע־פינען דעם זין פון לעבן. ער האָט געשמייכלט, ווען ער האָט געטראַכט ווי מאָדנע עס וואָלטן געקלונגען זיינע רייד, ווען ער וואָלט געקומען מיט זיי צום פאָטער און וואָלט גענומען רעדן צו אים וועגן שטורמדיקע גייסטער־פילאָזאָפן אין דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור, וועגן דער פילאָזאָפיע פון דעם דייטש ניטשע, פון דעם רוס טאָלסטאָי און וועגן דעם אידן קאַרל מאַרקס. ער וואָלט זיכער געענטפערט, אַז אין חדש תחת השמש, אַז די אידישע חכמים האָבן שוין וועגן דעם אויך גערעדט און געלערנט. אין זיין מח האָבן זיך ווי ראַדיוסן געצויגן וועגן צום צירקל פון לעבן, די וועגן זענען אָבער געווען פאַרפלאָכטן און פאַרפלאָנטערט, האָט ער געזוכט אַ וועג איבער די וועגן — זיין אייגענעם וועג.

דער אָרטאָדאָקסאַלער לעבנסשטייגער זיינער איז געגאַנגען ווי גע־וואויגן און געמאָסטן. די געוועלטלעכע געשעענישן האָבן נאָכגעפאָלגט גע־וועלטלעכע געשעענישן, ביז עס איז געקומען די צייט פאַר אים צו הייראַטן. דער רבי אביגדור האָט שוין געהאַט צוגעגרייט פאַר אים אַ ווייב, אַן איינינקל פון דעם סאָלאָווצער, וועמעס זון האָט ניט דערלעבט די זכיה צו פאַרנעמען דעם סאָלאָווצערס כתא הרבנות. דער שידוך איז פאַרבונדן

געוואָרן דורך די טראַדיציאָנעלע וועגן און דער תקיעת־כף האָט פאַר־חתמעט דעם שיקזאַל פון הלל׳ן און פון זיין פרוי בת־שבע.

הלל האָט זיך געלאָזט פירן צו די טירן פון זיין צוקונפטיקן לעבן. ער האָט מיט איבערראַשונג און מיט שטוינונג דערזען פאַר זיך אַ יונגע, שיינע ווייב, אַ שלאַנקע און דינע מיידל מיט וועלטלעכן אינהאַלט און מיט ראַפינירטער באַנעמונג. און כאָטש ער האָט שוין פון פריער געוואוסט אַז זי האָט נאָך דעם פאָטערס טויט געלעבט אַ לאַנגע צייט בא איר מומען אין וויען, האָט אים אָבער דאָך אנגענעם איבערראַשט איר ווירדיקער, עטישער און עסטעטישער צוגאַנג צום לעבן און ער האָט באוואונדערט איר קלוגשאַפט און מאַגנעטישן חן. ער האָט זי ליב באקומען און זי אים אויך און די כסה הרבנות אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל נאָוואָפּאָל האָט מער ניט געשראָקן. ער האָט געפונען רו פון גייסט אין זיין טיף עטישער און מאָראַלישער עובדא און אָנפירערשאַפט און דערהויבן זיך און די פרוי זיינע, די רביצן בת־שבע צו טיפער אַכטונג און ליבע צו דעם יראת הכבוד און גלויבן פון דער גאַנצער אידישער און אפילו ניט אידישער באַפעלקע־רונג פון נאָוואָפּאָל. זיין הויף האָט ניט געשיינט מיט רייכטום ווי זיין פאָ־טערס, רבי אביגדורס הויף, ער האָט אָבער געצויגן צו זיך יונג און אַלט מיט דעם ליכט פון ליבע, פון פארשטענדניש, פון נאָענטקייט, וואָס האָט געערוט אין זיין הויף ווי די שכינה פון א גוטן הייליקן גייסט.

די יאָרן אין נאָוואָפּאָל האָבן געזילבערט די שלייפן פון רבין, גע־לעגט טונקעלע שאָטנס אונטער די גרויסע שוואַרצע אויגן פון דער רביצן בת־שבע. דער איין און איינציקער זון אליעזער, איז שוין איצט געווען דערדאָזיקער, וואָס האָט געזוכט די וועגן, די אמת׳ן, די זריעה פון חכמה און פון גערעכטיקייט אין די שטורמדיקע טעג פון לעבן. ער האָט שוין אויך ווי דער טאַטע זיינער, רבי הלל, גערעדט בא זיך אין צימער מיט די גייסטער פון דער וועלט. ער איז שוין אָבער געווען פרייער אין זיין זוכע־ניש. ער איז אָפט געשטאַנען בא די פאָליצעס פון דער קליינער אידישער ביבליאָטעק און געזוכט דעם המשך, דעם המשך ניט נאָר נאָך די אַלטע פאַרגאנגענע גייסטער, וועמעס אמת איז פאַרבליבן אין דער געשיכטע פון אידנטום ווי שווער, ריין גאָלד — אָן זשאַווער, נאָר ער האָט שוין גע־זוכט דעם המשך און בהעפטונג מיט די נאָענטסטע צו אים, מיט די אידי־שע קינסטלער צו וועלכע ער האָט געפילט אַ קרובהשאַפט סיי אין גייסט און סיי אין בארוף. דאָס אידישע שאַפן און איבערהויפט דאָס אידישע ליד האָט געבלאָזן אויף אים, ווי אַ וואַרעם ווינטל אויף אַן אָנגעצונדן ליכט... ער האָט געברענט מיט ציטערנדיקן פלאַם צוזאַמען מיט זיין ליד, און טאָקע בא דעם ציטערדיקן פלאַם פון דעם לעכט אויף זיין טיש און אין זיין צימער. די אידישע דיכטונג און דאָס אידישע וואָרט האָט מיט אַ טרויעריקן שמייכל, ווי א ווייס לופטיק געשטאַלט אין דער נאַכט גערופן צו די וועגן, צו די שטעט, צו די גאַסן, צו די ברידער־דיכטער, וועמעס פערזן און שאַפונגען ער האָט געטרונקען ביז פאַרשיקערונג. ער האָט געוואָלט ווי זיי פאַר־

וואַנדלט ווערן אין טויזנטער געשטאַלטן און אָנצינדן מיט געדאַנק, מיט עמאָציע און מיט טאָט די נאָענטסטע און די ווייטסטע לייבער און הערן ווי די ווערטער זיינע זינגען און דערהייבן זיך צו די הויכקייטן פון זיינע באַליבטע דיכטער. און ווען ער איז געקומען קיין ווארשע האָט דאָס דיכטערישע לעבן און שאַפן אַרומגענומען, אים מיט הונדערטער הענט, געקוקט אויף אים מיט טויזנטער אויגן, גערעדט צו אים מיט אומצאָליקע ווערטער און געלאַשטשעט און געביסן, געקושט און געגראַבלט, געלאַכט צו אים און געוויינט, געליבט און געהאַסט. נאָוואָפּאָל איז פארבליבן אין דער ערשטער פאַזע פון זיין לעבן. עס האָט געשיינט מיט דעם ליכט פון א לבנה, וואָס איז ווייט און כשופדיק, און עס האָט געזונגען אין זכרון מיט נגונים פון אתה הראית און פון כל נדרי.

אַ יאָר, און א יאָר, און נאָך א יאָר — און די גרויסע געלערנטע און קינסטלערישע אידישע ווארשע האָט צוגעבונדן אליעזערן מיט לייב און גייסט צו דעם אידישן פארנאַס. פון דעמדאָזיקן פארנאָס האָט ער אַראָפּגעזונגען זיינע ליריש־בונטאַרישע לידער, געוואָרפן זיין מעלאָדיש־שאַלנדיק וואָרט אין דער מיט פון צעבראָכענע לוחות און גערופן צו בונטאַרישפּאָעטישן טאָט. און ווען די מלחמה האָט זיך צעפלאקערט מיט שווארץרויטע פייערן און ווען וואָרשע, די שטאָט פון זיין וואָרט און פון זיין ליד איז געפאַלן, האָט ער אויסגעשריגן אין זיינעם אַ ליד: ביז דאָס בלוט וועט ניט אויסשפּילן ווי ווייז אין ברויז פון נקמה — וועט די גאולה ניט קומען.

ב.

עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען אליעזר האָט זיך פּלוצים און אומדערוואַרטעט צוריקגעקערט אַהיים. ער איז אַריינגעקומען אין הויז אַ פאַרמאטערטער, א שווארצער פון וועג און פון יסורים. אַוועקגעלעגט דאָס זעקל, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך און מיט א שוואכן שמייכל, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט צוגעפאַלן צו דער מוטער. דעם פאָטער, דעם רבי הלל, האָט ער אָפּגעגעבן שלום עליכם און אַנדערזעצנדיק זיך אין שטול, אָפּצעכאַפּן דעם אָטעם פון נערוועזן צושטאַנד, האָט ער ענדלעך אַ זאָג געטאָן:

— קוים דערשלאָגן זיך אַהער...

— דאַנקען גאָט... — האָט די מוטער, די רביצן בת־שבע געזאָגט און גענומען גלעטן אים מיט ציטערדיקע הענט. — ווי דו האָסט אויסגעוואַקסן... און ווי געביטן זיך...

אליעזר האָט אַ שמייכל געטאָן:

דו האָסט זיך גאָרניט געביטן מאַמע, און דו, רבי, אויך ניט. איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט אפילו, אַז איך וועל אייך נאָך טרעפן דאָ. געמיינט, אַז איר זענט שוין פון לאַנג אוועק פון דאַנען. איבערהויפּט, ווען איך בין אריין אין שטעטל און דערזען די פינצטערניש, די פוסטקייט און טויטקייט, בין איך געווען זיכער, אַז איר זענט אריבער די גרענעץ צו

רוסלאַנד. ווי קומט עס וואָס איר זענט נאָך דאָ? — האָט ער מיט פאַר־וואונדערונג געפרעגט.

— איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן דאָ. — האָט רבי הלל געזאָגט.

— באַשלאָסן צו בלייבן דאָ?! — האָט אליעזר כמעט אויסגעשריגן.

— אָבער, פאָטער, עס איז דאָך א געפאר דאָ, א טויט געפאר...

— אזוי מוז עס שוין זיין, אליעזער.

— עס מוז? פאַרוואָס מוז עס?

רבי הלל האָט ניט געענטפערט. האָט אליעזר געווענדט זיך צו דער מוטער:

— און די אידן פון שטעטל? איז עמיצער פאַרבליבן? איז עמיצער פאַראַן?

— די מערסטע זענען אַנטלאָפן. בלויז ארום פערציק נפשות זענען געבליבן. — האָט די מוטער געענטפערט.

— איך האָב דעם גאנצן וועג געהאָפט, אז אויב איר זענט נאָך ניט אַוועק פון דאנען, וועל איך אייך... כ׳מיין... וועלן מיר אלע צוזאמען אַוועק...

— ווילסט אוועק פון דאנען, אליעזער? — האָט רבי הלל געפרעגט.

— נו, געוויס וויל איך, פאָטער. — האָט אליעזער געזאָגט. — אַלץ וועט דאָ חרוב ווערן, פארברענט און פארניכטעט ווערן... דאָרט קאָן איך גיין מיט... די איבעריקע... נקמה נעמען.

— נקמה נעמען... — האָט רבי הלל טרויעריק א שמייכל געטאָן.

— יאָ, טאַטע, נקמה... ווייל ווען מ׳זעט, וואָס איך האָב געזען, בלייבט מער גאָרניט פאַר אַ אידן, בלויז דאָס געפיל פון בלוטיקער נקמה.

— הער אויף... הער אויף, אליעזער... — האָט רבי הלל פארשטעלט די אויערן און גענומען גיין איבערן צימער.

— דו ביזט מיד... — האָט די מוטער געזאָגט צו אליעזערן. — איך וועל מאַכן עפעס עסן פאַר דיר און מיר וועלן גיין רוען.

— רוען... — האָט אליעזער א שמייכל געטאָן. — איר קאָנט נאָך רוען דאָ?

אויף דער שוועל האָט זיך באוויזן ישראל, רבי הלל׳ס נאָענטסטער מענטש און גבאי. אַן איינגעהויקערטער און אַן אויסגעדאַרטער, מיט זיין שפיציק בערדל, מיט די לאַנגע הענט און פיס, האָט ער דאָס מאָל אויס־געקוקט מאָדנע אין אליעזערס אויגן. דערזעענדיק אליעזערן, איז ער צו־געלאָפן צו אים, אַרומגענומען און צוגעדריקט צו דער ברוסט. געוואָלט עפעס זאָגן און ניט געקאָנט. געווישט די נאָז און די אויגן און ענדלעך אַזאָג געטאָן:

— שלום עליכם, אליעזער... ברוך הבא...

אליעזער האָט זיך ארומגעוואשן און איז געגאַנגען עסן. דערנאָך איז ער געזעסן אַ מידער און האָט דערציילט וועגן די אומגליקן וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף די אידן. ער האָט גערעדט ווי פון היץ און געפיבערט פון אויפרעגונג, וועלכע ער האָט קאָנטראָלירט און געצוימט, ווי מורא־

האָבנדיק זי זאָל אים ניט פאַרשלעפּן אין איסטעריע.

עס איז געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען ער איז אַריין אין זיין צי־מער און געלעגט זיך שלאָפן.

פאַרטאָג, נאָך איידער דער מאָרגנשטערן איז פאַרגאַנגען אין דער ליכטיקייט פון דער אויפגייענדיקער זון, איז ער שוין געשטאַנען באַם אָפענעם פענצטער און איינגעאָטעמט די פרישע לופט. ער האָט געזען ווי רבי הלל גייט צו דער שול, גייט פאַמעלעך, ווי ער פלעגט אַלעמאָל גיין, האָט ער זיך אָפּגעוואַשן, אָנגעטאָן און האָט זיך אויך געלאָזט גיין צו דער שול.

עס זיינען שוין דאָרט געווען א מנין אידן. אויך ישראל איז דאָרט געווען. קיינער האָט ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן אין דער נאַכט. דער וויי־טער ברום פון די האַרמאַטן האָט געשראָקן און דאָס אומענדלעכע טאַראַ־טאַרקען פון די פורן אויף דעם טראַקט האָט אין דער שטילער נאַכט גע־קייקלט זיך אין סאמע הארץ אריין.

אויף א באנק בא דער טיר איז געזעסן דער מלמד נפתלי. דאָס אָפּגעצערטע פנים זיינס, די צעשויבערטע באָרד, דאָס צעכראַסטעטע העמד, די אויגן ווי אין אויסגעלאָשענעם צאָרן, האָבן עדות געזאָגט, אַז ער שוועבט ערגעץ אין פרעמדע וועלטן. די שול איז ערגעץ אין זיין פארטונקלטן באַ־וואוסטזיין נאָך אַלץ פארבליבן, אַלץ דאָס איינציקע פלאַץ וואוהין די אויגן, די פיס און די געוואוינהייט האָבן אים געפירט.

ער איז געזעסן אויף דער באַנק און ווי שטענדיק, דערזעענדיק אידן אין שול, האָט ער אָנגעהויבן רעדן; געקלאַפּט מיט דער האַנט אין באַנק, ווי ער פלעגט עס טאָן ווען ער האָט געלערנט מיט די קינדער און האָט אָן אויפהער ווידערהאָלט איינע און דיזעלבע פראזע: רבונו של עולם... מאַכט "ר"ש"ע"... מאַכט עס רשע... רבונו של עולם... "ר"ש"ע..." מאַכט עס רשע...

דער חזן איציק, וואָס האָט אָפּגעגעבן נפתלין אַ ווינקל בא זיך אין שטוב, איז ווי אַלעמאָל צוגעגאַנגען צו אים, פּרובירנדיק אָפּשטעלן זיינע זינלאָזע רייד.

— גענוג... גענוג שוין, נפתלי... גענוג שוין לעסטערן.

נפתלי האָט אים געזען און ניט געזען. געקלאַפּט מיט דער האַנט אין באַנק און גערעדט זיינס: "ר"—ש"—ע"... מאַכט עס רשע...

— זאָל דיר שוין גאָט העלפן, נפתלי... — איז דער חזן אַוועקגע־גאַנגען פון אים. צוגעגאַנגען צום סוחר איטשע קוואַטש, ווי מ'האָט אים גערופן אין שטעטל:

— נו, וואָס זאָגט איר, ר' איטשע? — האָט ער געפרעגט.

איטשע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט זיינע מעלאַנכאָלישע אויגן און גאָרניט ניט געזאָגט. ער איז די לעצטע טעג אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. די קראָם זיינע האָט ער פאַרמאַכט און פארקלאפּט מיט לאָדנס; דער זון זיינער און דער משרת זיינער זענען אַוועק מיט דער רויטער אַר־

מיי; די פרוי איז געלעגן אין הויז אַ קראַנקע און דאָס געלט זיינס, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטער א ברעט אין דעם דיל פון זיין קראָם, דאָס געלט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, וויינט, ווי עס וויינט זיין האַרץ. ער האָט דאָך אויך געקאָנט אַוועק פון שטעטל ווי זיין זון... אָבער וואוהין? צו די רויטע? וואָס וועט ער דאָרט טאָן בא די רויטע מיט זיין פּעמפּיק, מיט זיין געלט, מיט זיין קראַנקער פרוי?... וואָס וועט ער טאָן מיט דער קראָם?... און בלייבן דאָ... גייט דער טויט אויף אים און אויף אַלע אידן... — עס איז אים ניט באַקומען דאָס לעבן... ער האָט אפילו ניט געקאָנט, ניט געהאַט קיין כח צו רעדן, צו באַקלאָגן זיך... געגאַנגען אין שול אריין, ווייל וואוהין נאָך האָט ער געקאָנט גיין הערן א וואָרט...

און ניט נאָר ער — שמעון דער שוחט, און פּייוויש דער תבואה־הענדלער און מאָטיע דער ליפעראַנט, און חיים דער שניידער, און זישע דער פּראַצענטניק און פישל דער בעדער און שלמה דער שענקער און אפילו שיינבערג דער אַפּטייקער און בערמאַן דער פעלדשער — אַלע זענען געקומען אין רבינס שול צו זוכן שוץ, און האָפנונג און עפּעס א טרייסט.

די אידן האָבן זיך דערפרייט מיט אליעזרן. עס איז אויפגעגאַנגען אין זייערע הערצער אַ האָפנונג: צוליב אליעזרן וועט רבי הלל בייטן אפשר זיין באַשלוס און וועט אוועק מיט זיי פון שטעטל.

מ׳האָט זיך געשטעלט דאַוונען שחרית. און נאָך שחרית האָט מען ארומגערינגלט דעם רבין און אליעזרן און איעדער איינער מיט פראַגן, און איעדער איינער מיט א קרעכץ און מיט א זיפץ האָט געשלונגען יעדער וואָרט דעם רבינס און אליעזערס און ווי געוויגט זיך אויף וואָגשאָלן, וואָג־שאָלן אויף וועלכע דעם רבינס און אליעזערס ווערטער האָבן געצויגן אַראָפּ און אַרויף אין האָפנונג.

און ווען דער רבי האָט זיך אוועקגעזעצט לערנען און די אידן מיט אָנגעשפּאַרטע קעפּ, ווער מיט אויפמערקזאַמקייט און ווער ווי אין דרימל, זענען שוין געזעסן אַרום אים, איז אליעזער אַרויסגעגאַנגען פון שול.

ער איז געבליבן שטיין אויף דעם בערגל און האָט באַטראַכט די פּוסטע גאַס. א קוק געטאָן אויף דער צווייטער זייט פון בערגל און דערזען דעם שטויביקן וועג וואָס האָט זיך געקרייציקט באַם ברונעם. ער האָט באַשלאָסן פּלוצים אַראָפּצוגיין מיטן וועג צום ברונעם. ער איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער און א טריבער. דער וועג איז געווען אזוי באַקאַנט און אזוי ליב. אזוי פיל מאָל געגאַנגען דאָ אליין אין די פאַרנאַכטן און געזונגען אינדערשטיל. איצט האָט געשיינט די זון און דער וועג איז געווען ווייך פון שטויב. פייגעלעך אין גראָז, בא די זייטן פון וועג, האָבן געשוווישטשעט. ערגעץ וואו ווייט, אַרויס פון שטעטל, האָט אין א גויאישער גאַס געהאַוועט א הונט.

ער איז צוגעקומען צום ברונעם, וואו עס האָבן זיך צעטיילט די וועגן. דער זעלבער ברונעם, דער זעלבער קרייץ מיט דעם צוגענאָגלטן

יעזוסן, אָבער ווי אָפּגעפּריבן, ווי אָפּגעבלאַקירט יעזוסעס קערפּער איז געווען. די אויגן זיינע, בלויע, האָבן נאָך אַלץ געקוקט צום הימל, ער האָט אָבער מער ניט אַנגעוואָרפן קיין מורא אויף אליעזרן, ווי ער פלעגט עס פילן אין די אינגערע יאָרן.

ניט ווייט פון ברונעם האָט ער זיך אנידערגעזעצט. געקוקט אויף דעם האַריזאָנט און געטראַכט, אַז ער האָט ניט געזען אזא הימל און אזא פעלד אין די דריי יאָר אין ווארשע. עפּעס ניט אויסגעקומען דאָרט צו גיין ארויס פון שטאָט און קוקן אויף די וועגן, וואָס ציען זיך צום האָריזאָנט, וואָס רופט ארויס מאָדנע, טריבע געדאַנקען. ער וואָלט אפשר איצט שוין אויך ניט ארויסגעקומען אהער צו זיצן און מעדיטירן, ווען ניט די האָפנונג, אַז ער וועט דאָ באַגעגענען א פויער, עמיצן, וואָס זאָל אים אינפאָרמירן וואו דער שונא איז, וואו עס איז נאָך פארבליבן א וועג דורכצורייסן זיך... און פּלוצים איז ער א דערפרייטער אויפגעשפּרונגען. ער האָט דערזען א פויער אָנקומען אויף א פורל. דער פויער האָט געטריבן דאָס אויסגעמאַטערטע פערדל מיט דער בייטש, איילענדיק זיך, ווי אנטלויפנדיק פון אַן אָנקומענ־דיקן שטורם.

— וואַרט! וואַרט א מינוט! — האָט אליעזר געשריגן און געמאַכט צו אים מיט די הענט.

דער פויער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ניט געהאַט קיין חשק צו רעדן, אָבער אין איילעניש געזאָגט אליעזערן, אַז די דייטשן האָבן שוין פאַרנומען כמעט אַלע דערפער ארום, אַז בלויז איין וועג איז נאָך פאַרבליבן, ארויסצו־ראַטעווען זיך פון קלעם — דער וועג דורכן וועלדל איבערן טראַקט. אָבער אפילו דורכן וואלד איז שוין אויך א געפאַר צו אנטלויפן... די אויסשפּיר אָפּטיילונגען — זיי לויפן אָן, אַז מ׳ווייסט אליין ניט פון וואנען... צו פוס און אויף טאַנקען, אַז גאָט זאָל היטן...

דער פויער איז אוועק און אליעזער איז געבליבן שטיין באַם ברו־נעם. ער האָט ארומגעקוקט דעם האָריזאָנט. דער האָריזאָנט איז אָבער געווען טרויעריק פּוסט — ערד און הימל, איינגעקלאַמערט אין טרויער. ער האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אַהיים. אַרויפגעקומען אַף דעם בערגל און אַראָפּ־געקוקט. די געסלעך, האָט זיך אים אויסגעוויזן, ליגן מיטן פּנים צו דער ערד און די טונקעלע דעכער האָבן ארויסגעשטאַרצט ווי שווארצע הויקערס. ער האָט קיינעם ניט געזען. געלאָזט זיך פון בערגל אַראָפּ מיטן וועג אין גאַס אריין. געגאַנגען און געקוקט אין די פענצטער, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי בלינדע אויגן. ערגעץ, האָט זיך אים אפשר אויסגעוויזן, האָט א קינד ארויס־געשטעקט דאָס קעפּל אויף א רגע און איז גלייך פארשוואונדן געוואָרן. אַט האָט זיך א טונקל געשטאַלט פון א אידן, ווי פון שאַגאַלס א בילד ארויס, באַוויזן אויף א ווילע און איז אויך פאַרשוואונדן. און אונטן שוין, באַם מאַרק, בא אַ קרעמל מיט פאַרמאַכטע לאָדנס, האָט ער דערזען אַן אַלטע אידענע. זי איז געשטאַנען מיט דער פאַטשיילע איבער די אויגן, געקוקט ווי מיט א בלינדן בליק און געשוויגן. און ווען ער האָט זי געפרעגט: —

דערקאַנט איר מיך ניט, מומע? — האָט ער געזען, אַז זי הערט אים ניט און פאַרשטייט אים ניט. האָט ער ווידער געזאָגט: — מומע פראַדל... געדענקט איר דען ניט? איך בין אליעזער, דעם רבינס זון... איך פלעג קומען צו אייך קויפן פּאַפּיר און טינט... איר געדענקט ניט, מומע פראַדל?

זי האָט געקוקט מיט גאָרניטזאָגנדיקע אויגן און האָט געשוויגן. איז ער געשטאַנען נאָך א ווײַלע, געקוקט אַף די פאַרמאַכטע קלייטלעך, געזוכט א פּנים אין די פענצטער, א קוק געטאָן אַרויף צום בערגל, אויף דעם פּאָטערס שטוב, אויף דער שול. די זון איז שוין געשטאַנען הויך. צעריסענע וואָלקנדלעך האָבן זיך באַוויזן דאָ און דאָרט. ער האָט זיך געלאָזט גיין צוריק, אַרויף...

באַם הויז האָט ער באַגעגנט ישׂראלן.

— הערסט זיך אַיין אין די האַרמאַטן, אליעזער? — האָט ישׂראל געפרעגט.

— ניין, וואָס איז די פּעולה פון צוהערן זיך? מ׳קאָן עס דען אָפּשטעלן?

— היינט איז דאָס שיסן שוואַכער, ווי נעכטן... אפשר האָט מען זיי אָפּגעטריבן די גזלנים.

— ניין — האָט אליעזער געענטפערט — עס ווייזט אויס, אַז די רוסן זענען שוין צו ווייט אַוועק...

— גאָט זאָל שומר ומציל זיין... — האָט ישׂראל א זיפץ געטאָן.

— וואָס דענקסטו, ישׂראל... איך וואָלט אפשר בעדאַרפט אַראָפּגיין צו די אידן אין די שטיבער און זען זיי, רעדן מיט זיי...

— וועגן וואָס רעדן?

— זיי זאָלן אַוועק פון דאַנען. יעדע מינוט איז טייער... עס איז שוין באַלד קיין וועג ניט געבליבן.

— עס וואָלט ניט געפעלן דעם רבין. ער רעדט צו זיי דאָ... אין שול, אָדער אין שטוב. ער האַלט ניט פון אַרומגיין איבער די שטיבער און רעדן.

— ער רעדט ווי א רבי און איך וואָלט געוואָלט רעדן צו זיי, ווי איינער פון זיי.

— מאַך זיך ניט נאַריש, אליעזער... עס וואָלט די אידן אויך ניט געפעלן. דער רבי זאָל לעבן איז דער, וואָס דאַרף רעדן צו זיי.

— איך פאַרשטיי, ישׂראל. — האָט אליעזער געזאָגט — אפשר ביזטו גערעכט. איך טאָר ניט קומען איצט מיט מיין אייגענער מאָס צו מעסטן דעם וועג צו זיי. דו ביזט גערעכט.

— דער רבי האָט דיך געוואָלט זען. געפרעגט אויף דיר. — האָט זיך ישׂראל דערמאָנט.

— איך האָב סיי ווי געוואָלט אַריינגיין צו אים. — האָט אליעזער געזאָגט און זיך געלאָזט גיין אין הויז אַריין.

ג.

אין רבי הלל׳ס צימער איז געווען קיל. די פאַרמאַכטע לאָדנס האָבן געשאַפן א באַזונדערע שטימונג. בלויז איין פענצטער צו מעריב זייט איז געווען אָפן. אַ פּאַס ליכט איז געפאַלן מיט מילדער ווארעמקייט.

רבי הלל איז געזעסן באַם פענצטער און האָט געהאַלטן א בוך אויף די קני. ער האָט געטראַכט וועגן אליעזרן, וועמעס פּלוצימדיקער אַנקומען האָט פאַרשאַרפט אין אים דעם טרויער. ער האָט נאָך וויניק גערעדט מיט אליעזרן, ער האָט דאָך אָבער געוואוסט, אַז אליעזער האָט זיך ניט צו־ריקגעקערט אהיים צום פאָטערס הויז צו פאַרבלייבן. ער איז געקומען צו וואָרנען: אַנטלויפט! דעם פאָטערס הויז איז, ווייזט אויס, בלויז אַן אָפּשטעל־פּונקט, פון וואַנען ער וועט ווידער אַוועקלאָזן זיך אין דער וועלט אַריין, דאָס מאָל אין דער ריכטונג פון דער אָפּטרעטנדער רויטער אַרמיי, צו שטעט־לאַך און שטעט, צו דעם לאַנד, וואָס רופט אין קאַמף מיט דעם בלוטיקן שונא פון דער מענטשהייט.

מילא... דאָס לעבן, האָט רבי הלל געוואוסט, איז גאָטס לעבן און די וועלט איז גאָטס וועלט; און כאָטש אַ גלויביקער, האָט ער אָבער אויך גע־וואוסט, אַז זיין גלויבן איז דער גלויבן פון א פּאַטאַליסט. ער האָט געקאָנט שלום מאַכן מיט דעם זונס פאַרלאַנגען און מיט זיין אייגענער וועלט־אָב־שויאונג, ווייל ניט אומזיסט האָט ער דאָך געלערנט פון ספרים און פון לעבן, אַז דער מענטש קאָן אונטער אַלע אומשטענדן פאַרבלייבן דער טרע־גער פון גייסטיקן פּילפּנים׳דיקן אמת. ער האָט געוואוסט, אַז ווי אַזוי דער מענטש טראַכט, אַזוי איז ער. און ער האָט אויך געגלייבט, אַז אין זיינע געדאַנקען, אין זיין טראַכטן איז אליעזער גאַנץ און נאַטירלעך, ווי עס איז נאַטירלעך דער גאַנצער סדר פון דער וועלט.

אליעזער איז אריינגעקומען.

— דו האָסט געפרעגט אויף מיר, פאָטער? — איז ער צוגעגאַנגען נאָענט צום שטול וואו רבי הלל איז געזעסן.

— געוואָלט א שמועס טאָן מיט דיר. — האָט רבי הלל געזאָגט — ווילסט דאָך אַוועקגיין פון דאַנען, האָסטו געזאָגט.

— ניט אליין... מיט דיר, מיט דער מאַמען און מיט אַלע אידן.

— דו קאָנסט גיין. די אידן אויך. איך בלייב אָבער דאָ.

— דו ביזט ברוגז אויף מיר, פאָטער?

— ניין, אליעזער... — האָט רבי הלל פאַרמאַכט דאָס ביכל, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף די קני... — דריי יאָר אין דער פרעמד האָבן זיכער געעפנט נייע טירן פאַר דיין הארץ און פאַר דיין מח. דו ביזט אָבער ניט פאַרפרעמט געוואָרן און דו ביזט מיין זון... בא מיין שוועל, ציַ בא פרעמדע שוועלן.

— כ׳האָב געוואוסט, אַז דו וועסט מיך פאַרשטיין. — האָט אליעזער א קוק געטאָן אויף דעם פאָטער מיט פאַרערונג. — כ׳האָב געמוזט זען די וועלט ווי זי איז און לעבן מיין לעבן ווי עס איז.

— נו, האָסטו עפּעס געלערנט פון דעם? — האָט רבי הלל א קוק

געטאָן אויף אים מיט א האלב־באהאלטענעם טריבן שמייכל.

— זייער פיל, פאָטער. — האָט אליעזער געענטפערט.

— האָט עס דיך געמאַכט גליקלעכער?

— איך ווייס ניט... — האָט אליעזער איבערגעפירט זיין בליק ער־געץ אין דער ווייטנס.

רבי הלל האָט אַ ווײַלע געשוויגן און געזאָגט, ווי דערמאָנענדיק זיך:

— איך האָב ניט געלעבט אין דער פרעמד אזוי לאנג ווי דו. איך, קאָן מען זאָגן, האָב פארבראַכט מיינע טעג און נעכט, מערסטנס, צווישן פיר ווענט. די וועלט איז אָבער געקומען צו מיר. און דאָ האָב איך געזען די וועלט, און דאָ האָב איך געלערנט וויפל איך האָב געקאָנט לערנען. איך האָב ניט געלעבט ווי דו רופסט עס "מיין לעבן" און דאָך, ווייסטו, אז איך קאָן גוט דייטש און פויליש און אפילו רוסיש. דאָ צווישן די פיר ווענט, האָב איך געלערנט און געלעבט מיין לעבן... און איך פיל א גליק און צו־פרידנהייט פון דעם וואָס איך טו און פון דעם אין וואָס איך גלייב.

— איז דאָס א פאַרוואורף, פאָטער? — האָט אליעזער געפרעגט.

— ניין. ס'איז בלויז צו דערמאָנען דיר, צו באווייזן דיר, אז ביל־דונג און וויסן און דער ציל פון לעבן און אויך גליק קאָן מען געפינען בא דער אייגענער שוועל.

— איך ווייס עס. דאָס לעבן איז אָבער שטארקער און רייסט אוועק פון דער שוועל.

— נו, האָב איך דאָך דיך געלאָזט.

— אַ דאַנק, פאָטער.

— ווען ווילסטו גיין? נאָך היינט, מסתמא?

— עס איז ניטאָ קיין צייט צו ווארטן. מ'טאָר ניט אָפּלעגן. דו ווייסט עס. — האָט אליעזער געקוקט אין דעם פאָטערס אויגן. — ס'איז דאָס פייער וואָס טרייבט.

— דו לויפסט אָבער אנטקעגן דעם פייער.

— איינער מוז אנטלויפן, דער צווייטער מוז לויפן אנטקעגן.

— אָבער וואוהין אנטלויפן, אליעזער? וואוהין?...

— ווייטער... קיין רוסלאנד.

רבי הלל האָט געשוויגן א ווײַלע און פלוצים אזאָג געטאָן:

— כ'האָב ערשט געלייענט דיין בוך שירים.

— אָ, מיין בוך...—האָט אליעזער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — ווי אומוויכטיק עס זעט איצט אויס...

— דו מאַכסט א טעות. — האָט רבי הלל ארויפגעלעגט די האנט אויף דעם בוך. — דאָס בוך איז דער פועל יוצא פון מענטשלעכן גייסט און פון מענטשלעכן דענקען און דאָס איז אפשר דאָס איינציקע ווערטפולע אין אונדזערע טעג פון צעשטערונג.

— וואָס דענקסטו, אויב אַזוי, וועגן מיינע לידער?

רבי הלל האָט אווײַלע געשוויגן און געטראַכט:

— דער נאָמען פון בוך, "דאָס געזאַנג פון בלוט", איז ניט אין מיין גייסט... — האָט ער ענדלעך געזאָגט. — עס געפעלט מיר גראָדע יאָ, וואָס דו זעסט און הערסט גאָט זינגען אין יעדן טראָפּן בלוט. עס געפעלט מיר, וואָס דו האָסט געגומען שפּינאָזאַס געדאַנקען און האָסט זיי ווי ווייַנטרויבן פאַרוואַנדלט אין שפּילעווודיקן וויין, אָבער... ווי דרייסט דו האָסט אַ רעד געטאָן צו גאָט און צו מענטש, ווי דרייסט און... ווי פאַנאַטיש־געצנדינעריש דו האָסט פאַרפלאָכטן די נשמה פון דעם מענטשן מיט דעם בלוט פון דער חיה... און פאַרקערט. דאָס געטלעכע איז טאַקע איבעראַל — אין יעדן גרעזעלע און אין יעדן פליגעלע, אויף דעם מענטשן רוט אָבער די שכינה פון גאָט און די חיה איז פאַרט די שטומע באַשעפעניש, וואָס לעבט בלויז מיט דעם געזאַנג, אָדער מיט דעם געוויין פון בלוט. דענקסטו ניט אזוי, אליעזער?

— מיר דאַכט זיך אָפּט, אַז גראַד אויף דעם חיהשן רוט די שכינה פון גאָט. — איז אליעזער פאַרכאַפּט געוואָרן פון פאָטערס רייד. — און גראַד אין דעם מענטשלעכן וויגט זיך נאָך דאָס חיהשע, דאָס מאַלפּישע. ניין, ניט דאָס מאַלפּישע אפילו, נאָר דאָס מיאוסטע, דאָס בלוטדורשטיקסטע פון די חיות.

— דאָס חיהשע אין דעם מענטשן איז נאָך אַלץ ראַנגלעניש און שטרעבונג פון פינצטערניש צו ליכטיקייט. — האָט רבי הלל באַמערקט.— די חיה אָבער, זי ראַנגלט זיך ניט מער און זי שטרעבט ניט מער.

— זענען די אַלע רציחות, וואָס ווערן איצט באַגאַנגען בלויז ראַנג־לעניש און שטרעבונג צו ליכטיקייט, פאָטער? — האָט אליעזער געפרעגט מיט הארץ.

יאָ, מיין זון.

— עס איז שווער צו באַגרייפן, ווי אזוי אַ נאַצי, וואָס בושעוועט און קוילעט מיט איבערנאַצישער רציחה, קאָן דורך דעם דערגרייכן די ליכטיקייט און די פרייהייט פון גייסט.

— דער נאַצי — ניט. — האָט רבי הלל געענטפערט רואיק — אָבער דער צווייטער צד, דער אנטי־נאַצי — יאָ. דער צווייטער צד איז, אמת, נאָך אויך מענטש־חיה און ער טראָגט אויך צעשטערונג און פאַרניכטונג, ער וויל אָבער און שטרעבט אָבער צו גיין דורך דעם בלוט צו דער באַ־פרייאונג פון דעם חיהשן.

אליעזערס פּנים האָט אויפגעלויכטן:

— עס פרייט מיך, וואָס דו דענקסט אויך אזוי, פאָטער.

— ניין, מיך פרייט עס ניט.—האָט רבי הלל טריב אַ שמייכל געטאָן.

— ווייל איך ווייס, אז פון ביידע זייטן ווערן מיליאָנען געטריבן צו דער שחיטה, געטריבן, ווי אומבאַהאָלפענע, געהאָרכזאַמע שקלאַפן — איך פאַר־שטיי אָבער די סיבות.

— אויב דו פאַרשטייסט די סיבות פון דעם מערדערישן צד, פאַר־שטייסטו דאָך זיכער די סיבות פון דעם גערעכטן צד. און אויב אזוי ווייסטו

זיכער פארשטיין פארוואָס און צוליב וואָס איך וויל אוועקגיין.

— אוודאי פארשטיי איך... — האָט רבי הלל א זיפץ געטאָן. — איך וויל אָבער ניט שיקן דיך צו דער עקידה. איך גליוב ניט אין אַזעלכע קרבנות.

— מיינסט דאָך ניט צו זאָגן, אַז בלויז אַנדערע דאַרפן ברענגען קרבנות, אָבער ניט דו... — האָט אליעזער שטיל און פאַרזיכטיק געפרעגט.

— דו ווייסט, אז איך מיין עס ניט אזוי... — האָט רבי הלל פאַר־שטעלט די אויגן מיט דער האַנט. — איך גליוב ניט אין קיינע בלוטיקע קרבנות, פון וואָס פאר א צד זיי זאָלן ניט קומען.

— טאָ ווי אזוי וועלן די שווארצע כוחות פארניכטעט ווערן? ווי אַזוי? דורך נסים? — האָט אליעזער געפרעגט.

— ניט דורך ניסים — דורך זעלבסטצעשטערונג.

— אָבער אין פּראָצעס פון זייער גייסטיקער זעלבסטצעשטערונג, וועלן זיי דערווייל מיטשלעפּן די גאַנצע מענטשהייט, די גאַנצע וועלט... — האָט אליעזער באַמערקט.

—זיי קאָנען ניט מיטשלעפּן מיט זיך די גאַנצע מענטשהייט,שוין אָפּ־געֶרעדט פון דער גאנצער וועלט. די וועלט איז גאָטס וועלט און קיין מבול, און קיינע מגפות, און קיינע מלחמות, און קיינע נאַציס וועלן ניט צעשטערן זי און מיטשלעפּן זי מיט זיך.

— טאָ וואָס איז דיין עצה, טאַטע?

— בטחון. — האָט זיך רבי הלל אויפגעהויבן פון שטול און גע־בליבן שטיין געגן זון. — בטחון אז די ליכטיקייט און גערעכטיקייט וועט זיגן.

— אָט אזוי זיך... די ליכטיקייט, די גערעכטיקייט, דער אַבסטראַק־טער בטחון וועט זיגן... — האָט אליעזער אזאָג געטאָן און דערפילט, אַז זיין טאָן און זיינע ווערטער זענען חוזקפול און שפּאָטיש.

— איך פארגיב דיר דיין איראָניע... — האָט רבי הלל געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן איבערן צימער. — דו ביזט נאָך יונג און איך בין שוין אַלט. אויב ניט אין יאָרן, איז אין גייסט. און די וואָרצלען פון מיין גייסט, פון מיין נשמה נערן זיך מיט דער טויזנטיעריקער געשיכטע פון אונדזער פאָלק...

— און איך פאָטער? — האָט אים אליעזער ניט געלאָזט פארענדיקן

— נערן זיך דען ניט מיינע וואָרצלען פון די זעלבע קוואַלן?

— יאָ... איך גליוב אַז יאָ. — האָט רבי הלל געזאָגט און איז ווידער געבליבן שטיין קעגן אליעזערן. — צווישן אונדז ליגט אָבער דער תהום פון געדאַנק. דיין געדאַנק האָט זיך איצט אָפּגעריסן און ער שוועבט צווישן פייער און בלוט. דיין געדאנק איז איצט ניט אין גייסט פון אַבסטראַקטן בטחון, ווי דו רופסט עס, נאָר אין דעם גייסט פון קאַמף און נקמה. און דער גייסט פון נקמה און פון מאָרד איז מיר פרעמד.

— אָבער עס שטייט דאָך אפילו אין דער תורה "אל נקמות."

— טאָ לאָז עס צו אים...

— אַך, ווידער דאָס זעלבע! — האָט אַליעזער נערוועז געגומען שוי־בערן די האָר — אָבער דאָס נקמה געפיל קומט דאָך פון שרייענדיקן בלוט און די פאַרניכטונג פון שוואַרצן האקנקרייץ איז איצט מיין ציל און מיין גלויבן. וואָס פילסטו, טאַטע, ווען דו הערסט וועגן די לעבעדיקערהייט באַ־גראָבענע, וועגן די צעשאָסענע און פאַרסאַמטע קינדער? וואָס פילסטו ווען דו הערסט וועגן די אידן וועלכע מ׳טרייבט צו דער שחיטה ווי געהאַרכזאַמע לעמער, וועלכע גייען אַוועק פון לעבן אָן טרייסט און אָן גלויבן, אַז ס׳וועלן קומען זייערע ברידער און זיי וועלן זיך אָפּרעכענען און זיי וועלן נעמען נקמה... טאַטע, רבי... אָט דאָס געשעעט דאָ, איצט, אונטער אונדזערן הימל, הינטער אונדזער שטעטל... און דו רעדסט נאָך אַלץ פון בטחון, פון גאָטס וועלט און פון גאָטס מענטשן... אַנטלויף, פאָטער! אַנטלויף... נעם צענויף אַלע אידן און לויף פון דאַנען!

— אויב אפילו איין איד וועט בלייבן דאָ מיט מיר, בלייב איך. — האָט רבי הלל געזאָגט פעסט.

— איז דאָס עקשנות, אָדער פאַנאַטיזם, פאָטער?

— עס איז זעלבסטרעספעקט, אליעזער. איך וויל זאָלסט מיך פאַר־שטיין. איך וויל אויך קעמפן מיטן שונא און מיין איינציקער וואָפן איז מיין גייסטיקער ווידערשטאַנד. בלויז מיט דעם קאָן איך קעמפן.

— ער פאַרניכטעט יעדן איינעם, וואָס איז באוואפנט בלויז מיט גייסט.

— איך בין גרייט. — האָט רבי הלל געענטפערט. — דידאָזיקע פאַרניכטונג שרעקט מיך ניט. אויב איך וועל אַנטלויפן, וועל איך מיט מיין פליטה צעשטערן מיין גייסטיקן קיום. איך בלייב דאָ, אליעזער.

— ווילסט, אַז איך זאָל אויך בלייבן?

— ניין, דו דאַרפסט ניט בלייבן.

— דו ווילסט מיך ניט?

— דו קענסט ניט בלייבן. — האָט רבי הלל געזאָגט.

— וואָס מיינסטו, איך קאָן ניט.

— דו געהערסט שוין צו דער וועלט פון פייער און נעפל.

— צו דער וועלט פון טאָט, פאָטער.

— פייער... און נעפל... און טאָט... — האָט רבי הלל צוגעגעבן. — דו ווילסט ניט און דו קאָנסט ניט בלייבן דאָ.

— ביזט גערעכט, איך וויל ניט און איך קאָן ניט. מיין האַרץ איז איצט מיט טאָט און בלויז מיט טאָט.

— טאָ זיי מצליח...

— איך דאַנק דיר פאָטער... רבי...

דורך דעם אָפענעם פענצטער האָט זיך דערטראָגן דער ווייטער ברום פון האַרמאַטן. רבי הלל האָט אַקוק געטאָן אויף אליעזערן און דער־זען אין זיינע אויגן אומרואיקייט. אליעזער האָט אָבער אין דעם פאָטערס אויגן געזען דערוואַרטונג, פאָרשונג. זיין בליק איז געווען דערזעלבער, ווי

ער פלעגט זיין מיט יאָרן צוריק, ווען ער פלעגט אים אויסהערן אַ שווערן בלאַט גמרא.

— איך וועל נאָך לייענען דיין ביכל. — האָט רבי הלל געזאָגט. — נאָך ניט אַלץ באַנומען און פאַרשטאַנען. ס׳איז אַזוי אַנדערשדיק... ס׳איז אפשר דער נייער ניגון פון דער צייט... איך ווייס ניט...

קוקנדיק אַף דעם פאָטער, האָט אליעזער געטראַכט ווי שטאַרק און דערהויבן ער מוז זיין אין זיין גלויבן און אין זיין בטחון, אַז שטייענדיק דאָ צווישן די וועגן פון טויט, קאָן ער נאָך אַלץ פאַרטראַכטן זיך און רעדן וועגן א בוך און וועלן און פּרובירן צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט, דעם גייסט פון שאפנדן וואָרט.

— איך בין צופרידן, וואָס כ׳האָב געבראַכט דאָס בוך מיט זיך, וואָס דאָס בוך איז איצט מיט דיר... וואָרן דאָס בוך איז דאָך אַ טייל פון מיר...

— ווען ווילסטו גיין, אליעזער? אין אָוונט?

— נאָך מעריב, טאַטע.

— נו, גוט. גיי זע די מאַמע.

אליעזער איז אַרויסגעגאַנגען פון פאָטערס צימער און געלאָזט זיך גיין צו דער מוטער. דער געדאַנק וועגן איר האָט געפּייניקט. ער האָט געוואוסט, אַז מיט איר מוטערלעכן חוש פילט זי, אַז ערגעץ וואו איז פאַראַן אַ ריס — דאָס צווייגל האָט זיך ערגעץ וואו איבערגעבראָכן און עס ווערט געטראָגן צו טיפע תהומען.

ער האָט זי געטראָפן אַליין. אין אירע אויגן האָט ער געזען, אַז זי האָט געוויינט. זי האָט אָבער א שמייכל געטאָן צו אים, כדי ניט צו פאַרראַטן דעם בטחון, אַז נאָך ניט אַלץ איז שוין פאַרלוירן און פאַרפאַלן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט מוטערלעכן שטאָלץ און ער איז אויך געווען שטאָלץ מיט איר, מיט דער מאַמען, וואָס האָט אים דערמוטיקט אין זיינע שטרעבונגען און אַספּיראַציעס.

זי האָט געקוקט אויף אים און געוואַרט... אפשר וועט געשען עפּעס אַ נס, אפשר וועט פון ערגעץ וואו, פון זיינע אויגן אפשר, קומען אַ צייכן, וואָס וועט אָנווייזן ווי אַזוי און וואוהין צו ווענדן די בליקן און האָפענונג. אליעזער האָט גערעדט צו איר מיט טרייסטפולע ווערטער. ניט גערופן מער צו גיין, ניט געוואָלט מער אַריבערשפּאַנען איבער דעם פאָטערס באַשלוס, איבער זיין טיף מענטשלעכן שטאָלץ און בטחון.

ווען ער איז אַרויסגעקומען פון דער מוטערס צימער, איז ער געבליבן שטיין בא דער טיר פון דער גרויסער שטוב, וואו דער רבי האָט אָפט מיט אַ פּאָר מנינים אידן געדאַוונט און געלערנט. ער האָט אַריינגעקוקט. געוואָלט זען דעם קליינעם ארון קודש און דערפילן די שטימונג, וואָס האָט אין דער שטוב־שול געהאַלטן אַזוי פיל יאָרן. געוואָלט דערפילן די סאַמעטענע ווייכקייט פון פּרוכת און אַנידערזעצן זיך אויף אַ ווײַלע און באַטראַכטן דעם לעצטן שריט.

ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל. פון די קאַלירטע פענצטער

זענען געפאַלן רואיקע אוזאַרן. די שטילקייט האָט געפאַנגען ווי אין אַ ווייכער נעץ. מיטאַמאָל איז ער געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. ער האָט דערזען באַם ארון קודש אַ יונגע מיידל. זי איז געשטאַנען, אָנהאַלטנדיק זיך מיט דער האַנט אַן פּרוכת און איר דין, אומבאַוועגלעך געשטאַלט האָט אים אויף אַ ווײַלע דערשראָקן מיט עפּעס אַ מיסטישקייט. די אומבאַוועגלעכקייט פון דעם פרויען־געשטאַלט האָט אים אויסגעוויזן מאָדנע. וואָס טוט דאָ אַ פרוי... ווי עס ווייזט אויס, אַ יונגע פרוי... ער געדענקט ניט, אז עס זאָלן האָבן ווען עס איז געווען יונגע פרויען אין זיין פאָטערס הויז... די דינסטן, אָדער די סאַרוועריגס, ווי מ׳האָט זיי גערופן, זענען געווען אַלטע פרויען און קיין יונגע, קיין יונגע האָט ער ניט געדענקט. מעגלעך, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אז דאָס איז א פרוי, וואָס וויל זען דעם רבין און ישראל לאָזט ניט צו... האָט זי זיך באַהאַלטן און וואַרט... און אפשר... איז דאָס אַ שטאָט משוגענע, וואָס איז אַריין אַהער דורך דער דרויסנדיקער טיר...

דידאָזיקע געדאַנקען זענען דורכגעלאָפן אין זיין מח ווי בליצן און, מאַכנדיק אַ שפּאַן נענטער צו דער פרוי, האָט ער פּלוצים דערהערט:

— אליעזער...

ער איז געבליבן שטיין און מאָדנע אַ ציטער געטאָן.

— ווער זענט איר?

— דאָס בין איך... לאה... — האָט ער דערהערט אַ ווייך, מיידליש קול.

— לאה?... — האָט ער געפרעגט פאַרוואונדערט.

— דו דערקענסט מיך ניט אליעזער?—האָט זי נאָך ווייכער און מיט אַ טרער אין דער שטימע געפרעגט.

עפּעס האָט מיטאַמאָל אויפגעלויכטן אין אים און ווי אַנגעפילט מיטן גערוך פון אתרוג, פון מיידלעשע שמעקנדיקע האָר, פון מיידלישער נאָענטקייט און פאַר די אויגן איז דורכגעלאָפן אַ פאַרגעסן בילד — שמחת תורה... און די הקפות...

— אוודאי געדענק איך דיך... — האָט ער אַ דערפרייטער געמאַכט אַ שפּאַן צו איר. — אוודאי, לאהלע... אָבער... ווי דו ביזט אויסגעוואָקסן... ווי דו ביזט אויסגעוואָקסן...

— דו דענקסט אַזוי? — האָט זי געפרעגט און איז אַרויסגעקומען נענטער צו דער ליכט.

— יאָ, איך דענק אַזוי.

— און דו... דו ביזט אַ מאַן איצט... אַ באַרימטער מאַן... — האָט זי געזאָגט און געקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע שווארצע אויגן, אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען אזוי נאָענט און אזוי ווייט, אזוי היימיש און אזוי פרעמד...

— וואָס פאַר אַ באַרימטקייט, לאהלע... — האָט ער געזוכט אין אירע אויגן די אַמאָליקע יונגינקע לאהלע.

— דו ביסט א דיכטער. — האָט זי געזאָגט, אויסציענדיק דאָס וואָרט

דיכטער און אירע ליפּן האָבן זיך פאַרצויגן ווי א ניטגעעפנטער פרישער קנאָספּ. — כ'האָב געהערט דו ביסט געקומען, האָב איך געמיינט דו וועסט זיך דערמאָנען אָן מיר און וועסט אַריינקומען זעען מיך. אָבער... איך בין שוין, מסתמא... אַזוי ווייט פון דיר, פון דעם אַלעמען, וואָס איז אַמאָל געווען.

— ניין, לאהלע... — האָט ער אַגלעט געטאָן איר קאָפּ. — כ'האָב ניט פאַרגעסן, אפילו ווען די יאָרן האָבן אַריינגעבראַכט אַזוי פיל נייעס אין מיין לעבן. כ'האָב זיך אָבער ניט פאָרגעשטעלט, אַז די דריי יאָר האָבן דיך פאַרוואַנדלט אין אַ... פרוי... ווי אַלט ביזטו, לאהלע.

— אַכצן יאָר...

— אכצן?

— נו... באַלד אַכצן...

— און פאַרוואָס ביזטו געבליבן דאָ? פאַר וואָס ביזטו ניט אַנטלאָפן?

— צוליב דער מאַמען... זי האָט ניט געוואָלט... די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביזט דאָ... און דערנאָך האָב איך דיך געזען גייען אין דער גאָס... איך בין דיר נאָכגעלאָפן און געשריגן נאָך דיר, דו האָסט מיך אָבער ניט געהערט. כ'האָב אָבער מורא געהאַט צו קומען אַהער...

— מורא געהאַט פאַר מיר?

— ווי קום איך צו דיר...

— דו קומסט... דו קומסט...

— דו ביזט אַ רבינס אַ זון און אליין... אַזאַ מענטש...

— מיין בליק איז פון מענטש צו מענטש, לאהלע. — האָט ער געזאָגט ערנסט. — און איך בין געקומען אַזוי נאָענט צו דעם מענטש, צו דעם לעבן און צו דעם זין פון לעבן.

— איך דאָס אמת, אַז דו גייסט אוועק? — האָט זי מיט ציטער געפרעגט.

— עס איז אמת.

— און ווען וועל איך דיך ווידער זען — האָט זי זיך צוגעבויגן נאָענט צו אים, אַזוי נאָענט, אַז ער האָט דערפילט איר מיידלעשן אָטעם. — דו געדענקסט? האָסט מיר איינמאָל אַ קוש געטאָן... שמחת תורה...

— דו וועסט גיין מיט מיר, לאהלע, דיין מאַמע אויך... דו טאָרסט ניט בלייבן דאָ...

— און דער רבי? און דיין מאַמע?

ער האָט ניט געענטפערט. אויפגעהויבן איר קאָפּ און אַ קוק געטאָן אין אירע אויגן.

— זאָל איך שוין גיין?... שוין?...

— גיי, לאהלע.

מיט צניעהדיקער צאַרטקייט האָט זי אַרומגענומען זיין האַלדז:

— אליעזער...

— גיי... לאהלע... גיי זאָג דיין מאַמען און ווער עס וויל גיין מיט

מיר, זיי זאָלן זיך צוגרייטן...

— אוי, אליעזער...

ער האָט זי צוגעפירט צו דער טיר און געפילט ווי איר האַנט גליטשעט זיך אַרויס פון זיינער. געזען ווי זי גייט אַ דינע און לייכטע אַראָפּ פון בערגל. געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אָן דער טיר, געפילט אַ פייכטקייט אין די אויגן און דאָס שנעלע קלאַפּן פון דעם האַרץ.

די זון איז געגאַנגען שנעל צו מעריב צווישן צעריסענע כמאַרעס. אליעזער האָט זיך ווידער געטראָפן באַם מאָלצייט מיטן פאָטער, מיט דער מוטער און מיט ישראלן. קיינער פון זיי האָט אָבער קיין סך ניט גערעדט. דער מאָלצייט איז געווען אַן אָרימער, דאָס עסן איבעריק.

נאָכן עסן איז אליעזער אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער אויסרוען זיך און צו באַטראַכטן די לאַגע. ער האָט געוואוסט, אַז עס ליגט אויף אים די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם שקיזאל פון די אידן, וואָס וועלן זיך לאָזן גיין מיט אים. ער האָט נאָך ניט גערעדט מיט קיינעם וועגן פאַרלאָזן די היימען זייערע. ישראל האָט אים שוין אָבער איבערגעגעבן, אַז ארום צוועלף אידן מיט זייערע פרויען און קינדער גרייטן זיך גיין מיט אים, אויב ער גייט און אויב ער וויל זיי מיטנעמען מיט זיך. זיי זענען גרייט אַיינצעשטעלן... וואָרן אַזוי צי אַזוי — דאָס לעבן איז סיוּוּי אין קאָן...

דערנאָך איז ישראל ווידער אַריינגעקומען צו אים אין צימער און דערציילט, אַז די גאַס האָט מיטאַמאָל אויפגעלעבט. די אידן מיט זייערע פאַמיליעס שטייען שוין אַלע אין מאַרק. זיי שטייען דאָרט מיט זייערע פעקלעך און קלומיקעס. זיי ווילן ניט צוריק אַריינגיין אין די שטיבער מער... זיי וואַרטן בלויז, אַז ער, אליעזער זאָל זיי פירן...

אליעזער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט. דערזען, ווי ישראל האָט אים דערציילט. עס זיצן די פרויען אויף די אָנגעפּאַקטע זעק און די אידן שטייען און קופּקעלעך און רעדן.

עס איז שוין צייט געווען צו גיין צו מנחה־מעריב. די אידן זענען געגאַנגען פון דעם מאַרק מיט דעם וועג אַרויף צום בערגל אין שול אַריין.

דער אָוונט איז געפאַלן שנעל — שנעל פאַר יעדן איינעם. די האַרמאַטן האָבן געשנאָרכט ערגעץ ווי חיות. די לעכט אין שול האָבן געציטערט פון די זיפצן און די אידן האָבן צעעפענט זייערע הערצער אין שלאָגנדיקן שרעק. יעדער איינער, פאַרגעסנדיק אין בטחון און אין האָפנונג, פאַרגעסנדיק אָן דעם געפיל פון אָפּפערווייליקייט צוליב דעם רבין, איז צוגעפאַלן צו אליעזערן און מיט אויערן, דורשטיקע נאָך אַ גוט וואָרט, נאָך אַ גוטער בשורה, נאָך אַ טרייסט, האָט גערעדט ווי אין פיבער, געציטערט פון אומגעדולד און ווי געריסן פון אליעזערס מויל די ווערטער, וואָס האָבן בעדאַרפט אָנזאָגן, גאַראַנטירן די רעטונג, די אויסלייזונג פון צער און פון יסורים. און אליעזער האָט גערעדט צו זיי, גערעדט שטיל און אָפן, געמאָלן פאַר זיי געפאַרן אין שטעטל און די געפאַרן אויף דעם וועג. געבעטן, אַז יעדער איינער זאָל אויף זיין אייגענער אחריות נעמען דעם אייגענעם

שיקזאַל אין די אייגענע הענט און טאָן אַזוי ווי דאָס האַרץ און ווי דער שכל זאָגט אים.

דער רבי הלל איז נאָך ניט געווען אין שול. מ'האָט געוואַרט אויף אים. ווייל בלויז זיין וואָרט איז געווען דער ריכטיקער ענטפער, דער אמת'ער שליסל צום באשלוס, וואָס איז געלעגן בא יעדן איינעם פוס ווי אַ פאַרמאַכטער קאַסטן. ענדלעך איז דער רבי געקומען. מ'האָט זיך גע־שטעלט דאַווענען.

די שול איז געווען פול מיט שוואַרצקייט. די לעכט האָבן אין דער שוואַרצקייט געציטערט מיט געלן ליכט און ווינט פון תפילה. די שאָטנס אויף דער סטעליע און אויף די ווענט האָבן געשראָקן מיט האוואיעס. מיט דעם געפיל און מיט דעם צושטאַנד פון אַ מענטשן, וואָס האָט אויפגעהויבן אויף זיך אַ שווערן יאָך, איז אליעזער געשטאַנען און געקוקט אויף די שאָקלענדיקע, וויגנדיקע און קרעכצנדיקע ווי אין אַ שטורם געשטאַלטן. און דער געמיט איז געהאַנגען ווי א שווערע כמאַרע און קיין איין שטראַל האָט זיך ניט דורכגעריסן אין דער טונקלקייט פון זיינע מחשבות.

די מעריב תפילה איז פאַראיבער, קיינער האָט זיך אָבער ניט גע־רירט פון אָרט. מ'האָט געוואַרט דער רבי זאָל אויפהייבן זיין קאָפּ פון די אָנגעשפּאַרטע הענט און ער זאָל עפּעס זאָגן. די שטילקייט איז געשטאַנען אַ לאַנגע און א טיפע און אליעזער האָט געפילט, אז ערשט איצט, אין דעם מאָמענט פון שווייגעניש און שטילקייט, עפנט זיך יעדן איינעמס האַרץ און דאָס געבעט שוועבט אויף בלויע פליגל.

רבי הלל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. באטראכט די עדה מיט זיינע גרויסע פייכטע, שיינענדיקע אויגן. און די אויגן פון דער עדה האָבן זיך אויפגעהויבן צו אים ווי צוגעצויגענע פון א מעכטיקער קראַפט.

— אידן... ברידער מיינע... — האָט רבי הלל אָנגעהויבן מיט א קלאָרער שטים, וואָס האָט געגלעט די שטילקייט, — איך וואָלט געוואָלט טרייסטן אייך, איך וואָלט געוואָלט אָנפילן אייערע הערצער מיט עפּעס אַ האָפנונג, וואָס זאָל מקיום ווערן... און איך קאָן ניט און ווייס ניט ווי אַזוי. מיט מיין גאַנצן בטחון אין דער ענדלעכער אויסלייזונג פון צער און פון פיין, מיט מיין גאַנצן גלויבן אין גאָט, השם יתברך, קאָן איך אָבער אין דעראָזיגער שווערער שעה גאָרניט זאָגן אייך און מיט גאָרניט טרייסטן אייך. איר קאָנט אַלע דעם בלוטיקן וועג אויף וועלכן אונדזערע ברידער גייען... און דערדאָזיקער וועג פירט צו אונדזערע טירן. וואָס קאָן מען טאָן, רבתי? אַנטלויפן? גיין אַנטקעגן דעם טויט? אָדער בלייבן דאָ און אָננעמען פאַר ליב אונדזער גורל, דעם גורל פון א איד... איך זע פאַר זיך קלאָר אָט אַ דידאָזיקע דריי וועגן און איך בין זיך מודה... איך ווייס ניט וועלכער פון זיי עס איז דער ריכטיקער וועג. דער שטראַל פון האָפנונג, וואָס באַלויכט אייער וועג, ציט אייך צו לויפן פון דאַנען, לויפן אין דער פרעמדער וועלט אריין, צו ראַטעווען דאָס לעבן, צו ראַטעווען די כלי אין וועלכער עס האַלט זיך די ציטערדיקע, צו דער ערד צוגעבונדענע נשמה... דאָס איז אייער

וועג, דער ערשטער וועג. דער צווייטער וועג, איז דער וועג פון מיין זון אליעזער. ער וויל ניט בלויז אנטלויפן. ער וויל לויפן אַנטקעגן דעם שונא. ער וויל ניט דאָס רואיקע באשיצטע ווינקל ערגעץ אין דער פרעמד — ער וויל דעם גרוב אין וועלכן עס זידט דאָס בלוט... ער וויל אויסוואַלגערן זיך אין וואונדן און אין פּיין, אונטער דעם רויך און פלאַם, אָבער אין דער מיט פון דער קעמפּפענדיקער מענטשהייט. און דאָס איז זיין וועג—דער צווייטער וועג. דער דריטער וועג ציט זיך אַוועק ווייטער פון דאַנען. איך הער הינטער זיך דאָס וואָרט פון די נביאים און דאָס געוויין פון מיין פאָלק... און איך שרעק זיך ניט. איך האָב ניט מורא צו באַגעגענען דעם בלוטדורשטיקן שונא אָט דאָ בא מיין שוועל און אין מיין זיכערקייט אין דער אייביקייט פון גערעכטיקייט ליגט מיין כח. דאָ הייבט זיך אָן מיין וועג—צוריק אפשר, צוריק צום אָנהייב... ס'איז אָבער, גלייב איך, דער ריכטיקער וועג, דער דרך הישר. איך וועל בלייבן דאָ.

רבי הלל האָט פאַרענדיקט און די שטילקייט איז נאָך אַלץ געשטאַנען ארום, ווי א פאַרחלשטע. אָבער מיטאמאָל האָט זיך דאָ און דאָרט דערטראָגן א קרעכץ, א זיפץ, א שלוכץ און א וואָרט... און די שטילקייט איז מיטאמאָל דורכגעבראָכן געוואָרן ווי א וואנט און ווי שטראָמען האָבן זיך אַגוס געטאָן געשרייען:

— רבי!...

— אָבער, רבי!..

— געוואַלד... רבי...

— עס איז קדוש השם...

— זיי וועלן אונדז אויסוואָרצלען!...

— אונדזערע קינדער...

— רבי... רבי...

— האָט רחמנות אויף זיך, רבי...

רבי הלל איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און מיט ציטערדיקע הענט געקנאָטן דעם שנור ארום די לענדן.

— ווער עס וויל גייט... גייט נאָך היינט בייטאָג מיט אליעזערן און זאָל אייך גאָט באשיצן... — האָט ער ענדלעך געזאָגט און מיט לאנגזאמע טריט געלאָזט זיך גיין צו דער טיר. ישראל איז אים נאָכגעגאַנגען.

אליעזער איז געבליבן. ווען ער האָט געזען, אַז דער רבי איז שוין אינדרויסן און די אידן שטייען נאָך אַלץ אין דער אַגאָניע פון צעריסענע געפילן, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט און געזאָגט:

— דער רבי איז גערעכט, אידן. אַ יעדער פון אונדז האָט זיך זיין וועג, אָבער אלע וועגן פירן צום זעלבן ציל: צו וועלן לעבן ווי א מענטש, ווי א פרייער מענטש. אויב דער רבי וויל בלייבן דאָ, איז דאָס זיין רעכט, זיין רעכט צו טראָגן זיין קאָפּ, זיין האַרץ און זיין גלויבן אין גייסטיקן ווידערשטאַנד געגן די בייזע כוחות. איר אָבער מוזט פאַרלאָזן אייערע היימען און לאָזן זיך וואַנדערן ווייטער, ווייל אַ לעבעדיקער איד, איז נאָך א איד,

צו דעם כלל ישראל. נאָך א איד, און נאָך א איד — צו די לעבעדיקע. גייט נעמט אַייערע זאַכן, ווער וואָס עס קאָן טראָגן, פאַרזאַמלט זיך באם ברונעם און פון דאָרט וועלן מיר זיך לאָזן גיין. גייט שוין, יעדע מינוט איז טייער.

צערודערטע האָבן זיך די אידן געלאָזט גיין פון דער שול און אליעזער, שטייענדיק בא דער טיר און קוקנדיק אויף זיי, אויף זייערע שוואַרצע סילועטן אין דעם פאַרוואָלקנטן בין־השמשות, אויף די נע־וועזע האוואיעס פון זייערע הענט, אויף זייערע ציטערנדיקע און ווי געפּענטעטע טריט, האָט זיך זיין האַרץ אָנגעפילט מיט טיפן רחמנות צו זיי און די נעגל זיינע האָבן זיך קאָנוואולסיוו געשניטן אין די דלאָניעס אריין.

ער איז געבליבן אליין. געזען, ווי דאָ און דאָרט האָבן די פענצטער פון די שטיבער אויפגעלויכטן מיט בלייכן ליכט. געזען דורך דער אָפענער טיר פון הויז ווי ישראל שטייט לעבן דער מוטער און טענהט עפּעס אַייך מיט איר. און זי, די מוטער, שטייט אַ פאַרטראַכטע, ווי מיטאמאָל אָן אַיינגע־הויקערטע, און קוקט ערגעץ... 'עס איז געווען שטיל ארום, אזוי שטיל, אז ער האָט געקאָנט הערן ישראלס ווערטער:

— האָט בטחון, רביצין... האָט בטחון... גאָט וועט העלפן...

אליעזער האָט זיך געלאָזט גיין צום הויז. אַריינגעקומען, צוגעגאַנגען צו דער מוטער און געזאָגט:

— זיי ניט טרויעריק, מאַמע. עס מוז זיין אזוי. עס איז מיין פליכט. כ'האָב געגעבן א שבועה.

—א שבועה?... — האָט זי אים אָנגעקוקט מיט א בליק, וואָס איז געקומען פון ערגעץ פון דער טיפעניש. — א שבועה... וועמען?

— א שבועה זיך, מאמע. א שבועה דעם אידישן פאָלק, א שבועה צו די דערמאָרדעטע, אַ שבועה דער וועלט...

— וואָס זאָגסטו, הלל... — האָט זי אויסגעדרייט איר געשניצטן פנים צום רבין.

— אַז ער האָט געשוואוירן, איז דאָס אין אים. — האָט רבי הלל גע־ענטפערט. — ניטאָ מער וואָס צו זאָגן, בת־שבע. ווינטש אים ער זאָל מצליח זיין.

— זאָל דיך גאָט היטן, אליעזער... — האָט בת־שבע געזאָגט, צע־וויינט זיך שטיל און אראָפּגעלאָזט זיך בא זיינע פיס...

אליעזער האָט זי אַרומגענומען צאַרט און אויפגעהויבן זי.

— איך בין ניט אַליין, מאַמע. — האָט ער געזאָגט. — וויין ניט, איך מוז לעבן, ווי עס איז ווערט צו לעבן... ביזן סוף.

— ביזן סוף... ביזן סוף... — האָט בת־שבע פאַרדעקט איר פנים מיט די הענט.

אליעזער האָט גענומען צוגרייטן זיין זעקל. געזען ווי דער פאָטער שטייט מיטן פנים צום פענצטער און קוקט ארויס צו דער אָנקומענדיקער נאַכט. וואָס פאַר אַ געדאַנקען האָבן געשוועבט אין דעם מח פון דעם וויר־דיקן און שטאַרקן גייסט? און וועגן וואָס האָט געטראַכט דער אלטער

ישראל, וואָס איז געשטאַנען באַ דער וואַנט אַן איינגעהויקערטער, מיט די הענט אין די אַרבל און געשאָקלט זיך ווי באַם דאַוונען?

דער אָוונט האָט דערטראָגן שטימען אין דער שטוב אַריין. דאָס האָבן זיך פאַרזאַמלט די אידן באַם רבינס טיר. זיי האָבן געוואָרט אויף אליעזערן. אַליעזער איז אַרויסגעגאַנגען צו זיי.

— גייט צום ברונעם, אידן, צום ברונעם...

עס האָבן זיך אָבער דערטראָגן שטימען:

— מיר ווילן זען דעם רבין!...

— זאָל אונדז דער רבי בענטשן...

— דער רבי זאָל לעבן...

— אוי טאַטע אין הימל...

— רבי...

— רבי...

אין דער שיין פון דער טיר האָט זיך באַוויזן רבי הלל. געשטאַנען אַ ווײַלע, באַטראַכטנדיק זיי, געזעגענענדיק זיך מיט די בליקן פון יעדן איינעם און שטיל, מיט געוויין אין דער שטימע געזאָגט:

— השם יצליח דרככם...

די אידן האָבן געוויינט, געגאַנגען פון בערגל מיטן וועג אַראָפּ צום ברונעם. דידאָזיקע, וואָס האָבן באַשלאָסן צו פאַרבלייבן זענען נאָכגעגאַנגען ווי מ׳גייט נאָך אַ לויה.

ווי אײַלנדיק זיך צום לעצטן קלונג פון אָפּגייענדיקן צוג, האָט אליעזער אויף שנעל געזעגנט זיך מיט די עלטערן און מיט ישראלן און מיט שנעלע טריט געלאָזט זיך אַרויס פון שטוב.

ווען ער איז אַראָפּגעקומען צום ברונעם, האָבן שוין אַלע גע־וואַרט אַף אים. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט, ווי דערוואַרטנדיק עפּעס אַ באַזונדערן באַפעל פון אים. מ׳האָט גערעדט שטיל, ווי מוראהאָבנדיק אויפ־צעוועקן דאָס צעשפּרייטע פעלד. די פרויען און קינדער האָבן זיך געשטופּט אַרום אליעזערן, ווי זיי פלעגן זיך שטופּן, אַרום דעם רבין אין שול. און ער האָט געוואוסט, אַז אויב זיי טרויען אים, אויב זיי לאָזן זיך פירן פון אים, איז דאָס צוליב דעם טיפן גלויבן, וואָס זיי האָבן אין זיין פאָטער, אין רבי הלל. אז רבי הלל האָט אים געלאָזט גיין און זיי מיט אים — איז רעכט אַזוי. ער האָט געקוקט אויף דעם הימל, גלייך ווי דער הימל האָט מיט דעם בלייכן אָפּשיין פון פייערן אויף דעם האָריזאָנט, געקאָנט אָנווייזן וואו עס ליגט דער ריכטיקער וועג צו דער באַן סטאַנציע. ער האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ וועג עס שטייט פאַר. ניט קיין לאַנגער וועג אפשר, אָבער אַ געפערלעכער וועג זיכער; ווייל מ׳וועט מוזן גיין לאַנגזאַם, ניט געאײַלט צוליב די פרויען און קינדער און ווייל עס וועט זיין אוממגלעך אויסצו־מיידן דעם אָפענעם טראַקט, וואָס איז שוין זיכער פאַרנומען פון די דייטשן.

— אַ פּאָר פורלעך וועט מיר האָבן... — האָט זיך איינער פון די אידן אָנגערופן.

— נו, גיי געפין אַ פּאָר פורן, אַז די גויים ליגן אויך באהאלטן ווי די האָזן...

— וואו וועסטו נעמען אַ פור... — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— איך ווייס דען ניט... — האָט דער ערשטער ווי א שולדיקער גע־ענטפערט. — אָבער וואָס אַרט דיך, אַז איך זאָג עס...

אליעזער האָט אַקוק געטאָן אף דעם פאָטערס הויז, וואָס האָט גע־לויכטן ווי מיט פארטערטע אויגן, געזוכט די סילועטן פון דער מוטער און פון דעם פאָטער, ער האָט זיי אָבער ניט געזען. ניט ווייט פון אים, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון אים, איז געשטאַנען לאהלע מיט אַ קלומעקל בא אירע פיס. איר מוטער איז געזעסן לעבן איר אויף א זאַק, מורמלענדיק עפּעס. דאָ און דאָרט האָט מען זיך געזעגנט, געקושט, געטרייסט איינער דעם צווייטן.

— נו, גוט, אידן... — האָט זיך דערהערט אליעזערס שטימע. — זאָל אונדז גאָט העלפן... קומט.

פון דער טונקלקייט האָט זיך ווי אַ מיסטישער ניגון געטראָגן אַ געוויין.

— זייט געזונט... זייט געזונט...

— גייט געזונטערהייט... זייט מצליח...

די גרופּע האָט זיך צעטיילט. די פארבליבענע זענען געבליבן שטיין ווי צעשאָקלטע ביימער אין ווינט און די אַוועקגעגאַנגענע האָבן אין שווערן געמיט מיט געוויין אין די הערצער געשלעפּט זיך פאמעלעך נאָך דעם רבינס זון אליעזער.

דער וועג מיטן פעלד האָט געפירט צום וועלדל. דאָס וועלדל האָט געשראָקן מיט שוואַרצער טיפקייט. מ'איז געגאַנגען שווייגנדיק און אַפילו די געדאַנקען האָבן זיך פאררוקט טיף אין מח און געשראָקן זיך, גלעגן ווי פונקען אונטער אַש. מ'האָט זיך געהאַלטן צו צוויי און צו דריי. ס'איז געווען שווער צו טראָגן די קינדער, הונגעריקע און דורשטיקע; ס'איז גע־ווען שווער צו טראָגן די פּעקלעך אויף די פּלייצעס און די אויגן, ניט צו־געוואוינטע צו דער פעלדיקער נאַכט, האָבן געפירט פארנעפּלטע און פאַר־טונקלטע. אַ פּאָר מאָל איז מען געבליבן שטיין, אָפּצורוען זיך, צו דער־קוויקן דאָס האַרץ מיט א טרונק וואסער פון פלאַש, מיט אַ שטיקל ברויט, צי מיט א שטיקל צוקער.

לאה האָט זיך געהאַלטן לעבן אליעזערן. און אליעזער האָט גע־טראָגן איר מוטערס זאַק און געפילט אין זאַק אַ קישעלע, אַ לייכטער, אַ סידור און א ברויט. א פּאָר מאָל א שאָר געטאָן מיט דער האַנט איבער איר קאָפּ, ער האָט אָבער ניט געקאָנט זען איר מילדן שמייכל און די טרערן אין אירע אויגן.

די נאַכט האָט יעדעס מאָל געעפנט אַן אויג אויף דעם האָריזאָנט... דאָס פעלד האָט גערעדט פון שלאָף. מ'איז צוגעקומען צום וועלדל און אַוועקגעזעצט זיך אָפּרוען.

— אז גאָט וועט ווע̈לן, וועלן מיר דערגרייכן די גרענעץ... — האָט איינער פון די אידן געזאָגט.

— גרענעץ... וועלכע גרענעץ... וואָס פאר א גרענעץ... וואו איז דאָ א גרענעץ... — האָט זיך א צווייטער אָנגערופן.

— ערגעץ וואו וועט זי דאָך בלייבן שטיין די רויטע ארמיי... — האָט זיך א דריטער אָנגערופן.

— זיי וועלן זיך באפעסטיקן און זיי וועלן זיצן אוןווארטן אויף אונדז, רבונו של עולם... — האָט אַ פערטער איראָניזירט.

— די בלוטיקע הינט, פשאַ־קרעוו... זיי יאָגן דאָך ווי בייזע שטורמ־ווינטן... ווי מחבלים פון גיהנום... — האָט אן אנדער איד זיך אָפּגערופן.

— איז וואָס איז דאָ פאראן צו רעדן, מירן לעבן, וועלן מיר זען...

— איך וואָלט פארצויגן א ציגאר, אז איך וואָלט זיך מחיה געווען...

—האָט איינער געזאָגט. — אליעזער זאָגט אָבער, אַז מ'טאָר ניט, ס'א גע־פאַר...

און בא אן איבערגעקערטן בוים, אויף די אָפּגעבראָכענע צווייגן און פאַרוועלקטע בלעטער זענען געזעסן אליעזער און לאה, ווארעמענדיק זיך אין דער נאָענטקייט פון זייערע יונגע לייבער, געזוכט עפּענונגען פאַר די פארקלעמטע ווערטער אין הארצן און געפלאָכטן די פינגער זייערע ווי אין א פארזיגלטער אייביקער שבועה.

— ביזט מיד לאהלע...

— ניין, אליעזער.. אביסל...

— לייג אוועק דיין קאָפּ אויף מיין אַקסל... ס'וועט זיין באקוועמער...

— איך וועל, אליעזער...

— עס דאַרף שוין אוודאי זיין נאָענט צו צוועלף אזייגער... — האָט אליעזער געזאָגט... — נאָך א שעה אפשר און מיר וועלן זיין באם באַן.

— מיך וואָלט ניט געאַרט, ווען די צייט און אַלעס בלייבט שטיין אָט אַזוי ווי ס'איז איצט... אויף שטענדיק...

אליעזער האָט געקושט אירע אויגן.

מ'האָט גערוט אביסל און מ'איז ווייטער געגאַנגען. דער שאָרך פון די בלעטער אונטער די פיס און וועלדל און די פינצטערניש האָבן געשראָקן. מ'האָט זיך געהאַלטן איינער באם צווייטן, ווי גייענדיק דורך א שמאָלן, פינצטערן לאבירינט. און ווען מ'איז ענדלעך ארויסגעקומען, האָט מען דערזען דעם ברוקירטן שאָסיי, וואָס איז ווי אַנטלאָפן פון שטעטל אָף א צען וויאָרסט. מ'האָט זיך געלאָזט גיין מיטן טראַקט, וואָס האָט אויסגעזען אין דער נאַכט ווי אן אומענדלעכער גרויער טייך.

און מיטאַמאָל האָבן די פיס געגומען שפירן דאָס דרונדזשען פון די שטיינער, גלייך ווי שטאָלענע גיגאַנטן וואָלטן געשפאַנט אַנטקעגן... און פּלוצים האָט אַ מעכטיק פייערדיק אויג אַ בליץ געטאָן און אַ צעשאָטענער דונער און אַ האָגל פון צעגליטן שפּיזיקן בליי האָט זיך ווי אַ וויכער אַ טראָג געטאָן איבער די קעפּ...

— לעגט זיך! לעגט זיך שנעל! — האָט אליעזער אויסגעשריגן.

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. אָפּגעריסענע פּארצווייפלטע געשרייען האָבן צעריסן די נאַכט און זענען פאַרטרונקען געוואָרן אין דו־נערדיקע פאַסן פייער, וואָס האָבן מיט בליציקע שפּיזן דורכגעשניטן און דורכגעלעכערט די פאַרגליווערטע לייבער. אין טיפן זיפּץ פון בליציקער גסיסה אין די נאַכט מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן און שאַ — שטיל...

אליעזער איז געלעגן מיטן פּנים צום שטיין און געפילט ווי זיין האַנט איז וואַרעם מיט קלעפּיקן בלוט, מיט לאַהלעס בלוט.

מיט בריאַזג פון שטאָל זענען געקראָכן דריי טאַנקען. אַ פּראָזשעקטאָר האָט אַ קער געטאָן דעם וועג מיט אַ פּאַס ליכט און באַלויכטן די קערפּערס, צעוואָרפענע אין לעצטן לויף. אָפּגעשטעלט זיך דאָ און דאָרט אויף דעם גראַטעסק־וואַנזיניקן בילד און האָט זיך אויסגעלאָשן ווי א מאַנסטערס אויג.

די טאַנקען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פון ערשטן טאַנק איז אַרויס־געשפּרונגען דער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג, געשפּאַנט איבער די טויטע און אויף די טויטע, ווי זוכנדיק א פונק פון לעבן. געצילט מיט דעם עלעקטרישן האַנט־לאָמטערן אין די צעקרימטע פון שרעק און פון אַגאָניע פּנים׳ער און ענדלעך אָפּגעשטעלט זיך לעבן אליעזערן. דערזען דעם אָפּשיין פון ליכט אין זיינע אויגן — אויגן, וואָס האָבן געברענט מיט פיי־בערדיקן האַס. דער קאָמאַנדיר האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו די איבעריקע אין טאַנק. נאָך פינף טאַנקיסטן זענען צוגעקומען און האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אליעזערן.

— שטיי אויף. — האָט דער קאָמאַנדיר אַזעץ געטאָן אליעזערן מיטן שטיוול.

אליעזער האָט זיך אויפגעהויבן.

— פרעג אים פון וואַנען און וואוהין זיי זענען געגאַנגען.—האָט דער קאָמאַנדיר געזאָגט צו איינעם פון די טאַנקיסטן.

דער טאַנקיסט האָט אין פּויליש איבערגעפרעגט דעם קאָמאַנדירס פראַגע.

— מיר זענען געגאַנגען פון נאָוואָפּאָל. — האָט אליעזער געענט־פערט אין דייטש.

—אָ, ער רעדט דאָך דייטש—האָט דער קאָמאַנדיר פונאַנדערגעצויגן די ווערטער און פאַנאַנדערגעלאַכט זיך. — דייטש! און מיט הומאָר זאָגאַר.

די איבעריקע טאַנקיסטן האָבן זיך אויך צעלאַכט.

— ווער ביזטו? — האָט דער קאָמאַנדיר געפרעגט.

— איך בין דער זון פון רבי הלל פון נאָוואָפּאָל.

— אָה, ס׳איז איבעראַשנד! דער זון פון רבי... הלל פון נאוואָפּאָל!— האָט דער קאָמאַנדיר געזאָגט מיט אַ געמאַכטן אָנשטעל פון פאַרוואונדערונג און רעספּעקט, און ווידער אַ פרעג געטאָן — און וואו איז דער רבי?

— דער רבי איז אין נאָוואָפּאָל. — האָט אליעזער געענטפערט.

— און וואוהין זענט איר געגאַנגען... אַלע? צו די רוסן? געלאָפן צו

די רוסן? — האָט ער שוין מיט אַ סאַרדאָנישן שמייכל געפֿרעגט.

אליעזער האָט ניט געענטפֿערט.

— ענטפֿערן! — האָט ער אַ שמייס געטאָן מיט דער האַנט איבער אליעזערס פּנים.

— מיר זיינען געלאָפֿן צו זיכערקייט און צו גערעכטיקייט. — האָט אליעזער געענטפֿערט.

— צו זיכערקייט און גערעכטיקייט... וואו?

אליעזער האָט ניט געענטפֿערט, ווייל אין דעם ליכט פֿון דעם קאָמאַנדירס לאַמטערן, וואָס ער האָט געהאַלטן אַראָפּ צו דער ערד, האָט אליעזער דערזען לאהלעס אָפֿענע אויגן און איר אָפֿן מויל, פֿאַרשטאַרצט אין טויט.

— ענטפֿערן! — האָט דער קאָמאַנדיר ווידער אַזעץ מיטן פֿויסט אין אליעזערס פּנים.

אליעזער האָט דערפֿילט אַ נודנע שוואַכקייט באַם האַרצן און אין די פֿיס. ער האָט געוואוסט, אַז בלויז מינוטן טיילן אים אָפּ פֿון דעם סוף פֿון זיין לעבן. די טויטע קערפּערס אַרום האָבן ווי גערופֿן... עס האָט זיך ניט געוואָלט בלייבן אַ לעבעדיקער, בלויז צוליב לעבן וועגן, ווען די קליינע קינדערלעך זענען געלעגן אַרום אים צעריסענע. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אויסגעדרייט דאָס פּנים אַהינצו, פֿון וואַנען ער איז געקומען, אַהינצו, וואו עס איז געשטאַנען דאָס הויז פֿון זיין פֿאָטער און אויף אַ מאָ־מענט האָבן דורכגעבליצט פֿאַר אים די אויגן פֿון רבי הלל און פֿון דער מוטער בת־שבע...

— ענטפֿערן!! — האָט ער ווידער דערהערט און דערפֿילט אַ זעץ אין קאָפּ.

אליעזער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אַ קוק געטאָן מיט דעם האַלב־פֿאַרנעפּלטן בליק אויף דעם קאָמאַנדיר און געזאָגט:

— איך האָב זיי געפֿירט צו דער גרענעץ, איבערצולאָזן זיי אונטער דער שוץ פֿון דער רויטער אַרמיי, איבערצולאָזן זיי פֿאַרזיכערטע פֿון בע־סטיאַלן טויט.

דער קאָמאַנדיר האָט געקוקט אויף אליעזערן, ווי ניט גלייבנדיק וואָס זיינע אויערן האָבן געהערט. און מיטאַמאָל האָבן זיך זיינע ליפּן אויס־געקרימט און ער האָט אַפֿרעג געטאָן:

— און וואָרום האָסטו דיין פֿאָטער, דעם רבי ניט מיטגענומען מיט זיך צו לאָזן אים אונטער דער שוץ פֿון דער רויטער אַרמיי?

— ווייל ער איז שטאַרק אין זיין גייסט און ער שרעקט זיך ניט פֿאַרן טויט.

— ער שרעקט זיך ניט פֿאַרן טויט? — האָט דער קאָמאַנדיר אי־ראָניש געפֿרעגט.

— ניין, ער שרעקט זיך ניט.

— מיר וועלן דאָס זען... — האָבן זיך דעם קאָמאַנדירס אויגן אָנ־

געצונדן מיט קאַלטן גזלנישן פייער.

— איר קאָנט ניט זען גייסט — איר זענט בלינד. אַלץ וואָס איר קאָנט זען, איז בלוט. — האָט אליעזער געזאָגט ווי אין א חלום...

דער קאָמאַנדיר האָט אַרויסגענומען פון גאַרטל דעם רעוואָלווער, אָנגעשטעלט אויף אליעזערן און געזאָגט:

— שריי אויס הויך, אז אַלע דיינע טויטע זאָלן דערהערן: הייל היטלער!

— ימח שמו וזכרו! — האָט אליעזער אויסגעשריגן.

דער קאָמאַנדיר, ניט פאַרשטייענדיק וואָס אליעזער האָט אויסגעשריגן, איז געבליבן שטיין אויף א ווײַלע, ניט וויסנדיק ווי צו רעאַגירן אויף דעם פּלוצימדיקן אומפאַרשטענדליכן אויסגעשריי.

— הייל היטלער! — האָט ער ווידער אויסגעשריגן.

— ימח שמו וזכרו! — האָט אליעזער ווידעראַמאָל אויסגעשריגן, וויסנדיק, אז דאָס איז זיין לעצטער אויסגעשריי.

— די צונג אויסשניידן! — האָט דער קאָמאַנדיר אין אַנפאַל פון מאַכטלאָזן צאָרן אויסגעשריגן. — זאָפאָרט די צונג זיינע אויסשניידן!

אַ טאַנקיסט, מיט אַ מעסער אין דער האַנט איז צו צו אליעזערן, מיט איין האַנט אַ כאַפּ געטאָן אים בא די האָר און מיט דער צווייטער געגרייט זיך אויפצערייסן אליעזערס פאַרהאַקט מויל. אליעזער האָט ווי אין נעפּל מיטן גאַנצן כח אַזוי געטאָן אין טאַנקיסטס פּנים. דער טאַנקיסט האָט א פּאַך געטאָן מיטן מעסער בא אליעזערס פּנים און מיט דער צווייטער האַנט אָנגעכאַפּט אליעזערס אונטערשטע ליפּ, אַ רייסגעטאָן מיטן גאַנצן כח און איינגעריסן זי. בלוט האָט א שטראָם געטאָן פון אליעזערס פּנים, ער האָט אָבער אין רויטבלוטיקער פאַרצווייפלונג ווידער אַזוי געטאָן מיטן פויסט דעם טאַנקיסט אין פּנים אריין. האָט דער טאַנקיסט ווידער אַפּאַך געטאָן מיטן מעסער און דאָס מאָל אײַנגעשניטן טיף אליעזערס באַק. אליעזערס הענט און פיס האָבן זיך געצאַפּלט אין האָפנונגסלאָזן קאַמף. ווי אין שוואַרצן נעפּל האָט ער געזען לעבן זיין פּנים בייזע, שטעכיקע אויגן און געפילט, ווי דאָס מויל זיינס ווערט אויפגעריסן ברייטער און ברייטער... מיט די לעצטע כוחות האָט ער געשלאָגן מיט די הענט און מיט פיס און טיפער און טיפער געזונקען אין שוואַרצן תהום פון באוואוסטלאָזיקייט. דעם שאָס אין זיין קאָפּ האָט ער שוין ניט געהערט.

— קאַפּוט מיט דעם יודע! זיי וועלן שוין מער ניט שטיין אין וועג פון דעם קאָמאַנדיר רודאָלף קאַנץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די נאַכט איז געלעגן א פאַרבלוטיקטע, מיט שוואַרצע פלאַטערדיקע פליגל, וואָס האָבן זיך געשפּרייט איבערן פעלד און איבערן שטעטל. רבי הלל און בת שבע זענען ניט געשלאָפן. זיי זענען געלעגן מיט אָפענע אויגן, געקוקט אין דער פינצטערניש און געשוויגן.

נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך צעוואָיעט אַ הונט. פון יענער זייט וועלדל

האָט קנאַליקער דונער צעריסן די פליגל פון נאַכט און א שיסעריי איז גע־פאַלן ווי א שווערער בלייענער האָגל. און עס איז שטיל געוואָרן. בלויז דער הונט האָט מוראדיק געוואָיעט. און צוויי הערצער, רבי הלל'ס און בת־שבע'ס האָבן געוויינט און געציטערט אין שרעקלעכן פאָרגעפיל...

ד.

רודאָלף קאַנץ, דער טאַנקען קאָמאַנדיר, האָט מיט זיינע טאַנקען דורכגעשניטן גאַנץ טשעכאָסלאָוואַקיע און גאַנץ פוילן. ער איז שטענדיק געווען אין אַוואַנגאַרד, שטענדיק דערדאָזיקער, וואָס האָט בעדאַרפט דורכ־רייסן זיך, פאַרכאַפּן, פאַרניכטן, אויסשפּירן און קאַטשען זיך מיט זיינע שטאָלענע טאַנקען ווייטער, ווייטער, צו נייע פּאָזיציעס, צו נייע זיגן. מיט זיין בויגעוודיקייט און פלינקייט, מיט זיינע פאַרהאַרטעוועטע מוסקולן, מיט זיין פאַרברענטן פּנים, מיט די וואַנציעס אַלאַ־היטלער און מיט די כיטרע שוואַרצע אויגן ווי בא א מויז, האָט ער אַליך טאַנקען קאָמאַנדיר געפילט זיך אין זיין ספערע און איז געווען שטאָלץ מיט זיין מיסיע. דער זיגרייכער מאַרש איבער די אונטערדריקטע לענדער, וואָס האָבן כמעט אָן ווידער־שטאַנד אונטערגעגעבן זיך צו זיין פירער, האָט פאַרשטאַרקט אין אים דעם גלויבן אין דער אומבאַזיגבאַרקייט פון דעם דייטשישן פאָלק. ער האָט זיך געפילט שטאָלץ אין דער ראָלע פון א מאָדערנעם, פאַרפאַנצערטן און שטאָל האַקנקרייצערישן ריטער, וואָס טראָגט מיט זיך פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד א נייעם אָנזאָג וועגן דער אויבערמאַכט פון אויבערמענטש איבער דער הכנעהדיקער וועלט.

דאָס מאָל האָט ער געהאַט אונטער זיין קאָמאַנדע בלויז זעכצן מענטשן, אמת'ע, אויסגעפּרובירטע און פאַרהאַרטעוועטע אין שלאַכטן מע־נער — ניט אינגלעך, ווי ער פלעגט זיי האָבן אין דער אָוסבורגער מיטל־שולע, וואו ער האָט געלערנט מיט זיי געשיכטע. אָבער אפילו נאָך דאַן אין דער שולע, האָט ער זיך געפלייסט אַיינצופלאַנצן אין די נשמות פון די שילער דעם ניטשעאַנישן גייסט און צוצעבלאָזן אין זיי דעם אוואַנטורי־סטישן דראַנג נאָך הערשאַפט, נאָך דעראָבערונג, נאָך די אַלע ליידנשאַפטן נאָך וועלכע ער אַליין האָט געבענקט און געשטרעבט אין דער טיפעניש פון זיין סאַדיסטישער נשמה. "דייטשלאַנד איבער אַלעס" איז בא אים גע־ווען ניט בלויז אָ לאָזונג — עס איז בא אים געוואָרן זיין רעליגיע, די רע־ליגיע, וואָס האָט אַלעס באַרעכטיקט און אַלעס פאַרגעבן, אַלעס דערלויבט און אַלעס באַצוועקט צוליב זיין פאָטערלאַנד דייטשלאַנד.

ער האָט אַסאַך געליינט, אָבער שטענדיק זענען דאָס געווען ביכער, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך די פילאָסאָפיע פון מאַכט, פון אויבערמענטש, וואו געוויסנלאָזיקייט איז גלאָריפיצירט געוואָרן און דערהויבן געוואָרן צו א קולט. ער האָט פיינט געהאַט מענטשן, פיינט געהאַט זיינע שוואַכערע

ווייכהאַרציקע שילערס, אָבער מער פון אַלעמען האָט ער פיינט געהאַט דעם דירעקטאָר פון דער שול, דעם איד פרידלענדער. ער האָט אים פיינט געהאַט ווייל ער איז געווען אַ איד, פיינט געהאַט פאַר זיין נאָמען, פיינט געהאַט פאַר זיין אינטעלעקטואַלקייט און פאַר זיין ספּעציפיש מאָראַלישע דאָגמעס, וואָס האָבן באַ אים אויסגעזען ווי די פאַרמאַסקירטע אידישע גייסטיקייט. עס איז אָבער געווען אַ קעגנזייטיקע אַנטיפּאַטיע. דער איד פרידלענדער האָט אים אויך פיינט געהאַט און באַ יעדער געלעגנהייט האָט ער מיט טיף לאָגישע און עכט עטישע אַרגומענטן צעקלאַפּט און צעברעקלט קאַנצעפּטן פון פילאָסאָפיע פון מאַכט. עס האָט ניט געהאָלפן קאַנצעס שטעכיקער חוזק־טאָן, עס האָבן אים ניט געהאָלפן זיינע פאַרדעקטע און אָפענע אַנטיסעמיטישע אַנצעהערינישן — דער איד פרידלענדער האָט שטענדיק געוואוסט ווי אַזוי צו פאַרטרייבן דעם דייטש רודאָלף קאַנץ אין אַ טעמפּ־ווינקל, ווי אַזוי צו פאַרדרייען און פאַרפּלאָנטערן אים אין זיינע אייגענע פּאַראַדאָקסן, ווי אַזוי צו בלייבן מילד און רואיק אין דער צייט ווען קאַנץ האָט געברענט מיט פּעך און שוועבל.

— דער טאָג וועט קומען! — האָט קאַנץ אין אַזעלכע מינוטן געשריגן צו פרידלענדערן. — דער טאָג וועט קומען, ווען מאַכט, די דייטשישע מאַכט וועט אָוועקשטעלן די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע לענדער און פעלקער ווי אַ טראָפּן פאַרפּעסטעטע וואַסער אונטער אַ מיקראָסקאָפּ... און דער דייטשישער געניוס וועט וויסן ווי אָפּצעטיילן און ווי צו טויטן אַלע שעדלעכע מיקראָבן פון דער מענטשהייט, אויסרייניקן די פּעסט און האַלטן די מענטשהייט אונטער אַן אויג, אַבזערווירן, רעגירן און קולטיווירן אַ נייע מענטשהייט אָן דעם באַלאַסט פון סענטימענטן, פון דער עטיק, פון דער מאָראַל און פון דער רעליגיע... דער טאָג וועט קומען!

און ווען דער טאָג איז געקומען, ווען היטלער האָט פאַראַנקערט זיין האַקענקרייץ און פרידלענדער איז שוין געלעגן ערגעץ אַ צעהאַקטער און אַ פאַרניכטעטער, און דער נייער דירעקטאָר רודאָלף קאַנץ האָט קולטיווירט אין זיינע שילערס האַס, געוויסנלאָזיקייט און מאָראַללאָזיקייט, האָט ער מיטאַמאָל באַשלאָסן צו פאַרבייטן דעם בוך אויף אַ שווערד און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער זיגרייכער דייטשישער אַרמיי. און יעדע פאַרברענטע שטאָט, און יעדער דערמאָרדעטער אויף זיין וועג האָבן אים דערמאָנט, אַז דער טאָג איז געקומען און זיין פילאָזאָפיע האָט געזיגט.

ה.

די זון איז אויפגעגאַנגען צווישן וואָלקנס. עס האָט געבלאָזן אַ לייכט ווינטל. אַ מנין אידן, וואָס זענען פאַרבליבן אין שטעטל, זענען שוין געווען אין שול. זיי זענען געשטאַנען אַרום דעם רבין און האָבן געריעדט. עס איז שוין געווען נאָך שחרית, ס'איז אָבער ניט געווען וואוהין צו איילן זיך. די קרעמלעך זענען דאָך סיי ווי פאַרמאַכט, דער מאַרק איז פּוסט, די גויים

פון ארום דער שטאָט און פון די דערפער ליגן אויך אין זייערע שטיבער באהאלטן, די ווייבער און די קינדער אין דער היים זיצן טרויעריקע, דער־שלאָגענע און מ׳רעדט איבער און מעטראַכט וועגן די אַוועקגעגאַנגענע, — איז שוין בעסער אין שול צווישן אידן, אמת, ניט קיין סאך, אָבער א מנין איז דאָ און דער רבי זאָל לעבן און ישראל זענען אויך דאָ, איז גאָט צו דאַנקען... האָט מען גערעדט און ווידער אַמאָל גערעדט: אַזעלכע טרויע־ריקע און אַזעלכע בעקאַנטע רייד שוין. ס׳איז אָבער ניט געווען וועגן וואָס עפּעס אנדערש צו רעדן.

אָבער אינמיטן די רייד האָט זיך אייזיקן דעם חזן אויסגעוויזן, אַז ער האָט געהערט א מאָדנעם קלאַנג אינדרויסן. איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, ארויסגעקוקט און איז ווי פארגליווערט געוואָרן בא דער שוועל.

— רבי... — האָט ער קוים ארויסגערעדט.

— וואָס איז, אייזיק... — האָט דער רבי דערהערט זיין דערשטיקטע שטימע.

— דאָס זענען זיי... — האָט אייזיק שטיל, ווי מוראהאָבנדיק צו רעדן הויך געזאָגט.

— נו, מיר האָבן זיי דאָך דערוואַרטעט. — האָט רבי הלל געזאָגט.

— וואָס זאָלן מיר טאָן, רבי? — האָט ישראל געפרעגט.

— מיר דארפן גאָרניט טאָן, ישראל, וואָס איז דאָ צו טאָן?

— זיי זענען אַריינגעפאָרן מיט זייערע מאַשינען אין מאַרק אַריין, רבי... — האָט אַייזיק געזאָגט, שטייענדיק בא דער טיר.

רבי הלל איז אויך צוגעגאַנגען און די אידן נאָך אים. דערזען ווי אויף דעם מאַרק, אין א וואָלקן שטויב שטייען דריי טאַנקען. א פענדל מיט א האַקנקרייץ האָט געפלאַטערט אויף איינעם פון זיי.

א זשום האָט זיך דערטראָגן פון דער הויך און מיטאַמאָל האָבן עט־לעכע עראָפּלאַנען ווי גיגאַנטישע פייגל, ארויסגעשאָסענע פון הימל, מיט א פארטויבנדן ברום אַלאָז געטאָן זיך איבער די דעכער און איבער די טאַנקען און פונקט אזוי פּלוצומדיק פארשוואונדן. אַ שיסעריי פון די טאַנקען האָט זיך אויף א ווײַלע צעשאָטן ווי אַרבעס אויף א בלעך און האָט אויך גלייך אויפגעהערט.

די אידן האָבן זיך געשטופּט ארום דעם רבין, פארלאָרענע אין שרעק.

— נו, רבי...

— וואָס טוט מען, רבי...

— ווי גייט מען אראָפּ צו דער ווייב און צו די קינדערלעך...

רבי הלל איז געשטאַנען א פארטראַגענער אין מחשבות און ענדלעך געזאָגט:

— אזוי צי אזוי, איר וועט דאָך מוזן גיין... די ווייבער און די קינ־דער וואַרטן דאָך, טאָ גייט, בשלום...

מיט שווערע טריט, ווי אָנגעלאָדענע מיט בליי, האָבן זיך די אידן

געלאָזט גיין פון דער שול. געגאַנגען לאַנגזאַם, מיט געבויגענע קעפּ, ווי פאַראורטיילטע.

רבי הלל איז געבליבן מיט ישראלן. ער האָט ניט גערעדט. געשטאַנען אַ ווײַלע מיט פאַרמאַכטע אויגן און האָט געטראַכט.

אין דעם פּאַס ליכט פון דער טיר האָט זיך באַוויזן בת־שבע. אין דעם אַרעאַל פון די זונען שטראַלן, האָט זי אין איר ווייסן מלבוש אויסגעקוקט ווי אַ הייליקע פון אַ מייסטערס אַ בילד אַרויס.

— רבי... — האָט זי שטיל געזאָגט. — זיי זענען שוין דאָ.

— בלייב דאָ און לאָמיר וואַרטן. — האָט ער געענטפערט.

זי איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט און האָט זיך אַנידערגעזעצט.

רבי הלל איז ווידער צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַרויסגעקוקט. די אידן האָט ער ניט געזען. פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט גיין, מסתמא מיט אַ הינטערשטן געסל. ער האָט אָבער דערזען, ווי פון די טאַנקען קומען אַרויס זעלנער, ווי זיי נעמען אַרויס ביקסן און פּעקלעך, טוען אויס די רעקלעך און מאַכן איבונגען. ער האָט זיי איבערגעציילט: זיבצן אין צאָל. געזען ווי אייניקע פון זיי לאָזן זיך גיין צו די שטיבער. און דריי — איינער, ווי ס'האָט אויסגעוויזן, אַן עלטסטער מיט אַ רעוואָלווער און גאַרטל און מיט אַ טאַש איבערן אַקסל און צוויי מיט ביקסן, האָבן זיך געלאָזט גיין אַרויף צום בערגל.

זיי זענען געקומען אַלץ נענטער און נענטער, ביז זיי זענען צוגעקומען צום הויז. אַלע דריי זענען אַריין. עס איז געוועזן שטיל אַ ווײַלע. אָבער אינגיכן האָט מען געקאָנט הערן, ווי זיי וואַרפן אַרום דאָס געשיר אין דער קיך, ווי זיי קלינגען מיט דער קופּערנער קוואָרט און מיט דער שיסל, ווי זיי פּלעסקען מיט וואַסער און ווי זיי פּירקען ווי פערד און לאַכן און רעדן מיט אומהיימלעכע שניידנדיקע שטימען.

דערנאָך איז געוואָרן שטיל אויף אַ ווײַלע. צוויי פון די טאַנקיסטן זענען אַרויסגעקומען פון הויז מיט צוויי עמערס און געלאָזט זיך גיין צום ברונעם. עס איז ווידער געוואָרן שטיל.

רבי הלל האָט אַראָפּגעקוקט צום מאַרק. געזען ווי די טאַנקיסטן זיצן באַ די טאַנקען און די אידן מיט די פרויען און אפילו די קינדער טראָגן אין אַלערליי כלים וואַסער און האַנטוכער און עסנוואַרג. די אידן האָבן געשלעפּט די שטיוול פון די זעלנערס פיס און צוזאַמען מיט די פרויען גענומען וואַשן זיי און ווישן מיט די האַנטוכער. דער געלעכטער פון די טאַנקיסטן האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַס, געוואָרן שטאַרקער און העכער און ווען רבי הלל האָט זיך גוט צוגעקוקט, האָט ער געזען ווי די אידן שטייען אויף די קני און טרינקען דאָס שמוציקע וואַסער פון די כלים. ער האָט געוואוסט, אַז בלויז מערדערישער צוואַנג האָט זיי געקאָנט צווינגען דאָס צו טאָן, און אַז דאָס ערגסטע וועט ערשט זיכער קומען.

ער האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז געקומען די צייט אַרויסצוקומען פון דער שול און אַריינגיין אין הויז צום עלטסטן פון די טאַנקיסטן. ער וועט

דאָך סוף כּל סוף מוזן גיין און רעדן צו אים און בעטן און אײַנשטעלן זיך פאַר די אידן.

— זיצט דאָ. — האָט ער געזאָגט צו בת־שבען און צו ישׂראלן. — איך גיי אין הויז אַריין.

— אפשר ניט, הלל... — האָט בת־שבע געזאָגט.

— איז וואָס וועט זיין? איך מוז גיין.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום הויז.

אַריינגעגאַנגען. אין ערשטן צימער און אין צווייטן צימער האָט ער קיינעם ניט געזען. ער האָט אָבער דערזען, אַז די טיר פון דער שול־שטוב איז אָפן, איז ער צוגעגאַנגען און איז געבליבן שטיין בא דער שוועל. ער האָט דערזען דעם קאָמאַנדיר שטיין באַם לאַנגן טיש, איבערגעבויגן איבער א לאַנד קאַרטע. ער איז געשטאַנען אָן א העמד, דער גאַנצער אויבערשטער טייל פון האַריקן קערפּער ענטבלויזט.

דערשפּירנדיק די אָנוועזנהייט פון דעם רבין, האָט דער קאָמאַנדיר אַציטער געטאָן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ. געקוקט אַ פאַרוואונדערטער אויף דעם רבין, ווי ער שטייט אין זיין זשופּעצע א הויכער, אַן אימפּאָזאַנ־טער און מיסטעריעזער און די האַנט זיינע האָט זיך אומבאַוואוסטזיניק אַצי געטאָן צום רעוואָלווער, וואָס איז געלעגן לעבן אים אויף דעם טיש.

— ווער ביזטו? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— איך בין רבי הלל. — האָט דער רבי געזאָגט, נאָך אַלץ שטיי־ענדיק בא דער שוועל א אומבאַוועגלעכער.

— אָ, דו ביזט דער רבי! און א רבי וואָס שפּרעכט דייטש, ווי איך זע! — האָט א בייזער שמייכל פאַרקרימט זיינע ליפּן. — און איך בין רו־דאָלף קאַנץ, דער קאָמאַנדיר פון דער טאַנקיסטן אָפּטיילונג, עס פרייט מיך צו קאָנען דיך... עס פרייט מיך זייער...

רבי הלל האָט געענטפערט בלויז מיט אַ שמייכל אויף קאַנצעס אָפּע־נער, ניט פאַרמאַסקירטער איראָניע.

— איז דאָס דיין הויז? — האָט קאַנץ א פרעג געטאָן.

— דאָס איז מיין הויז און דאָס הויז פון גאָט. — האָט רבי הלל צוגעגעבן.

קאַנץ האָט דורכגענומען דעם רבין מיט א דורכדרינגענדן בליק:

— זענען דאָ נאָך אידן פאַראַן?

— יאָ, עס זענען פאַראַן.

— הער קאָמאַנדיר! — האָט קאַנץ אויסגעשריגן.

— יאָ, הער קאָמאַנדיר...

— און וואָרום זענט איר ניט אַנטלאָפן פון דער שטאָט צוזאַמען מיט די איבעריקע, מיט דידאָזיקע, וועלכע מיר האָבן באַנאַכט דערשאָסן אויף דעם טראַקט?

רבי הלל'ס פּיס האָבן אַציטער געטאָן, ווי אונטערגעהאַקטע. א

ווײַלע האָט ער געקוקט מיט א פארנעפּלטן בליק אויף קאַנצן און ענדלעך אָפּרעג געטאָן שוואַך:

— דערשאָסן? אַלעמען... אַלעמען?

— זיכער, ביז איינעם! — האָט קאַנץ געענטפערט פעסט. — מיר לאָזן ניט איבער קיין אידן פאר פארמערונג.

— און די... קינדער? — האָט רבי הלל ווידער געפרעגט.

— אַלעמען! אַלעמען! — האָט זיך קאַנץ צעשריגן אין פּלוצימדי־קער נערוועזער אויפרעגונג. — זיי האָבן ניט געטאָרט פארלאָזן די שטאָט און אנטלויפן! סאבאטאזשניקעס אנטלויפן!... און צו שפּיאָנען און צו סאַ־באטאזשניקעס איז... קאפּוט!

רבי הלל האָט געשוויגן. אין האַלדז האָט געטריקנט און געברענט ווי אין א שרפה. אין די אויגן האָט געשווינדלט. האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר און איז געשטאנען אזוי אַן מאכט. אָבער מיטאמאָל האָט אַלעס אין אים ווי אָנגעגאָסן זיך מיט א הפקר געפיל און אויפהייבנדיק דעם קאָפּ האָט ער א קוק געטאָן אויף קאַנצן מיט א בליק אין וועלכן עס האָט גע־שוועבט אַ גרענעצלאָזע פאראכטונג.

— וויפל יודן זענען נאָך דאָ פאראַן? — האָט קאַנץ א פרעג געטאָן, אָפּווענדנדיק זיין בליק פון רבי הלל׳ס אויגן.

— א... צוועלף אידן... מיט זייערע פאמיליעס... — האָט רבי הלל געענטפערט.

— דאָס אַלעס? — האָט קאַנץ א פרעג געטאָן א בייזער.

— דאָס אַלעס.

— דו ביזט, זאָגסטו, א רבי?

— יאָ, איך בין.

— א הייליקער?

— ניין, ניט קיין הייליקער. אַ מענטשלעכער. — האָט זיך רבי הלל׳ס גייסט געשטאַרקט.

— און דאָרט זענען דיינע ריטועל אקסעסואַרן? — האָט קאַנץ אָנגע־וויזן מיט דער האַנט אויף דעם ארון־קודש. — יעהאָוואס מאגיק?

— דאָרט איז דאָס וואָרט, דער געדאנק און דער גייסט. — האָט רבי הלל געענטפערט.

— מיר האָבן טויזנטער אזעלכע פארברענט... צוזאמען מיט די יודן. — האָט קאַנץ געזאָגט און געקוקט אויף דעם רבין צו זען ווי עס ווירקן אויף אים זיינע ווערטער.

— איר זייט ניט די ערשטע און... מסתמא ניט די לעצטע... און דאָך... עס ווערט ווידער און ווידער געבוירן פון אַש.

— כאָ־כאָ־כאָ! — האָט זיך קאַנץ פונאנדערגעלאכט מיט א גע־מאַכטן טייוול־געלעכטער. — דער אייביקער יודע, מיינסטו צו זאָגן. דער אייביקער פּראָמעטעאוס...

— אויב איר ווילט, איז דאָס אזוי. — האָט רבי הלל געזאָגט.

— קיין איין יודע האָט נאָך ניט גערעדט צו מיר אזוי ווי דו... מער ווי איין מינוט. — האָט קאַנץ געזאָגט און האָט פארביסן א ליפּ.

— איך ווייס עס. — האָט רבי הלל געענטפערט.

— מיר דוכט זיך, אז דו זוכסט אבזיכטלעך צו בייזערן מיך, אום דערשאָסן צו ווערן. האָסט ניט קיין מוט צו באגיין זעלבסטמאָרד אליין, רבי?

— איך האָב מוט, אָבער ניט פאר זעלבסטמאָרד. זעלבסטמאָרד איז מוטלאָזיקייט. — האָט רבי הלל געענטפערט.

— און פאר מאָרד? פאר מאָרד האָסטו מוט?

— מאָרד איז דער פארצווייפלטער שפרונג פון א וואַנזיניקן פייג־לינג.

— דו ביזט אַ פילאָזאָף, זע איך... אַ וואַנזיניקער פילאָזאָף. קום... קום אריין נענטער... נענטער... דו דענערווירסט מיך מיט דיין אויסזען...

רבי הלל האָט אריבערגעטראָטן די שוועל.

— האָסט קינדער? — האָט קאַנץ געפרעגט און א פינטל געטאָן מיטן אויג.

— א זון.

— וואו איז ער?

— דאָרט... אויף דעם טראַקט... מסתמא...

— אָ... — האָט קאַנץ אַ קוק געטאָן אויף דעם רבין און פארזשמור־רעט די אויגן מיט א שמייכל. — דו ווייסט, הייסט עס.

— איך ווייס שוין איצט... האָט רבי הלל געענטפערט, באהערשנדיק דעם צעוואונדעטן געדאנק.

— איז דאָס דיין זון געוועזן... האַ? דער קערל מיט דער דער טשור־פרינע שוואַרצע האָר.

— מיין זון...

— ער איז א בראַווער יודע געוועזן דיין זון.

— איך בין צופרידן, וואָס איר האָט זיך איבערצייגט אין דעם. — האָט רבי הלל שטיל געזאָגט.

— איך האָב זיין צונג אויסגעשניטן. — האָט קאַנץ געזאָגט און א קוק געטאָן אויף דעם רבין צו זען ווי עס ווירקט אויף אים.

— זיין וואָרט וועט אָבער לעבן אייביק. — האָט רבי הלל געזאָגט נאָך שטילער, קוקנדיק אין קאַנצעס אויגן.

— און אויך זיין מוח צעשמעטערט אָט מיט דעם. — האָט קאַנץ אָנגעוויזן אויף דעם רעוואָלווער.

— איר קאָנט צעשטערן די מאַטעריע מיט מערדערישע הענט, דער געדאנק וועט אָבער לעבן אייביק.

— יודע! דו ביזט פרעך! — האָט דער קאָמאנדיר א כאַפּ געטאָן דעם רעוואָלווער. — עס ווייזט אויס, דו ביזט זיכער, אַז וועסט דערשאָסן ווערן, וואָס דו וואַגסט אזוי... עס איז די קוריאָזיטעט, צו הערן ווי א אידישער

רבי רעדט, וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן ביז איצט צו מאכן אן ענדע צו דיר. דו ביזט דער ערשטער רבי אויף מיין וועג.

— און דער לעצטער, האָף איך.

— קום נענטער...

רבי הלל האָט געמאַכט א שפּאַן פאָראויס.

— נאָך נענטער! — האָט קאַנץ אויסגעשריגן.

רבי הלל האָט געמאַכט נאָך אַ שפּאַן.

— ווען דו ביזט געהאָרכזאַם, ביזטו נאַטירלעכער.

— ווייל עס שרעקט אייך מוט און ווידערשטאַנד.

קאַנץ האָט אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער, ווי גרייטנדיק זיך צו שיסן:

— היינט באַנאַכט קומט אריין דער רעגימענט. — האָט ער געזאָגט, וועגנדיק דעם רעוואָלווער אין דער האַנט. — איך וועל זען מאַכן די שטאָט יודן־ריין. און... דיך וועל איך לאָזן צום לעצט.

רבי הלל האָט איצט געוואוסט, אז ווערטער און געבעט וועלן ניט העלפן, דאָך האָט ער געזאָגט:

— איך בעט אייך שענקען דאָס לעבן צו די איבערגעבליבענע אָרעמע מענטשן.

— קאַנץ האָט געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן איבערן צימער, אָפּגעשטעלט זיך נעבן רבין און כיטרע פייערלעך האָבן אָנגעצונדן זיינע קליינע אויגן:

— איך וועל דיר שענקען דאָס לעבן, אויב דו וועסט מיט דיינע אייגענע הענט אונטערצינדן אָט דאָס... — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דעם ארון קודש.

— איך דאַרף ניט דאָס פלייש און בלוט, וואָס איר קאָנט מיר שענקען.

— מיט דעם פלייש און בלוט וועסטו האָבן אויך דיין גייסט.

רבי הלל האָט א שמייכל געטאָן און דער שמייכל האָט באַלויכטן זיין בלייכקייט ווי מיט דעם פלאַם פון א פלאַטערדיקן ליכט:

— דער גייסט פון מיין זון און פון טויזנטער און טויזנטער אַנדערע, פארמוטשעטע און פארפייניקטע פון אייך וועט לעבן אין מיין פאָלק און מיט מיין פאָלק אויף אייביק און אייביק.

— אָבער דיין זון האָט ניט געוואָלט שטאַרבן. — האָט קאַנץ גע־פילט זיך שטאַרקער אין זיין ארגומענטאַציע. — ער האָט געוואָלט האָבן דאָס פלייש און בלוט. ער האָט געקעמפט מיט די הוילע הענט, מיט די ציין און מיט די פיס ביזן לעצטן אָטעם. און אָט דו אליין שטעלסט זיך איצט איין פאר דיינע יודן און דו ווילסט ניט זיי זאָלן אומקומען. דו לייגסט, רבי.

— עס איז אונז געגעבן געוואָרן א כלי פאר אונדזער גייסט, צוליב א געטלעכן ציל, וועלכן מיר קאָנען נאָך ניט באגרייפן, ווילן מיר די כלי האַלטן. — האָט רבי הלל גערעדט ווי אין דער פוסטקייט אריין, ניט קוק־קנדיק אין קאַנצעס אויגן אַריין. — מיין זון און אַזעלכע ווי ער האָבן

געקעמפט ניט נאָר צוליב דער כּלי, נאָר הויפּטזעכלעך קעגן דער ברוטאַ־ליטעט, קעגן רויב, קעגן בארבאריזם, קעגן חיהשע, בלוטדורשטיקע גע־פילן און קעגן מאָרד... זיי האָבן געקעמפט פאר דעם אמת פון לעבן.

— דו רעדסט ווי א רבי, דער אמת איז אָבער אָט דאָ! — האָט ער אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער. — אײן צי ביים צינגל און דערדאָזיקער אמת פארניכטעט דיין אמת.

— דער אמתער אמת קאָן ניט פארניכטעט ווערן, — האָט רבי הלל געענטפערט ווי אין טראנס, ווי רעדנדיק צו דעם שטן, וואָס האָט אן אומ־זעבארער גערעדט מיט דעם נאַציס ליפּן. — דער אמתער אמת ליגט אין סאמע גרונט פון לעבן. ער ליגט אזוי טיף, אז קיינער קאָן אים ניט דערגיין און ניט דערגרייכן... ניט איך און ניט דו. ער איז אומדערגרייכבאר און ער איז אומפארניכטבאר דער אמתער אמת. ער איז ווי דער אייביקער גייסט, וועלכן מיר זעען ניט, אָבער וועלכער עקזיסטירט אין דער וועלט. פאר־ניכטנדיק מיך, קאָנסטו אָבער ניט פארניכטן אין מיר די קראַפט, דעם אַב־סאָלוטן אמת, וואָס האָט מיך געבראכט אויף דער וועלט. דאָס לעבן איז אייביק און אזוי איז אויך דער אמת.

— אָט אָ דער גלויבן דיינער און דיין אַבסאָלוטן אמת, מאַכט דיך שוואַך, שוצלאָז און באַדנלאָז... — האָט קאַנץ, א פארכאפּטער פון רבי הללס ווערטער און פון אייגענעם געדאַנקען־לויף, געענטפערט, — דאָס ערדישע, דאָס מאטעריעלע, דאָס פּולסירנדע, דאָס בלוטיקע, דאָס אָרגאנישע — דאָס איז דער אמת׳ער אמת. איך האָב עס, בין איך שטאַרק. און אָט דאָס איז מיין קראַפט, מיין אמת! קוק! — האָט ער אויסגעשריגן. אויפגעהויבן דעם רע־וואָלווער און האָט אריינגעשאָסן א קויל אין ארון־קודש. — זעסט! עס האָט גאָרנישט ניט פּאַסירט. עס איז דאָרט פּוסט, ניטאָ דאָרט קיין גייסט, און דאָס זעלביקע קאָן איך טאָן מיט דיר, מיט דעם זעלבן רעזולטאַט — עס וועט גאָרנישט ניט פּאַסירן. זעסט! — האָט קאַנץ ווידער אויסגעשאָסן אין ארון־קודש אַריין — זעסט?! אַז איך וויל, פאַרשוועך איך דיין הייליקייט.

— הייליקייט איז אומפארשוועכבאַר. — האָט רבי הלל געענטפערט.

אויף דעם שיסן זענען ביידע טאַנקיסטן געקומען צעלאָפן. זיי האָבן איבערגעלאָזט די עמערס מיט וואַסער אינדרויסן און זיי זענען אריין אין שטוב.

— אַלץ איז אין אָרדנונג! — האָט זיי רודאָלף קאַנץ באַרואיקט. — אַלץ איז אין אָרדנונג. איר קאָנט גיין.

די טאַנקיסטן זענען אַרויסגעגאַנגען, וואונדערנדיק זיך צוליב וואָס דער קאָמאנדיר האָט געשאָסן, ווען דער מאָדנער יודע איז ניט טויט.

אויך בת־שבע האָט זיך געלאָזט לויפן אין הויז אריין. ישראל איז געלאָפן נאָך איר. זי איז דורכגעלאָפן אַלע צימערן ביז זי איז געקומען צו דער שוועל פון דער שול־שטוב. געבליבן שטיין א בלייכע, ציטערנדיקע ווי אָ ווייסע ליליע אין שטורם.

— הלל...

— זיי רואיק... זיי רואיק... — האָט רבי הלל בארואיקט זי. — דער קאָמאַנדיר איז אין קאַמף מיט גאָטהייט.

— אָ, אפרוי?! — האָט זיך קאַנצעס פּנים באַלויכטן מיט ניט באַהאַלטענער פרעכער פרייד. — דיין פרוי, רבי?

— מיין פרוי.

— גאַנץ יונג און שיין. — האָט ער אַוועקגעלעגט דעם רעוואָלווער אויף דעם טיש. — צו יונג פאַר דיר, רבי.

— קאָנט איר דען אָפּשאַצן יוגנט און שיינקייט?... — האָט רבי הלל געזאָגט.

דיין מאַן רעדט וועגן מיר ווי וועגן אַ באַרבאַר... — האָט קאַנץ געווענדט זיך צו בת־שבען מיט ניט נאַטירלעכער ווייכקייט אין דער שטימע. — איך בין עס אָבער ניט. איך בין אַ געבילדעטער, אַ קולטורעלער און ציוויליזירטער מענטש. איך קאָן אָבער ניט אָפּשטעלן די גרויזאַמקייטן פון קריג.

— איר קאָנט אָבער אַליין אויפהערן צו באַגיין די גרויזאַמקייטן.— האָט רבי הלל געזאָגט.

— איך מוז אויספירן די באַפעלן פון מיין פאָטערלאַנד און פון מיין פירער. עס איז געזעץ, — האָט ער שטרענג געענטפערט, געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן איבערן צימער, אָפּגעשטעלט זיך לעבן בת־שבען, — איך האָב אויך אַ פרוי, אַ שיינע פרוי... — האָט ער געזאָגט צו איר, — אָבער מיין פרוי איז וויט, זייער וויט... פאַרשטייסט?

— איך פאַרשטיי... — האָט בת־שבע געענטפערט.

— נאָך די דערשטיקטע טעג און נעכט אין דעם טאַנק, איז גוט צו זען אַ שיין פרויען געזיכט... פאַרשטייסט?

— איך פאַרשטיי... — האָט זי ווידער געענטפערט.

— זייער גוט. איך זע דו ביזט פּראַקטישער פון דיין מאַן... — האָט ער געמאַכט אַ שפּאַן צו בת־שבען און געוואָלט אָננעמען זי בא דער האַנט. זי האָט זיך אָפּגערוקט פון אים.

— איך בין שוין מיד פון צווינגען, פון נעמען מיט גוואַלד... איך וויל זאָלסט פאַרשטיין, קאָאָפּערירן מיט גוטן ווילן.

— אייער פאָדערונג פון גוטן ווילן איז אויך צוואַנג.—האָט בת־שבע געזאָגט.

ער האָט זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ פרעכן בליק, וואָס האָט זי אַרומגענומען מיט אומהיימלעכקייט און בושה.

— איך וועל זיין גוט צו דיר דומקאָפּף. ווען עס האנדלט זיך וועגן שיינע יודינס האָב איך מיין אייגענע מיינונג און טעאָריע.

בת־שבע האָט אַקוק געטאָן אויף רבי הלל׳ן, ווי זוכנדיק מוט אין זיין בליק.

— דער הער קאָמאַנדיר איז ניט אַ באַרבאַר. ער האָט אַ שיינע

פרוי און קינדער... — האָט ער געענטפערט איר מיט א שמייכל
קאַנץ האָט פאַרשטאַנען די איראָניע און האָט זיך הילכיק צעלאַכט. ווידער געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן צו בת־שבען, צוגעגאַנגען אַזוי נאָענט, אַז זיינע ליפּן האָבן כמעט אָנגערירט אירע און זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין אירע אויגן.

— דיין מאַן איז קלוג און דו ביזט שיין און איך וועל אייך ביידן באהאנדלען ווי געהעריק... אָן סענטימענטן. — האָט ער געזאָגט.

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון אים. איז ער געשטאַנען אַ ווײַלע, קוקנדיק אויף איר מיט א ציניש שמייכל, געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן צום פענצטער און האָט ארויסגעקוקט. געקוקט א ווײַלע און פּלוצים אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער:

— רבי, קום אַהער... — האָט ער א מאך געטאָן מיט דער האַנט.

— רבי הלל איז צוגעגאַנגען.

— קוק ארויס...

רבי הלל האָט ארויסגעקוקט.

ער האָט דערזען ווי די האלב נאַקעטע טאַנקיסטן שטייען לעבן די טאַנקען און די אידן קריכן אויף די בייכער איבערן וועג אין שטויב. גלייך הינטער זיי זענען געקראָכן די פרויען און נאָך די פרויען — די קינדער.

— איבונגען... — האָט קאַנץ געלאַכט. — יודן מוזן זיך לערנען צו מאַכן איבונגען.

די אידן האָבן געמאַכט א האלבן צירקל איבערן וועג און זענען געקראָכן צוריק צו די טאַנקען. געבליבן ליגן, ווי מאָדנע ברואים און ניט גערירט זיך.

— פאַר אזעלכע אַלטע יודן האָבן מיר גאַז־קאַמערן... — האָט קאַנץ גערעדט, שטייענדיק מיטן רוקן צום רבין.

— און פאַר די פרויען? — האָט רבי הלל געפרעגט מיט א טאָן, וואָס האָט מאָדנע קאַלט און רואיק געקלונגען אין קאַנצעס אויערן.

— מיט די פרויען... — האָט ער זיך אויסגעדרייט צום רבין מיט פונקען אין די אויגן. — מיט די פרויען, אויב זיי זענען ניט יונג און שיין —דאָסזעלביקע. און אויב זיי זיינען שיין... — האָט ער אוואָרף געטאָן א בליק אויף בת־שבען און האָט זיך צעלאַכט. — אויב זיי זענען שיין...

— און פאַר די קינדער? — האָט רבי הלל איבערגעשלאָגן.

— גיפט... אַ שמיר איבערן פּיסקל און פאַרטיק.

רבי הלל האָט געזען ווי די אידן אין מארק האָבן זיך אויפגעהויבן פון שטויב און געבליבן שטיין אויף די קני. קניענדיק זענען זיי געקראָכן צו די נאַציס און געקושט זייערע פיס.

רבי הלל האָט אזיפץ געטאָן.

— אָט אַזוי ווערט געבראָכן דער אידישער גייסט. — האָט קאַנץ געזאָגט שמייכלענדיק.

דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען דער סוף פון דער פיזישער און גייס־טיקער פייניגונג. די אידן זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די קני און רבי הלל האָט געזען, ווי עטלעכע פון די טאַנקיסטן זענען, אונטער דעם הירזשענדיקן געלעכטער פון די איבעריקע, פאַרבייגעגאַנגען דער ריי פון די קניענדיקע אידן און האָבן אויסגעליידיקט זייער השתנה.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט קאַנץ געלאַכט. — די יודן, ווייזט אויס, זענען דורשטיק... כאַ־כאַ־כאַ!

רבי הלל האָט פאַרמאַכט די אויגן, ציטערנדיק מיט יעדן אבר.

אָפּטוענדיק דעם מיאוסן חיהשן אַקט, האָט איינער פון די טאַנ־קיסטן א כאַפּ געטאָן בא דער האַנט די יונגסטע פרוי, וואָס איז געשטאַנען הינטער די קניענדיקע אידן, ארויסגעשלעפּט זי אין מיטן פון דעם צירקל און גענומען רייסן פון איר די קליידער.

— די זעלנער מוזן האָבן שפּאַס. — האָט קאַנץ קאָמענטירט. — זיי מוזן שפּאַס און פאַרווײַלונג האָבן.

איין שטיק מלבוש נאָכן צווייטן איז געפאַלן א צעריסענס פון דער פרויס לייב, ביז זי איז געבליבן שטיין א נאַקעטע...

קאַנץ איז צוגעגאַנגען צום טיש, געעפנט זיין טאַש, ארויסגענומען א בינאָקל, צו באַטראַכטן דאָס בילד אויף דעם מאַרק.

— אָ... ווי היבש... היבש... א פיין ענטוויקלטע יונגע יודין... — האָט ער געקוקט דורך די פאַרגרעסערונגס־גלעזער און גערעדט צום רבין. — מערקווירדיק, ווי אַזעלכע שיינהייטן ווערן געבוירן צו אַזעלכע אפּשיי־ליכע, פּאַראַזיטישע יודן... ווילסט אַ קוק טאָן, רבי?...—האָט ער אויסגעצ־שטרעקט דעם בינאָקל צום רבין.

רבי הלל האָט געקוקט אויף אים מיט קאַלטע אויגן און געזאָגט:

— די מאָראַלישקייט פון די יודן איז ווי ריין גאָלד קעגן דער פאַר־דאָרבענער גייסטיקלאָזער צורה פון א נאַצי..

— יודע... פאַרפלוכטער יודע! — האָט קאַנץ אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין רבינס פּנים און געלאָזט זיך צום טיש וואו עס איז געלעגן דער רעוואָלווער.

אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט דער פאַרטויבנדער ברום פון עראָפּלאַנען. אזוי נידעריק זענען זיי געפלויגן, אז די פענצטער און די ווענט האָבן געציטערט ווי צעטרייסלטע פון גינאַטישע הענט.

קאַנץ איז צוגעלאָפן צום פענצטער א פאַרוואונדערטער און גלייך צוריקגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעשליידערטער פון א מעכטיקער האַנט. א צעשפּליטענדער קראַך פון א באָמבע האָט צעריסן די לופט און די ערד און פאַרטויבט יעדן אַטאָם ארום און ארום.. און נאָך דער ערשטער באָמבע— א צווייטע, דערנאָך אַ דריטע און א פערטע... עס האָט זיך געדאַכט, אז דאָס גאַנצע שטעטל איז אויפגעריסן געוואָרן פון איין עק ביזן צווייטן און אז הימל און ערד האָבן זיך אויסגעמישט אין חאָאָס... און מיטאַמאָל איז גע־וואָרן שטיל, בלויז דאָס קנאַקן און דאָס טראַסקען פון א פלאַקערדיקן מעכ־

טיקן פייער האָט זיך ארייננעריסן דורך די אויפגעריסענע און צעפּלאַצטע פענצטער.

ניט אומקוקנדיק זיך אויף דעם רבין און אַף בת־שבען איז דער קאָ־מאַנדיר קאַנץ ארויס פון שטוב און געלאָזט זיך לויפן צום מאַרק.

ישראל, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין צווייטן צימער הינטער דער טיר, איז אריין א דערשראָקענער אויף טויט:

— רבי, רבי...

— בארויאיק זיך ישראל... בארויאיק זיך... דאָס זיינען מסתמא באָמ־בעס פון עראָפּלאַנען, — האָט רבי הלל געזאָגט און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער.

בת־שבע איז אויך צוגעגאַנגען און האָט זיך אַנידערגעשטעלט לעבן אים:

— גאָט מיינער... גאָט מיינער... זע נאָר... זע נאָר וואָס עס איז געשען... — האָט זי געבראָכן די פינגער.

אינמיטן מארק זענען אַלע דריי טאַנקען געלעגן איבערגעקערטע און צעשמעטערטע. דער וועג איז ווי אַ געשוואָלענער בויך געלעגן צעריסן און אָפן מיט גריבער... און ארום די גריבער און אין די גריבער זענען געלעגן קערפּערס, אָפּגעריסענע גלידער פון אידן, פון פרויען, פון די קינדער און פון די טאַנקיסטן. די הייזער ארום האָבן געברענט מיט ריזיקע, דור־שטיקע רויטע צונגען און פון דעם דאָזיקן בילד האָט א חלשות געפיל ארומגעכאַפּט בת־שבען און ווי א פארדרייטע אין שנעלבליצנדיקע רינגען האָט זי גענידערט צום דיל, צו רבי הלל׳ס פיס.

רבי הלל און ישראל האָבן זי אויפגעהויבן און צוגעטראָגן צו דער לאַנגער באַנק בא דער וואַנט.

— איך וואָלט בעדארפט אראָפּגיין צו זיי, צו די קדושים אין מארק... אפשר לעבט נאָך עמיצער פון זיי... — האָט רבי הלל געזאָגט.

— אוי, ניין, רבי לעבן... גייט ניט. ווי האָט דען עמיצער געקאָנט בלייבן לעבן איז אזא גיהנום? זיי זענען אַלע טויט... אלע. און אז איר וועט אַראָפּגיין צו זיי, מיט וואָס קאָנט איר זיי העלפן? און חוץ דעם קאָן נאָך דער גזלן, ימח שמו, אין צאָרן אָפּטאָן עפּעס צו אייך, די שעה זאָל ניט קומען... עס ברענט דאָך דאָס בלוט אין אים, ווי דאָס פייער דאָרט...

— ביזט אפשר גערעכט, ישראל... אָבער ווי זיצט מען דאָ איין...

— צוליב דער רביצן, רבי... איך וועל אַרויסגיין, רבי... איך האָב שוין ניט מורא מער. עפּעס אלעס איז בא מיר געוואָרן אָפּגעשטאָרבן, רבי...

— ניין, ניט אָפּגעשטאָרבן, ישראל. ס׳איז פאַרקערט. עס האָט אויפ־געלעבט און עס איז שטאַרק געוואָרן אין דיר דיין גייסט... אָט אין אַזעלכע רגעס גייען מענטשן אויף קדוש־השם.

— וועל איך אראָפּגיין אין מארק, רבי...

— גיי, ישראל... און זאָל דיך גאָט היטן.

ישראל האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר און רבי הלל איז גע־

בליבן זיצן לעבן בת־שבען, פארטיפט אין שווארצן טרויער.

אין צימער איז געווען שטיל. בלויז דאָס טראסקען פון פייער און דער טשאַד און רויך האָט זיך אריינגעריסן דורך די אָפענע לעכער־פענצ־טער.

— עס ברענט... האָט בת־שבע געזאָגט שוואך.

— יאָ, עס ברענט... — האָט רבי הלל אויך געזאָגט.

ער האָט אַריינגענומען איר האנט אין זיינער און געקוקט דורך די לעכער, ווי עס האָבן זיך געטראָגן וואָלקנס רויך. ער האָט געטראַכט וועגן אליעזערן און וועגן די אומגעקומענע מיט אים און וועגן די אומגעקומענע אויף דעם מארק... געזען אין די וואָלקנס אליעזערס פנים... ווי ער ליגט אויף דעם פעלד א פארפייניקטער און צעבלוטיקטער. געטראַכט, אז דאָס איז דער לעצטער טאָג פון זיין לעבן, פון בת־שבעס לעבן, פון ישראלס לעבן... און ס'איז אפשר א מצוה ניט צו זאָגן איר וועגן אליעזערס טויט... זאָל ער לעבן אין איר זכרון ביזן לעצטן אָטעם, ביזן לעצטן געדאַנק...זאָל ער בלייבן אין איר דער זעלבער אליעזער... דער זון, דער דיכטער, דער באַ־זינגער פון חסידיש־זינגענדיקן בלוט...

עס איז אוועק א שעה, און נאָך א שעה. די זון האָט זיך שוין גענומען נייגן נענטער צו מעריב זייט. דער רויך האָט זיך געצויגן צוזאמען מיט די צעריסענע כמאַרעס, וואָס זענען פלוצים אַנגעלאָפן. די זון האָט געקוקט פון צווישן די כמאַרעס ווי א פארפאָלגטע און אין די ווינקלען פון שטוב האָבן גענומען פאַלן טונקעלע שאָטנס.

רבי הלל האָט דערהערט טריט און האָט דערזען אין דער טיר ישראלן מיט אַ קינד אויף די הענט.

— ישראל... — האָט רבי הלל אויסגערופן.

— עס איז א קינד פון דאָרט, רבי... — האָט ישראל מיט א מאָד־נעם פארטריקנטן קול געזאָגט. — זיי ליגן דאָרט אלע צעריסענע... סיי די אידן און סיי זיי...

— אלע? אלע?... — האָט זיך בת־שבע אויפגעהויבן פון דער באנק.

— א פאָר אידן און א פרוי האָבן זיך געראַטעוועט... אייזיק דער חזן, חיים דער שניידער און זיין פרוי... זיי זענען אָבער, נעבעך, אזוי צעקאַליע־טשעט, אז זיי שלעפּן זיך קוים אהער... דאָס קינד האָב איך געפונען אין א ברענענדיקער שטוב... דערהערט דאָס געוויין זיינס, האָב איך אים ארויס־געראַטעוועט...

בת־שבע איז צוגעגאַנגען צו ישראלן און גענומען דאָס קינד פון זיינע הענט:

— א פיצעלע, נעבעך...

— און זיי, די רוצחים, זיי זענען טאַקע אלע געהרגעט געוואָרן? — האָט רבי הלל געפרעגט.

— בלויז די צוויי, וואָס זענען געשטאַנען דאָ אויף דער וואַך און דער עלטסטער זייערער... בלויז זיי זענען געבליבן לעבן.

— מיר וועלן אַרויסגיין העלפן די פאַרוואונדעטע אידן, ישראל.
— אַט קומען זיי... — האָט ישראל געזאָגט.
די צוויי פאַרוואונדעטע אידן, חיים דער שניידער און דער חזן מיט דער פרוי זענען קוים אַריינגעקראָכן אין שטוב. מיט צעבלוטיקטע הענט און פיס, מיט צעריסענע קליידער, מיט פיבערדיקע רייד, וויינענדיקע און קרעכצנדיקע האָבן זיי אויסגעקוקט ווי ארויסגעראטעוועטע פון די שאַרפע ציין און נעגל פון חיות. זיי זענען געבליבן ליגן אויף דעם דיל, חליפּענ־דיק און רעדנדיק ווי אין היץ.
— געוואַלד, רבי...
— מיינע קינדערלעך, רבי...
בת־שבע האָט איבערגעגעבן דאָס קינד צו ישראלן אין די הענט און איז אוועק אין קיך אַריין נאָך וואסער און האנטוכער. זי איז גיך צוריק־געקומען, אנידערגעזעצט זיך אויף דעם דיל לעבן די פארוואונדעטע און גענומען וואַשן און פארבינדן זייערע וואונדן.
ישראל איז געשטאַנען לעבן רבין און גערעדט:
— אוי, רבי, ווען איר זעט ווי זיי האָבן געוואָרפן שטיקער פון אונדזערע קדושים אין פייער אריין... אַלעמען, אַלעמען, אין פייער פון די ברענענדע שטיבער... דערנאָך האָבן זיי גענומען גראָבן גריבער צו באַ־גראָבן זייערע אייגענע. געגראָבן אפשר צוויי שעה... האָב איך געהאַט צייט ארומצוקוקן זיך, נעמען דאָס קינד, העלפן דעם חזן און חיים'ען.
רבי הלל איז געשטאַנען באַם פענצטער, געהערט און געקוקט אויף דעם פייער און אף דעם רויך און פּלוצים האָט ער אַזאָג געטאָן:
— ישראל... מ'דאַרף זיך זעצן שבעה... זאָל עס זיין זיבן טעג, צי זיבן שעה, צי אפילו בלויז זיבן רגעס... מ'דאַרף זיך זעצן שבעה...
דאָס קינד האָט זיך פּלוצים צעוויינט, איז בת־שבע צוגעגאַנגען און ווידער גענומען עס אויף די הענט.
— ישראל... — האָט רבי הלל ווידער געזאָגט. — נעם, רייס קריעה.
— אוי, רבי... — האָט ישראל אַ זיפץ געטאָן, צוגעגאַנגען צום רבין און אײַנגעריסן די זשופּיצע.
דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום ארון־קודש און האָט אָנגעצונדן די ליכט אין דער מנורה.
זיי זיינען אַלע געזעסן אויף דעם דיל. צוגעהערט זיך צום טראַסק פון פייער און געקוקט מיט פאַרשטאַרצטע בליקן... די שאָטנס אויף די ווענט האָבן געשפּרונגען. די ליכט האָבן געשיינט ווי געלע אויגן.
בת־שבע האָט אַוועקגעלייגט דאָס קינד אויף דעם רבינס שויס און געלאָזט זיך גיין אין קיך אַריין. צוריקגעקומען מיט אַביסל מילך און מיט אַ שטיקל צוקער. גענומען דאָס קינד אויף די הענט, געווייקט דעם צוקער אין דער מילך און געגעבן אים צו זויגן עס.
די פאַרוואונדעטע האָבן זיך באַרואיקט. מיט פיבערדיקע ווערטער און מיט צעריסענע פּראַזן האָבן זיי גענומען דערציילן ווי אַזוי די נאַציס

האָבן זיך נוקם געווען אָן זיי. און מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קראַך פון אַן אויפרייס און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן.

— ווידער א באָמבע. — האָט ישראל געזאָגט.

— ערגעץ ווייט פון דאַנען, דאַכט זיך... — האָט רבי הלל געענטפערט.

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט. און פּלוצים האָבן זיך דערהערט טריט.

— רבי... זיי קומען... — האָט ישראל געזאָגט.

— זאָלן זיי קומען. — האָט רבי הלל געענטפערט. — זעסט דאָך, דאָ און דאָרט באַצאָלן זיי פאַר דעם פּיין, פאַר דער שאַנד, און פאַר דעם טויט, וואָס זיי טראָגן מיט זיך. עס ווערט באַצאָלט, ישראל, עס ווערט באַצאָלט....

רודאָלף קאָנץ מיט אַ פארוואונדעטער פּלייצע און צעשניטענער האַנט, מיט בלוט אין די אויגן, אַ פארשמירטער אין בלוט און שוואַרצער פון רויך, איז אַריינגעקומען אין דער באַגלייטונג פוןביידע טאַנקיסטן. די טאַנקיסטן, אויך שוואַרצע און בייזע האָבן אַוועקגעשטעלט די ביקסן און די גראַבאַייזנס בא דער וואנט און זענען אוועקגעגאנגען אין קיך אריין ארומוואשן זיך.

קאָנץ איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב.

— וואַסער! — האָט ער א געשריי געטאָן צו בת־שבען. — און ריינע באנדאזשן פון מיין טאש, יודין.

בת־שבע האָט זיך אויפגעהויבן, געלאָזט זיך גיין אין קיך אַריין נאָך וואסער. ווען זי איז צוריקגעקומען האָט זיך קאָנץ אנידערגעזעצט אויף א באנק און באפוילן:

— וואַש מיך ארום און פארבאנדאזשיר מיך... אָבער גוט.

בת־שבע האָט גענומען וואַשן זיין פּלייצע און זיין האַנט. עס איז געווען שטיל ארום. די אידן און די פרוי זענען געזעסן שטיל, מוראהאָבנדיק א קרעכץ צו טאָן.

— דאָס איז פון אַן אויפגעריסענעם האנט־גראַנאַט... פון מיינעם א גראנאט אין מיין איבערגעקערטן טאַנק... — האָט קאָנץ גערעדט, קוקנדיק ווי זי באנדאזשירט אים. — אויב דיין גאָט האָט דאָס געטאָן, רבי...— האָט ער זיך געווענדט צו רבי הלל'ן, — איז ער אַ גוטער גאָט... זעסט, נאָר פארוואונדעט. מיר וועלן זען, וואָס ער קאָן טאָן פאר דיר און אָט פאר דידאָזיקע, ווען איך וועל זיך נעמען צו אייך...

— אליעזער... אליעזער... ביזט געווען גערעכט... — האָט רבי הלל געערדט ווי פארגעסנדיק אינגאנצן, אז בא דער זייט זיצט דער שונא מיט היהשער נקמה אין הארצן. — גייסט אָן טאָט איז ווי א מח אָן א קאָפּ, ווי א הארץ אָן א ברוסט. אויב דער רשע שלעפּט דיך צום אָפּגרונט און דו מוזט פאלן, — שלעפּ אים מיט מיט זיך, און אויב דו ווילסט זעען די ליכטיקייט פון באפרייאונג, האָב ניט מורא דורכצוגיין די פינצטערניש...

— רבי, רבי... — האָט אים ישראל געשלעפּט באַם אָרבל... — רעדט ניט, רעדט ניט... זיינע אויגן ברענען ווי פייער...

— אָט זעסט אים, דעם רשע, ישראל... — האָט רבי הלל ניט אויפ־געהערט צו רעדן, — צו באַזיגן אַזאַ פיינט, איז גלויבן אַליין, ווייזט אויס, ניט גענוג. די טויזנטער און מיליאָנען מענטשן, וועלכע ער און זיין גלייכן האָבן אומגעבראַכט, האָבן אים ניט איבערגעשראָקן מיט זייער גלויבן און מיט זייער גייסט. זיין קרעפטיקער קערפּער דאַרף זיך אָנשטויסן אין אַ קרעפטיקערן קערפּער אין וועלכן עס ברענט דער נר־תמיד — דער גייסט פון ליבע צו דעם מענטשן. בלויז דורך אָט דעם מין מענטש וועט ער באַזיגט ווערן דער רשע.

— וואָס פילאָסאָפירסטו דאָרט יודע?! — האָט קאַנץ אויסגעשריגן און אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש. — עס איז פאַרבאָטן צו רעדן! איר זענט פאַר־שווערער, שפּיאָנען! איר האָט געגעבן געהיימע צייכנס צו די עראָפּלאַנען, פאַרפלוכטע!

בת־שבע האָט פאַרענדיקט דאָס באַנדאַזשירן און געלאָזט זיך מיט דער שיסל שמוציק וואַסער צוריק אין קיך אַריין.

— עסן! שפּייז! — האָט איר קאַנץ נאָכגעשריגן.

ער איז אויפגעשטאַנען פון דער באַנק און גענומען שפּאַנען איבערן צימער. און דאָס שפּאַנען זיינס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף די נערוון, ווי דאָס קלאַפּן פון האַמערס.

בת־שבע איז אַריינגעקומען מיט עסנוואַרג, אַנידערגעשטעלט עס אויפן טיש לעבן קאַנצן און געלאָזט זיך גיין צוריק צו איר אָרט.

— האַלט! — האָט ער אויסגעשריגן. — פאַרזוך פון דעם עסן, וואָס דו האָסט געבראַכט.

בת־שבע האָט פאַרזוכט פון דעם ברויט און פון די פרוכטן — דאָס איינציקע עסנוואַרג וואָס איז פאַרבליבן.

קאַנץ האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט די בלוט פאַרגאָסענע אויגן, אַ כאַפּ געטאָן זי פּלוצים מיט דער געזונטער האַנט און צוגעצויגן צו זיך, אָבער אין דערזעלבער רגע האָט ער דערהערט דעם זשום פון עראָפּלאַן מאָטאָרן, האָט ער זי אָפּגעלאָזט און צוגעהערט זיך:

— ס'איז אונדזער, אַ דייטשישער. — האָט ער געזאָגט אַ באַרואיק־טער און אַ צופרידענער. — הערסט רבי, אַ דייטשישער!

— וועט ער אפשר וואַרפן אויף אונדז באָמבעס... — האָט רבי הלל געזאָגט.

— מיר וואַרפן ניט קיין באָמבעס אויף אונדזער טעריטאָריע — האָט קאַנץ געזאָגט, עסנדיק די פרוכטן. — מיר רייניקן בלויז אונדזער טערי־טאָריע איבערהויפּט פון יודן. אונדזערע לענדער מוזן זיין יודנלאָז...

— און גייסטלאָז... — האָט רבי הלל צוגעגעבן.

— דו וואָגסט צו רעדן רבי, ווייל דו ווייסט, אַז נאָך היינט וועסטו שטאַרבן.

— יאָ, ווייל איך ווייס, אז איך וועל היינט שטאַרבן און אויך ווייל איך וואָלט זיך געשעמט פאַר זיך אליין, ווען איך וואָלט דיר ניט געזאָגט דעם אמת וועגן דיר און וועגן דיין פאָלק אָט אזוי ווי עס איז. וואָלט דען דאָס לעבן אונטער דיין הערשאפט געווען זיסער פון דעם טויט? און איז דען דער שטערבלעכער קערפער וויכטיקער ווי דער אומשטערבלעכער גייסט?

קאַנץ איז געזעסן אויף דער באנק, די פיס צעשפרייט, דער גארטל באַם בויך פארנאַנדערגעשפילעט, די אויגן פאַרמאַכט און גערעדט מיט אַ מידער אינטאָנאַציע:

— ווי ליב איר האָט עס, יודן, צו שפילן זיך מיט ווערטער וועגן גייסט ,וועגן מאָראל און מענטשלעכקייט. קיין וואונדער וואָס אונדזער פי־רער האָט אזוי פיינט אייער גייסטיקייט.

— ווייל ער באַזיצט עס ניט, הער קאָמאַנדיר.

— דו הערסט? — האָט קאַנץ אויפגעעפנט די אויגן און אויפגע־הויבן די האַנט, אַנווייזנדיק ארויף וואו עס האָט זיך געהערט דער ברום פון עראָפּלאַנען. — דו הערסט? עראָפּלאַנען! — דייטשישע עראָפּלאַנען! טאַנקען! האַרמאַטן — דייטשישע הארמאטן! און א לאַנד נאָך א לאַנד אונ־טער אונדזער פוס, אונטער אונדזער הערשאַפט! וואָס האָסטו, רבי? און וואָס האָבן דיינע יודן?

רבי הלל האָט א שמייכל געטאָן:

— מיר האָבן ניט קיין עראָפּלאַנען, קיין הארמאטן, קיין ארמיי, מיר האָבן ניט קיין שיפן, קיין באָמבעס און מיר באַהערשן ניט קיין לענדער, — און דאָך האָט איר מורא פאַר אונדז, הער קאָמאַנדיר. דאָך פירט איר מיט אונדז די בלוטיקסטע קריג. איר פארברענט אונדזערע ביכער, אונדזע־רע שולן און אונדזערע היימען, איר צעשיסט אונדז, איר פארטציט אונדז מיט גאזן, איר פייניקט אונדז און איר באגראַבט אונדז לעבעדיקערהייט און דאָך קאָנט איר אונדז ניט באזיגן. איז וואָס איז דאָס, וואָס מיר האָבן, פאַר וואָס איר האָט מורא און וואָס איז שטאַרקער פון אייער האַס, פון איי־ערע עראָפּלאַנען און פון אייערע באָמבעס? וואָס איז דאָס, הער קאָמאַנדיר?

— מי רהאָבן ניט מורא פאַר אייך, — האָט קאַנץ גערעדט, ווי ענט־פערנדיק אויף קינדערשע פראַגן, — און מיר פירן ניט מיט אייך קיין קריג, מיר פארניכטן אייך, ווייל עס צעוואַקסט זיך שוין צופיל דער אידישער קאָפּ, און עס צעשפרייט זיך שוין צופיל דער אידישער איינפלוס... דאָס אידישע וואָרט...

— אָ, דאָס איז פילייכט דער איינציקער אמת, וואָס דו האָסט היינט ארויסגעזאָגט. ווייל אָנפאנגענדיק מיט אונדזער תורה, מיט אונדזערע נביאים און ביז שפינאָזא, ביז הענריך היינע און ביז די טויזנטער פון אונד־זערע פאַרטריבענע געלערנטע און גייסטיקע פירער, האָט אונדזער קאָפּ און וואָרט ווירקלעך צעוואַקסן זיך איבער דער ערד... און דאָס פּילט אָן דיין הארץ מיט אייפערזוכט, מיט האס און מיט ברוטאַליטעט.

— ווילסט איך זאָל זיך פילן פאַרשעמט? ווער עס איז שטאַרק, שעמט זיך ניט.

— קיין וואונדער, וואָס איר זענט אזא שעמלאָז פאָלק.

קאַנץ האָט זיך א בויג געטאָן ווי א חיה, וואָס איז גרייט צו פאַר־צוקן; אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און אַרויסגעשיפּעט:

— איך ווייס דאָך, אַז דיינע רייד זענען דיין איינציק מיטל מיט וועלכן דו קאָנסט ארויסווייזן דיין ווידערשטאַנד צו מיר... איך קאָן מיט איין ריר פון מיין פינגער פאַרשטאָפּן דיין מויל, איך וויל אָבער זען דיין אַגאָניע, דיין צאַפּלען זיך, ווען דו וועסט זען וואָס איך טו צו זיי... צו די־דאָזיקע... און צו דיין פרוי...

— רבי, רבי... האָט רחמנות, שווייגט... — האָט ישראל אָנגעכאַפּט דעם רבין מיט צעטערדיקע פינגער.

— האָסטו א טראכט געטאָן אמאָל, ישראל, ווי אַזוי אונדזערע ברי־דער אידן זענען געשטאָרבן, אָט דאָ ניט ווייט פון אונדז, אָט דאָ הינטערן וועלדל אפשר... האָט רבי הלל געזאָגט — זענען זיי טאקע אַלע געגאַנגען, ווי די שאָף צו דער שחיטה? זענען זיי טאקע אַלע געשטאַנען אויף די קני מיט טיפער וויטיק און בושה אין הארצן, אָט ווי אונדזערע אידן היינט אין מארק? האָט טאקע קיינער פון זיי ניט געעפנט דאָס מויל, צו זאָגן זיי די מערדער, ווי בלוטיק, ווי גרויזאַם, ווי בישטיק און שעמלאָז זיי זענען, ווי איך זאָג עס אים? איך גלייב ניט, ישראל. איך גלייב ניט, אַז עס האָבן זיך ניט געפונען אזעלכע אידן. איך בין זיכער ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער.

קאַנץ האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און געמאכט א פּאָר שפּאַן צום רבין, געבליבן שטיין לעבן אים, אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און גע־קוקט מיטן שמייכל פון א סאַדיסט, ווי וועלנדיק זען ווי עס ציטערן דעם רבינס הענט און פיס.

בת־שבע האָט זיך קאָנוואולסיוו איינגעקלאַמערט אין רבינס האַנט און ישראל האָט זיך אַ בויג געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער צו קאַנצעס פיס און איז געבליבן ליגן, וויינענדיק און ציטערנדיק מיטן גאנצן קערפּער... ביז ער האָט דערפילט רבי הלל'ס האנט אויף דעם אקסל.

— ישראל... ישראל... שעם זיך, ישראל...

ישראלס אקסלען האָבן אויפגעהערט צו ציטערן. ער איז אָבער גע־בליבן ליגן ווי א פאַרחלשטער.

דער שניידער און דער חזן מיט זיין פרוי זענען געזעסן אײַנגע־קאָרטשעטע און געקוקט ווי מיט גראַניטזשענדיקע אויגן.

קאַנץ האָט אראָפּגעלאָזט דעם רעוואָלווער.

— עס וועט זיין צו ווייט צו טראָגן דיך און דיינע יודן צו די גרי־בער און עס וועט זיין א צו לייכטער טויט פאר דיר צו שטאַרבן אָט אזוי. איך וועל דיך צום ערשטן צווינגען צו עסן די ערד און דערנאָך וועל איך אויסשניידן דיין צונג, ווי איך האָב עס געטאָן מיט דיין זון...

— הלל... הלל... וואָס זאָגט ער, הלל... — האָט זיך אַרויסגעריסן א קרעכץ פון בת־שבעס ברוסט און א שטילער געוויין ווי פון א פידל האָט געציטערט אויף דעם רבינס אקסל.

רבי הלל האָט געגלעט איר קאָפּ און האָט געשוויגן.

קאַנץ איז צוריקגעגאַנגען צו דער באנק און אנידערגעזעצט זיך. א קוק געטאָן אויף זיין זייגער.

בא דער טיר האָבן זיך באוויזן ביידע טאַנקיסטן. זיי זענען געבליבן שטיין, ווארטנדיק אויף קאנצעס באפעל.

מיט א זשעסט פון ענדלעכן באשלוס, האָט זיך קאנץ א הייב געטאָן, ווידער ארויסגעשלעפּט דעם רעוואָלווער פון גארטל, צוגעגאַנגען צום רבין און א זאָג געטאָן:

— שטיי אויף, יודע, און פיר דיין טשערעדע.

רבי הלל האָט זיך אויפגעהויבן און איז געבליבן שטיין מיטן פנים צום ארון־קודש. געשטאַנען הויך און אומבאַוועגלעך אין א תפלה בלחש.

— אויפשטיין! — האָט קאַנץ אויסגעשריגן צו בת־שבען און אַ זעץ געטאָן מיטן שטיוול דעם חזן.

אַלע זענען אויפגעשטאנען.

מיטאמאָל האָט געגומען נידערן א פינצטערניש און א ווינט האָט גע־נומען בלאָזן דורך די אויפגעפּראַלטע און צעשמעטערטע פענצטער. דער פלאַם אין דער מנורה האָט געפלאַטערט ווי די הערצער.

— מארש! — האָט קאַנץ אויסגעשריגן שארף, מיליטעריש.

בת־שבע, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיטן קינד, האָט געמאכט א שפּאַן צו קאנצן און מיט איר בליק און מיט די אויסגעצויגענע הענט, וואָס האָבן גערעדט מיט געבעט, איז זי געבליבן שטיין קעגן אים.

— מיטנעמען! — האָט ער אויסגעשריגן.

די טאַנקיסטן האָבן גענומען די ביקסן און האָבן א שליידער גע־טאָן די גראַבאַייזנס צו דעם רבין און צו ישראלן.

— מיטנעמען! — האָט איינער אויסגעשריגן, ווי ווידערהאַלנדיק קאנצעס קאמאנדע.

— מאַרש! — האָט קאַנצעס שטימע ווידער אַ שניט געטאָן.

רבי הלל האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר, ווי ער וואָלט זיך געלאָזט אין שול אריין דאוונען. בת־שבע און די איבעריקע זענען געגאַנ־גען נאָך אים. אינדרויסן איז רבי הלל געבליבן שטיין, ניט וויסנדיק וואוהין צו גיין.

— מאַרש! — האָט קאנץ ווידער אויסגעשריגן, אָנווייזנדיק מיט דער האנט אין דער ריכטונג פון דעם ברונעם.

רבי הלל איז געגאַנגען פאמעלעך, ניט געאיילט, די איבעריקע הינ־טער אים — אין א צעבראָכענער שורה. קאנץ, ניט קאַנענדיק אָנהאלטן דעם לאנגזאמען טראָט, איז אוועק פאָראויס. די טאנקיסטן, מיט די ביקסן אין די הענט, זענען געגאנגען פון הינטן.

דער שטויב אויפן וועג האָט זיך געטראָגן און געדרייט אין ווינט פון בין־השמשות און פאַרוויקלט די טריט... ריטמלאָזע, ליימענע טריט...

דער וועג האָט זיך געענדיקט. זיי זענען צוגעקומען צום ברונעם און געטראָפן קאנצן זיצן אויף אן אונטערגעהאקטן בוים.

— האָסט אמאָל געגראָבן א גרוב, רבי? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— ניין, ניט געגראָבן — האָט רבי הלל געענטפערט.

— וועסטו איצט גראָבן. — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האנט צו דער זייט וועג. — מאַך עס טיף און גרויס גענוג פאַר אַלעמען, און מאַך עס שנעל, ווייל אַ שטורם קומט אָן. — העי, דו! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו ישראלן. — נעם און גראָב, יודע...

רבי הלל איז געשטאַנען א ווײַלע פארטראכט, דערנאָך אריינגעשטעקט דעם גראָבאייזן אין דער ערד און געזאָגט צו ישראלן:

— גראָב, ישראל, דער גורל פון מענטשן איז דאָך סיי ווי סיי עפּערלעפּער און דער טויט וועט קומען שנעל, ווי א בליץ, שרעק זיך ניט און פאַל ניט אַרונטער בא זיך.

בת־שבע מיטן קינד איז געשטאַנען לעבן דעם חזנ'ס פרוי. דאָס ווייסע קלייד אירס, צעבלאָזן פון ווינט האָט געפלאטערט און געהאלטן זי אין דער לופט ווי א מיסטישן וועזן.

— העי, מאַדאַנאַ! — האָט קאנץ א געשריי געטאָן צו איר. — קום צו נענטער.

בת־שבע איז צוגעגאנגען.

— דו ביזט שיין, זאָגאַר באַם ברעג פון טויט, יודין, דו דערמאַנסט מיר אָן אַ פרויען געשטאַלט אין דעם ליד פון אַ דיכטער, וועמעס נאָמען איך וויל ניט דערמאָנען. דו ביזט שיין, אָבער איך מוז טאָן מיין פליכט, מיין פליכט צו מיין פאָטערלאנד און צו מיין פירער...

בת־שבע האָט געקוקט אויף אים מיט א באוועגלאָזן בליק און האָט געשוויגן.

— וואָרום זאָגסטו ניט עפּעס? — האָט קאנץ פּרובירט צו רעדן ווייך. — דו ביזט דאָך דעם רבינ'ס פרוי און זיין קוראזש און זיינע ווערטער שפּיגלען זיך דאָך אָפּ אין דיר ווי אין א שפּיגל.

בת־שבע האָט ניט אָפּגעווענדט איר בליק פון אים און האָט געשוויגן.

— וואָרום שווייגסטו? איך בין גוט צו דיר, פרוי... איך וואָלט דיך געקאָנט אָפּגעבן צו מיינע טאַנקיסטן... דו ווייסט עס...

— איך דאַנק דיר פאַר דיין גנאָד... — האָט בת־שבע אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און איז אוועקגעגאנגען פון אים.

רבי הלל און ישראל האָבן געגראָבן און געזאָגט וידוי. די וואָלקנס האָבן געשוועבט נידעריק איבער דער ערד מיט מרה שחורהדיקער שוואַרצקייט און דאָס פייער אינדערווייטנס אין שטעטל האָט געלעקט די ערד מיט פלאמיקע דראקאנישע צונגען.

עס איז אַוועק אַ שעה כמעט, קאַנץ האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ, צוגעגאַנגען צום לאַנגן גרוב, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ קאַנאַווע און אָנגעשטעלט זיין עלעקטרישן האַנטלאַמטערן.

טראָפּנס רעגן, ווי שווערע טרערן האָבן גענומען פאַלן דאָ און דאָרט... אין שטויב, אויף דעם גראָז, אויף די בלעטער. אַ פּאָר טראָפּנס אויף קאַנצעס פּנים האָבן אים אַ שרעק געטאָן מיט בייטשנדיקע שטראָמען פון אַ וואָלקן־קראַך. די צעשמעטערטע פּלייצע און האַנט האָבן געגאָגט מיט ווייטיק.

— דאָנערוועטער! שנעלער! שנעלער! — האָט ער גענומען שרייען.

— געגנוג! דאָס וועט זיין גענוג! — האָט ער מיטאַמאָל באַשלאָסן און פּאַכענ־דיק הין און צוריק מיט דעם פּאַס ליכט פון לאַמטערן איבער דער שווייגנ־דיקער פאַרמשפּטער גרופּע, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו רבי הלל'ן:

— יודע... דו, דער ערשטער... אַריין! אַלע, אַלע אין ריי!

רבי הלל האָט זיך ארומגעקוקט, זוכנדיק בת־שבען. זי איז שוין געשטאַנען לעבן אים מיטן קינד אויף די הענט. האָט ער זי אַרומגענומען און געזאָגט:

— ווילסט וויינען, בת־שבע... באַהאַלט דיין פּנים אין מיר און וויין... שעם זיך ניט... וויין...

זי האָט אַ ציטערדיקע צוגעדריקט איר פּנים צו זיין ברוסט און ער האָט געפילט, ווי עס ציטערט אין איר אַ געוויין, וואָס רייסט זיך ווי פון אַ פאַרצאַמטן קוואַל ארויס...

— שטאַרקט זיך אידן... — האָט ער אַזאָג געטאָן. — שטאַרקט זיך אין בטחון, אַז אַלץ וועט באַצאָלט ווערן, אַלץ וועט באַצאָלט ווערן...

— שנעלער! שנעלער! — האָט קאַנץ גענומען שטופּן דעם רבין צום גרוב...

רבי הלל האָט צוגעפירט בת־שבען צום גרוב און גענומען אַראָפּ־לאָזן זי מיטן קינד לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק. און ווען זי איז שוין געשטאַ־נען ביז צו די לענדן אין גרוב, האָט ער זיך אויך אַראָפּגעלאָזט לעבן איר און ארומגענומען זי מיט זיין האַנט.

דעם חזנ'ס פרוי האָט פּלוצים אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן יאָ־מער און דער יאָמער אירער, אונטער דער טונקלקייט פון די וואָלקנס האָט געשראָקן מיט אומנאַטירלעכן, מיט פרעמדוועלטיקן געשפּענטס...

דאָס קינד אויף בת־שבע'ס הענט האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— אַי־לו־לו־לוו... אַי־לו־לו־לוו... — האָט בת־שבע גענומען שטיל זינגען, וויגנדיק דאָס קינד אויף די הענט און לאָזנדיק די הייסע טרערן רינען איבער אירע אויסגעצערטע באַקן... — אַי־לו־לו־לו....

ישראל איז געשטאַנען באַם גרוב, גרייטנדיק אַראָפּצולאָזן זיך לעבן בת־שבע'ס זייט, ווען ער האָט אָבער דערזען ווי דער חזן און דער שניידער קריכן קוים צום גרוב און דעם חזנ'ס פרוי ליגט אויף דער ערד אַ פאַר־חלש'טע, איז ער צוגעגאַנגען צו איר, אָנגענומען זי באַ די הענט, פּרובירנ־

דיק אויפצוהייבן זי...

— שלעפּ זי! שלעפּ זי ארונטער! שנעלער! — האָט איינער פון די טאַנקיסטן געשריגן.

ישראל האָט זי אָנגענומען בא די הענט און געשלעפּט צום גרוב. און שטייענדיק שוין מיט איר באם גרוב, האָט ער מיטאמאָל דערפילט א שטויס אין פּלייצע און דערהערט דעם געשריי: אַרונטער פאַרפלוכטער!

ער איז געפאלן אויף די קני און הענט און דערפילט אויף זיך די משא פון דער פרוי. זי איז געבליבן ליגן אויף זיין רוקן, פארדעקנדיק אים אינגאנצן ווי א זאק.

— פארטיק מאכן! — האָט ער דערהערט קאנצעס שניידנדיק קול.

די רגע איז געבליבן שטיין, ווי דאָס הארץ. אָבער פון דער שווארצ־קייט פון נאַכט האָט זיך ווי א בת־קול געטראָגן רבי הלל'ס שטימע:

— שמע ישראל... שמע...

דער שווארצער הימל האָט מיטאמאָל אויסגעבראָכן אין א וואָלקן־קראַך... דונערן און בליצן האָבן גענומען שניידן די נאכט ווי פייערדיקע מעסערס... פון די צעבראָכענע וואָלקנס האָט דער שלאגס־רעגן געשמיסן ווי מיט בייטשן און א האָגל פון צעגליטן פייערדיקן בליי האָט פארשניטן די לעבנס איבער דער גאנצער לענג פון גרוב... הין און צוריק... הין און צוריק...

— פארטיק מאכן! — האָט קאנץ צאַרנדיק געשריגן.

די טאַנקיסטן האָבן א כאפּ געטאָן די גראָבאייזנס און גענומען פאר־שיטן דעם קבר. די וואָלקנס האָבן געכליאפּעט מיט קאלטע שטראָמען און די נאסע ערד אויף די קערפּערס איז געפאלן איילנדיק, צעברעקלט...

אויף דעם וועג צוריק זענען געגאנגען דריי דורכגענעצטע נאציס —דער קאָמאנדיר רודאָלף קאנץ און צוויי טאַנקיסטן.

באם ברונעם האָט די נאכט געשוויגן מיט טויט. יעזוס אויף דעם קרייץ האָט געקוקט צום שווארצן הימל און אונטן אין גרוב, אונטער דער לאַסט פון דער דערמאָרדעטער פרוי, איז ישראל אַ האַלב־באַוואוסטזיניקער, האַלב דערשטיקטער, געשטאנען אויף די קני און מיט אַ פאַרטונקעלטן,אָבער אינסטינקטיוון דראנג צום לעבן, געהויבן זיך ארויף, ארויף... לאָזנדיק דער פרויס קערפּער גליטשן זיך אראָפּ, אראָפּ... געשטרעקט די הענט, געשטיגן דורך דער שווארצער פייכטקייט פון דער ערד... געהויבן זיך ווי א הויקער פון דעם שווארצן קבר און ענדלעך דערפילט דעם נאַסן אָטעם פון דער נאכט און די דארע פינגער פון זיינע הענט האָבן דערפילט די האנט פון לעבן...

יעזוס אויפן קרייץ האָט געקוקט צום שווארצן הימל... און ישראל האָט געהערט א בת־קול...

שמע ישראל... שמע...



דוד בעקער — די תלמודיסטן

מאטעס דייטש

לידער

א, דו פארוואָגלט שכינהדיק וואָרט,
אייביקער עמוד־האש;
ליכטיקער גייסט דו אין פלייש
פון דור מיט דור — צוזאמענגעפאָרט.

אָקעאַנישע בילדשאַפט . . .

איך וואָלט געוואָלט שענקען מיין בוך
צו א לייענער א יוגנטלעכן,
זאָל ער מיט די שווערע טראַכטענישן
וואנדערן אויף די בערג,
קלעטערן אויף די שארפע סקאלעס
לעם ים פאזע די שניי־זאלציקע זאמדן,
און לייענען — יידיש־נוסחדיק —
פאר די שטורעמדיקע כוואליעס
מיט די שיפעדיקע, שוימיקע שטיגן.

זאָל זיין — וואָרט,
כוואַליע און געדאַנק —
דו און איך,
לעם צערייצטער אָקעאַנישער בילדשאַפט.

ווי פלאָטיליעס זאָלסטו אָפלאָזן
מיין יאָגנדיק צערייצט וואָרט
מיטן אָנגעלאָדענעם געדאַנק,

און זאָל עס זיך שניידן
איבער די געבערגטע וואַסערפליינען
וואָס זיינען וועגלאָז, שטעגלאָז
נאָר פול מיט טרעפגעהיימעניש...

אָ, טרעפ, טרעפ, טרעפ —
געדאַנקענטרעפ
פון צערייצטער טראַכטעניש.
טרעפ, טרעפ, טרעפ —
עמאָציעטרעפ
פון יידישן געמיט און דיכטערישע אומרו,—
אוי, דו, מוראדיק, שרעקעוודיק וואָרט !

וואָרט, וואָרט, שטיין פון דער אוניווערסאלער מיל.
דאָס וואָרט זאָל האָבן — דאָס וואָרט.
דאָס בלויזע לייבלעכקייט פון וואָרטשאַפט
כדי די קערנדיקייט וואָס אין דעם איז דאָ אַזוי פיל
מיט פארטיפטן אינדיווידועלן געדאנק
פון יחידותדיקער מילבישער גרויס
זאָל ניט וואַגלען סתם אינעם קאָסמישן שטויב.

כ׳וואָלט געוואָלט שענקען
צו אַ יוגנטלעכן מיין בוך;
נאָר וואו איז ער אָט דער
וואָס זאָל פאר מיין וואָרטשוואַנגער
און געדאַנקפאַנגער
זיין דער משיח?

מאָדנע, ווי יעדע זאַך
לעכצט נאָך א משיח;
סאיז וויטיקדיק צו וויסן
אַז יעדער נייער... יעדער...
ווארט אויף... משיח...

א, דו פארוואָגלט שכינהדיק וואָרט,
אייביקער עמוד־האש;
ליכטיקער גייסט דו אין פלייש
פון דור מיט דור — צוזאמענגעפאָרט.

יידישלאנד

אויפן חורבן פון דער יידישער היים
וואָס גליווערט אונדז און פרעסט,
האָבן יונגע שוועלבעלעך, ליב,
געבויעט פאר זיך א נעסט.

אין מיטן דעם פלייץ
פון כשופדיק ליכט אין דער "לופ",
האָט זיך מיר פארבענקט
נאָך אונדזער יידישן שאפן,—
געבענקט מיט אן אומרואיק הארץ
ווי צו קינדער פארלאָזטע.

צווישן טויזנטער ליכטער
מיט מאגישן בלענד
בין איך אן אומגעריכטער
צו אלץ געוואָרן פרעמד,
ווי אין עקזאָטישע לענדער,—
ניט-היימיש אומגעבלאָנדזשעט
אין אָבליוויע פון פרעמדער סביבה.

און דער יידישער מענטש אין מיר
איז צערייצט געוואָרן ווי א וואָלקן
וואָס שווימט ארויף אויף טרוקענער לופט;
ווי אן אויפגעריסענע דאָמבע
האָט אָפגעלאָזט די שטראָמען אין מיר.
כבין געלאָפן צו זיך א היים
און מיט הארצקלאָפּ אויפגעמאַכט די טיר
פון מיין יידישער וועלט מיטן הערליכן גראנד;
ס'האָט א שפארגעטאָן אווארעמע סביבה צו מיר
פון יידישע ביכער — מיין יידישלאַנד.

דער שראַנק אן אָנגעשטויסענער מיט ביכער
האָט זיך אויף מיר אַ לאָזגעטאָן מיט דורותדיקן כח;
די ביכער פון די שאפקעלעך זיינען מיר באפאלן;
ביכער פון די פּאָלעצעס האָבן מיך ארומגערינגלט;
אויף די געזימסן פון די פענצטער לעם מיין געלעגער
ביכער, ביכער, א וועלט פון ביכער,—

אַ ביכער־וועלט האָט אָנגעקוועלט
און צעשאַלט אין א בלעטערדיקן כאָר
דעם כח פון יידיש־גייסטיקן דור נאָך דור.

אויף מיין שרייבטיש, ווי א טשערעפּאכע,
ליגט דער ציקלאָפּעדיע ווערטערבוך
אין א סטרופּעוואטן קראָקאָדיל אימיטאַציע געבונדן;
ליגט ווי אַן אוילקוואַל, שטיל און טונקל;
אויף אים ליגן אנדערע ווערטערביכער,
לעקסיקאָן־ביכלעך וואָס פאָרמירן א קיאָסק —
דאָס געשטאַלטיקטע ווארטגעטורעם פון דורות,
דאָס חיות פון מיין דענקעוודיק פאָלק.

איך האָב אויפגעמאַכט בוך נאָך בוך,
ספר נאָך ספר געבלעטערט און געניסטערט
אין סדורים אלטע, געצערטלט מיין זיידנס גמרא,
געגלעט מיין מאמעס ציאנה וראנה,
געפּליסטערט צו דער הגדה ליבשאפט חנדלעך,
צוגעלייגט מיין אויער צו עברי־טייטש ספרימלעך
מיט דריבנע אותיות פון פארצייטן,
געוועלטיקט אין מוסר־ביכלעך,
געהויערט איבער בעל שם טוב מעשהלעך
פול מיט מופסים און קוואַליקן בטחון,
און לידער, לידער, אונדזערע לידער־ביכער
פון מוט און קאמף פאר נאָענטע און ווייטע וועלטן,
פון געזאַנג און געדאַנק און טיפן דענקען,
פון לויטער געלייטערטע רעיונות
וואָס פול זיינען מיט געפייניקטע און תאוודיקע וועגן;
פון גאלע אותיות געציקלטע, געקינסטלטע
מיט ווינעטקעס, אראבעסקען און פליטערלעך
און גראמען מיט שטראמען און פינטעלעך,—
אוי, פינטעלעך, פארבאָרגענע יידישע סודות
מיט סימבאָלישע פינטעלעך, — נישט דערזאָגטקייטן.

מיינע אויגן האָבן געזויגן פון יעדער שורה,
מיינע פינגער האָבן געוואָנדערט צעשטראַלט
איבער יעדן ליכטיקן אות מיט זוניקער שיין,
מיינע ליפּן האָבן לעכצנדיק געקושט יעדע בלאט,
און גרינגע, פריידיקע אויגנוואָסערלעך
האָבן זיך געגאָסן ווי זומערדיקער רעגנשפּריי.

דאָס געפּילפּולטע האַרץ פון מיין פאָלק
האָט אַלץ איינגעזאַפּט געטריי
און פארבאָרגן מיין עלנד געוויין
צוזאַמען מיט אַלע תפילהדיקע טרערן
פון דורות פאַר דורות
כדי געלייטערט צו ווערן.

כ׳בין געגאנגען מיט מיין פאָלק
טרעפּ ארויף און טרעפּ אראָפּ;
צו טיפקייט און צו ווייטקייט,
אין זיינע פארשיידענע ווייטיקדיקע צייטן,
פון שטאָט צו שטאָט, פון אָרט צו אָרט;
איבער לענדער פילע געוואַנדערט
און געוואָגלט מיטן וואָרט פון וואָרט,—
דער געדאַנק פון געדענקען
איז דורכן יידישן האַרץ אויסגעחלומט
און דערהויבן איבער אלע געדאנקען:

. . . דאָס לעבן טראַכט ניט וועגן טויט;
דאָס לעבן פארגעסט אינעם טויט;
אויף די שלאַכטן בא סטאַלינגראַד
האָט דאָס לעבן פארגעסן אינעם טויט...

אָט אויך אזוי איז אונדזער יידיש שאפן;
דאָס פילגלגולדיקע פאָלקסוואָרט, — יידישלאַנד.
סע האָט פארגעסן אז סע גייט אונטער,
און ס׳איז ארומגערינגלט מיט אונטערגאנג
און האַלט דאָך אין איין שאפן אלץ נייע באשאפן
פון וואונדער איבער וואונדער — אַן אייגענעם וואונדער.

א, מע דאַרף זיין גבורהדיק אין ניינצן פיר און פערציק
כדי איבערלעבן די יידישע זיגן איבערן היטלערישן שונא.

פארוואר, ס׳איז וואונדער איבער וואונדער
אָט דער אייגענער קוואליקער וואונדער:
זיך דערהויבן — אַן אָדלער איבער שלענג —
שווארצע, גרינע און ברוינע.

אַ, דו, צעשטערט יידישלאַנד פון אַרום מיט אַרומען;
אוי, יידיש וואָרט, דו בלוטיק מויל פון דורות אומעטומען.

אויפן חורבן פון דער יידישער היים
וואָס גליווערט אונדז און פרעסט,
האָבן יונגע שוועלבעלעך, ליב,
געבויעט פאַר זיך אַ נעסט.

מיין זונס מעדאַלן

. . . פאַרפאַלן!
עס עפענען זיך ווידער קוואַלן
מיט פלאַמפייערדיקע קנאַלן
קוקנדיק אויף מיין זונס מעדאַלן...

פעלשט ניט ווי איר האָט
אַמאָל די „זקני ציון,"
פאַרן קומענדיקן דור
זאָלט איר איינפאַך זאָגן:
יידן — ווי דער ים —
ברויזן מיט זייער געדענקען;
זיי פאַרמאָגן אַן אַנגעפּראַפּטן זכרון —
געדאַנקען פון געדענקען — אַן אַרב זייערס.

אָ, זיי געדענקען געשיכטע פון פריצייט,
אַלטערטום און איצטשאַפט — זייער רעטער.
דערהויפּט, די פון דער גאַנצער היטלער־מגפה?
איז אוואַדע איבער אַלעם געדאַכטן און געטראַכטן
פאַר דורות פונעם צוואַנציקסטן יאָרשפעטער.

איך זאָג עס צו די בני ביקסלאָזע יאָטן
פון אונדזער אויסגעחלומטער ווייטקייט;
געדענקט אונדזערע מעשים, אייערע טאַטעס' טאַטן...

אונדזער וועלט־ספר
מיטן נביאימשן עכאָ
האָט אויף אַלע שפּראַכן
פאַרקינדיקט דעם מאָרגן;
אַפילו אונדזער וועלט־גאָלד

(דער אַנערקענטסטער מעדאַל...)
האָט מער אויפגעטאָן פאַר עטישקייט,
ווי זייער גאַנץ רעגירן פון טראָגנען אַראָפּ.
זאָל עס אַזוי בלייבן פאַרשריבן
טראָפּ נאָך טראָפּ,
אויף די ווענט פון צעשאָסענע יידישע געטאָס,
אויף פעסטונג־חורבות, אויף צעלאָמטע שליאַכן,
אויף די לעצטע יידישע טריט־געשריפטן אין וועלדער,
אויף דער מעוברתדיקער ערד מיט בני ישראלס קברים
פון גאָר דער אוקראַינע און פוילן
וואָס ניטאָ איז נאָך צו איר קיין שווידערדיקער גלייכן.

ווי, דאָס ביסעלע שטאָלץ
פאַר די גילדענע מעדאַלן אונדזערע,
באַקומענע פון די גויאישע פעלקער,
האָט די יידישע אומה אויסגעצאָלט דערפאַר
מיט אַ שטענדיק־מזומנדיקער אויסגעשחטנקייט.
מיר האָבן ניט שטאָלצירט מיט דער הייליקייט
פון מלחמה־מעדאַל און אויך אים ניט באַמזמורט
ווי איר, די גיבער פון מעדאַלן,
איר זעלבסט האָט דעם נסיון ניט בייגעשטאַנען — פאַרשוועכט;
די אילוזיע פאַרן גאָלדענעם אָפּגוס
האָט איר באַ אונדז אויסגעמעקט און צעשטערט.

אָ, ווען איך קען די שפּראַך פונעם מלחמה־גוי!
איך וואָלט עס גראַם אין זיין לשון פאַראַנקערט,
אָט דאָס אַלץ גראָב אין זיין פּנים שאַרף אויסגעמאָלן.
נאָר ער האָט ניט קיין איינציקע שפּראַך,
נייערט, אויף פילע לשונות הארבע
דאַרף איך מיין צונג שפּאַלטן, —
איך וועל שוין קיינמאָל ניט קענען
באַנעמען דאָס מלחמה־גויאישע לשון;

. . . פאַרפאַלן!
עס עפּענען זיך ווידער קוואַלן
מיט פלאַמפּייערדיקע קנאַלן
קוקנדיק אויף מיין זונס מעדאַלן...

זאָל דער גומען פון יעדן ייד
צען מאָל געלעכערט ווערן,

וואָס וועט זאָגן געוואַגט:
. . . סאיז קיין ליד ניט
אונדזער ליד פון מעדאַלן,
מחמת סאיז דאָך ניט צום זינגען
אַזויווי אַ געזאַנגשטיק זינגט זיך...

פאַרוואָר, סאיז ניט אמת
אָט דער פאַלש־איינגעוואוינטער גאַנג;
וואָרום צי איז דען ניט בילכער אַזוי
די וועלט־פילאָזאָפיע אין היטלער'ס צייט
פינקטלעך ווי דאָס עלנדע וועלט־געזאַנג?

אָ, הערט, איר יוגנטלעכע פונעם נייעם מאָרגן,
וואָס וועלן טראָגן דאָס צייטיקע וואָרט;
דאָסדאָזיקע וואָרט געדענקט ווי אַ פייערברי
אין די ביקסלאָזע טעג,
הערט, הערט, איר יוגנטלעכע פונעם נייעם, פרייען מאָרגן:

. . . נישט די גויאים פונעם ברית חדשה,
(דער בלוטיקער, הייליקער טינטער)
אויך ניט יענע פון דער פאַריזער קאָמונע,
און ניט די קאַמעראַדן פונעם דריטן „אינטער"
אָסור, ניט די יידעלעך וואָס צעמישן אַלץ צוליב שנאה.

מיר האָבן שוין געהאַט גענוג מעדאַלן —
אַראַבישע, טערקישע, שפּאַנישע, דייטשישע
און גאָר די אַלערליי פעלקערשע קרייצן.
נאָר ווער האָט מיט פאַלשקייט געפעלשט אין זיי?
די גיבער!
ניט חלילה — די נעמער...

. . . פאַרפאַלן!
עס עפענען זיך ווידער קוואַלן
מיט פלאַמפייערדיקע קנאַלן
קוקנדיק אויף מיין זונס מעדאַלן...

איך זאָג עס צום ביקסלאָזן דור
פון דרייסיקסטן יאָרשפעטער:
ווי דער אָקעאַן ברויזן די יידן
מיט זייער שטענדיקן געדענקען;

זיי האָבן אָן אָנגעפּראַפּטן זכרון, —
געדאַנקען פון געדענקען;
זיי לעבן מיט דער פּריצייט,
מיט אַלטערטום און מיט דער גרויליקער איצטשאַפט.

איך רעד צום דור פון פופציקסטן יאָרשפּעטער:

פעלשט ניט אין אונדזערע פּאַרדינטע מעדאַלן;
זיי זיינען די זיכערע טעג, די כשרע נעצן
פון אַ זוניק־פּאַראייניקטן אַלפעלקערשן לעבן —
דער גאָט פון איבער אַלע ביז איצטיקע געצן.

פּאַרפּאַלן!
עס עפּענען זיך ווידער קוואַלן
מיט פלאַמפּייערדיקע קנאַלן
קוקנדיק אויף מיין זונס מעדאַלן...

די קנאה צווישן ביכער

די ביכער און די ספרים אין מיין שראַנק
קריגן זיך, זיי קומען ניט אויס, —
זיי הויזן ניט צווישן זיך פונקט ווי מענטשן.

די ביכער אין מיין שראַנק
זיינען צעטיילט אויף קלאַסן;
אין העכערע און נידריקע שיכטן.

ערשטנס: רייך און אָרים, — ביכער און ספרים;
גאָלדענע אותיות אויף רוקן און גראָבע טאָוולען;
באַ אַנדערע, — בלויז אַ פּאָר פּאַפּירענע פליגעלעך.

האָב איך, מענטש, מושל איבער די ביכער,
געמוזט איינשטעלן אַ סדר צווישן אַלע —
באַזעצט זיי אויטאָנאָמיש אויף פאַרשיידענע פּאָלעצעס.

אייניקע אויפן סאַמע שרייבטיש אָוועקגעשטעלט,
אייניקע גאָר בהרחבה צעלייגט אויף די געזימסן
און מיט אַ טייל ספּעציעלע טישעלעך באַצירט.

אָבער אויך צווישן אייגענע, אַנערקענטע
הערשט אַ בייזע אומפאַרמיידלעכע מחלוקות
מיט גרינשעצונג און לצנותדיק שפעטערייִ.

די ספרים — פאָדערן ווי פּאַטריאַרכן דעם כבוד־אָב
פון די ביכלעך; און זיי, יונגוואַרטיק, ווידערשפעניקן
און חוזקן פון זייער וואָרטגלויבערישן אַבסאָלוט.

קודם, די אייביקע טענה: מע פאַרשטעלט זיך,
די אָרעמע לאַכן פון די אויסגעסטראַצלטע באַנדן,
די אויסגעפוצטע, שפעטן אָפּ פון די ביליקע בענדלעך.

היינט, וועגן כאַראַקטער — דער תוכן פון בוך?
דער, איז אַ פאַלשער פילאָזאָף; דער, אויבער קלוג,
און דער? אַ פוסטער פאַנטאַזיאָר; און פלאַך.

דער, איז מיט גאָלע שיינווערטערדיקע חנדלעך,
דער, איז כלומרשט פרום און מיסטיש פאַרגלאָצט,
און דער, צעוירן מיט זיסריידערייִ און סתם־גראַמען.

איצט, זייער לשון: דער רעדט ליטוויש־יידיש,
דער, פּויליש־יידיש, דער, רוסיש־יידיש,
דער, אַמעריקאַניש, אַרגענטיניש און — העברעאיש־יידיש.

היינט, רעדט דער מיט למדנישע קניפּעקלעך,
דער, מיט גבירישע שטעכווערטלעך — סופער־חכמה,
און דער, איינפאַך מיט גאָלע מאַסאָווע פשטות.

דער, מיט אַ סך מאַניעריזם, מיט סטיליסטישן אָנשטעל,
דער, מיט עראַטישער פרייקייט, מיט שפע פון וואָרט,
און דער, מיט קלאַנג, געזאַנג, צי בלויז געבעט.

אָט אַזוי־אָ, יעדערער באַזונדער מיט זיין יחידות;
ווער מיט פראָטעסט אויף הויכשרייענדיק לשון,
און ווער עכנהדיק ווי דער גרעסטער בעל־בכי.

הכלל, ערשט צווישן ביכער הערשט דער גאַנצער וועלטגעטומל,
וואו יעדערער שרייט, הער! הער! נאָר מיר הער!
ס'קלענצטע ביכעלע גאַרט מ'זאָל עס כאָטש אַביסעלע אויסהערן.

דער עיקר קריג צעפלאָקערט ווען מיין האַנט נעמט זיי צערטלען,
נישטערן, גלעטן און בלעטערן דאָס חיות בײַ זיי;
ווער שמועסט אַרײַננעמען אײנס אין שויס? ווערט אַ געפילדער.

אָט דאָן שטייט אָן צווישן זיי די העכסטע קנאה;
זיי צעשטויסן זיך און פאַלן פונאַנדער
און שפּרינגען גלייך אויפן דיל צו מיינע קני.

איך פּאַל כורעים אין גרויס דרך ארץ פאַר זיי,
איך הייב זיי אויף און בעט בײַ זיי מחילה:
מער ווי אײנס אויפאײנמאָל קען מען ניט לייענען...

איך דערפיל זייער גרויסע בענקשאַפט און פאַרליבטקייט
נאָך דער מענטשלעכער האַנט וואָס גלעט זיי
מיט וואַרעמקייט
און גריבלט זיך אינטים אין זייער בוזעם.

איך קוק אויף זיי אַ פאַרקלעמטער אין זייער צער,
און איך זע ווי זיי ווערן פאַרזונקען אין עלנדקייט
ווען אַ תכליתדיק טראַכטן באַפאַלט זיי וועגן קיום.

ביכער זיינען עלנד און פול מיט לעבנסטרויער:
. . . ניכאַי וואָלט דער באַשעפער אונדז גאָרניט באַשאַפן...
. . . שוין בעסער נישט געבוירנוווערן... הער איך אַ כליפּן.

ביכער לעבן און שטאַרבן פונקט ווי מענטשן;
לאָמיר זיך באַציען צו זיי ווי צו מענטשן
און זיך פלייסן טאַקע זיי צו פאַרשטיין — ווי מענטשן.

מיין קרעמאַציע...

איך וויל זיך מיטן פלאַם באַהעפטן,
איך וויל מגלגול ווערן אין פייער.

וועלטן ווערן באַשאַפן דורך פייער;
די האַרטסטע עלעמענטן ווערן אויפגעלייזט דורך פייער;
און צי איז דען דער מענטש ניט דער האַרטסטער עלעמענט?

מיין ירושהדיקער, יידישער שטאַם איז גאַלע פייער;
עס ציט מיך צו די אייביקע פייערן —
אַט די וואָס לייטערן נשמות;

די נאַסע ערד זאָל ניט ווייקן און ניט פריען
מיינע גלידער און ניט מיינע געטאָקטע ביינער,
מחמת איך וויל ניט אַז ווערים זאָלן זיך רויען
אין מיין אינגעווייד — דעם וועגעטאַריש עטיש־עסטעטישן;
ניט די פראָש און ניט דער ראַץ
זאָלן מאַכן זיך פון מיר אַ וואוינשאַפט זייערס.
איך וויל זיין דער מושל איבער זיך,
(מיין גוף געהער צו מיר),
אַפילו נאָך מיין טויטווערן
וויל איך האָבן מיין אייגענעם אויסוואַל פון אויסווערן.
איבער מיין נשמה בין איך ניט דער באַלעבאָס.
דרום וויל איך זיך מיטן פלאַם באַהעפטן,
איך וויל מגלגול ווערן אין פייער.

קיין וואָרים זאָל מיר ניט טאַטשען,
ניט קיין וואָרים אָדער ראַץ, צי אַן אַנדער מיאוסער שרץ
זאָלן גריזשען מיין עסטעטישן גוף;
כ׳וויל גאָר קיין אָרט אין דער ערד פאַרנעמען
מיט מיין לאַנגזאַמדיקן פוילן און גנויען;
אויך דעם דרויסן וויל איך ניט שניידן
מיט קיין מצבה דעם אָנזען פון אַן אָפּדאַכט
כדי דעם מענטשן ניט באַלעסטיקן מיט זיפצנדיקער מורא
טאָמער וועט אים מיין טויטקייט אַן אויגנבליק שרעקן;
ציוואָס פאַר אים דעמאָנסטרירן מיט מיין געוועזנקייט
דעם אַלגעמיינעם תכלית פונעם געהיימניש — שטאַרבאַכץ.

איך וויל זיך מיטן פלאַם באַהעפטן,
איך וויל מגלגול ווערן אין פייער, —
די וועלט איז באַשאַפנגעוואָרן דורך פייער.
זאָל די קרעמאַציע פון מיין גוף
מיך טראָגן אויף די כוואַליעס פון פייער
צום אייביקן אַרויף פון די פייערדיקע הויכן.

נאָר מיין אַש, דער גרויער אַש;
דער ערשטער און לעצטער אַש,
וועט אומצושיידנדיק מיטן וועלטאַל,

ווי לייכטער שניי,
ווי טרערנדיקער רעגן
טאָן צו דער מאַמע־ערד אַ פאַל;
דער לעצטער שלום עליכם —
דער ערשטער געזעגן — — —

אברהם, יצחק און יעקבים קינדער...

צו מיינע אור, אור, אוראייניקלעכ׳ס
קינדס קינדער און צו זייערע
אור־אור־אוראייניקלעכ׳ס קינדער.

ווער וועלן זיי זיין?

און צי וועלן מיר נאָך אָנגערופן ווערן אייגענע?
צי וועלן מיר נאָך זיין בלוטפאַרוואַנדעטע?

וואָס פאַר אַ שייכות וועלן זיי האָבן מיט מיר?
איז צו־וואָס מיין איצטיק טראַכטן וועגן זיי
אַז זיי וועלן דאָך ניט זיין מיינע, —
נאָר ישראל׳ס קינדער; דעם פאָלק ישראל׳ס קינדער
פון אברהם, יצחק און יעקב, — זייערע וועלן זיי זיין...
די קינדער פון די אָבות, ווי איך און מיינע ברידער;
דאָס פאָלק, הייסט עס, וועלן זיי זיין.

ווען פאָלק ישראל פון אַמאָל ווערט אויס,
ווערט עס פאָלק ישראל פון איצט;
און ווען פאָלק ישראל פון איצט ווערט אויס,
ווערט עס פאָלק ישראל פון מאָרגנדיקע מאָרגנס, —
פון דער אייביקייטס צוקונפט.

צו מיינע אור, אור, אוראייניקלעכ׳ס
קינדס קינדער און צו זייערע
אור, אור, אוראייניקלעכ׳ס קינדער, —
מיין יידישער גרוס צו אייך.

עס שיקט אייך שלום עליכם
אַן אַמאָליקער זיידע, זיידע׳ס זיידע.

מיין טראַכט פון גאָלע טראַכטשאַפטן, —
אַן אַמאָליק, לאַנגמאָליק טראַכטן וועגן אייך:
קינדער מיינע, קינדס קינדער פון מיינע אוראייניקלעך
וואָס זיינען שוין ניט מיינע
נאָר אברהם, יצחק און יעקבֿ'ס קינדער, —
דאָס פאָלק ישראל פון מאָרגנדיקע מאָרגנס;
פאַרנעמט מיין ווייטיק פון מיין ווייטיק טראַכטן:
איך גריס אייך, יידישע קינדער מיינע, —
תמידיק פאָלק ישראל פון דער אייביקייטס צוקונפט.
גליקלעכער פון מאָטעסעס קינדער
ועט איר שוין דאַמאָלסט געוויס — גליקלעך זיין.

אַ גרויס געזאַנג צום קברן

האָסט אויסגעפוצט מיין מאַמען, —
ריין און ציכטיק זי אָפּגעוואַשן
און פאַרקעמט זי; פאַרשענערט דעם טויט.

זי ליגט אין איר וויג ווי אין זאַרגלאָזן שלאָף,
און קיין שרעק לויערט ניט פון איר,
און קיין איבל, חלילה, אויך ניט,
אַ דאַנק דיין געניטער האַנט פון פאַרשאַרן
און פאַרנאַרן קונסטיק אונדזער צעבליטן דמיון, —
אינעם צוקלעפּן אונדזער האַרץ
צו די מייסטערשע מעשים פון דיין באַרוף
אויף צו פאַרהוילן דעם טויט אַזוי גיך
פונעם לעבן, פון זיך און פון אונדז אַלע, —
אַפילו פונעם מלאך המות אויך, דאַכט זיך...

וואָרים ער איז דאָ פאָרט פאַראַן אָט דאָ,
און וואונדערט זיך אַליין אויכעט
געפּלעפט פון דיין הערלעכער קונסט;
און מחמת פאַר זיין כבוד וועגן
איז די געוואוינשאַפט אויף זיך צושרעקן,
און אין זיין קעגנוואַרט: וויינען און שרייען,
איז ער אָט דאָ צופרידן פון דער אומפאַרצווייפלקייט.

וואָס מיר שטייען טאַקע אויך געפּלעפּט און פאַרוואונדערט
פון דיין הויכער אונדערטייקערשאַפט
וואָס קאָן אַזוי מאַגיש פאַרשאַרן,
אים, דעם אַלטן מיט גאָר־די־געוואַלטן, —
דעם טויבן, קרומגילטיקן טויט; (דעם לעבנס שאַנד.)
און אַזוי־אַרום אונדזער דמיון פאַרנאַרן
אין אַ שטילשטיינשטאַנד
פון אַ שטוינערדיקן שטיין
מיט אומפאַרשטייענדיק שווייגן.

הער, ציוויליזירטע וועלט,
איך זינג דאָס גרויס געזאַנג:
. . . אַ לויב צום קברן,
אַ לעצט געזאַנג פון זאַנגען...

ס'איז אַזוי, דער נאַציעפּאַשיסטישער גוי!

אונדזער יידיש פלייש איז ריין;
ס'איז דאָס בעסטע — ס'איז זיס;
אַ סימן: די וועלפישע, נאַציעפּאַשיסטישע ציין, —
זיי ווערן די כפּרה דערפאַר...

זייער פלייש מוז זיין ביטער און מיאוס;
האָדעווען זיי אונדז מיט קלעפּ אין־לשער
אין דער וואָכן, כדי קוילען אונדז אויף יעדער חגא.

אָ, הייסע וואָר; קאַלט און שטאַרע וואָר!
אונדז הרגעט דער גוי אַזוי און אַזוי
אין אַלע זמנים פון יאָר —
סיי אין וואַלד און סיי אויף יאַרידן, —
בלויז דערפאַר און ניט פאַר גאָר,
נאָר ווייל מיר זיינען אידן, אידן.

זאָל אַט־דאָס בפירוש גאָר אַזוי זיין?
אי, פאַרוואָס טאַקע, דו ליבינקער גוי מיין,
אַ־האָ? זיין־צי־ניט־זיין —

אַט די באַרימטע פראַזע וואָס הויערט צווישן דיר
געפרעגט אַמאָל אין טעאַטער נאָר פון איין שעקספּיער, —
איז ניט דאָ די פראַגע, זי איז שוין אַלטווייליק.
איך מיין דאָווקע די אַלבאַקאַנטע אידנפראַגע, די לאַמע.
וואָס ווערט אַריינגעטייטשט אין דער שיילאָק־סטיכיע
פון יעדן חזיר־פליש־פרעסער וואָס וויל אונדז מאַכן טמא...
נאָר, דו דאַרפסט ניט ענטפערן אויב דיר איז ניט ניכע, —
ס'איז די פראַגע־שמאַגע במילא אַ קאַרגע.
אַט, זאָג בעסער, אמאי הרגעסטו, גוי, דעם גוי־גוי ?
ער איז דאָך שוין געוויס דערזעלבער אַזוי צי אַזוי ?
צי ס'איז באַ דיר אַזאַ וועלט־חשבון : גוי־גוי — הרגע !

אָ, אונדזוער יידיש פליש איז ריין ;
ס'איז דאָס בעסטע — ס'איז זיס ;
אַ סימן : דער נאַציפאַשיסט, פון זיינע ציין,
וויל עס אין זיין בעסטער רגע גאַרנישט קאַרגן.
נו, גאָט־און־וועלט, אויב איך איז ליב און אים ניט מיאוס, —
טאָ זאָל ער שוין מיט מיינעם אויך, צעזעצטערהייט, זיך וואַרגן !

האַרבסטיקע וועלט — האַרבסטיקער איך

די זון שיקט אירע שטראַלן, די מילדע, מיט קאַרגשאַפט
און פאַרוויקלט דעם גאַנצן ארום מיט זמניקן אָפגאַנג.
סוף־זומער־וועלט פאַרפלייצט איז מיט „הימלישע" באַמבערס, —
דער ווינט, פאַר שרעק, קייקלט זיך אַוועק אַראָפּבאַרגשאַפט.

ס'איז הארבסטיקע וועלט און האַרבסטיקער איך,
טריט מיינע — קליין, נאָך קלענער אין האַרבסטיקן גיין.
מיין טרויער אַ שפּעט־זומער־פויגעל, א בלוטרויטער,
היפּט אינעם בלעטער־שאָרך אַ הינקעוודיקן קריך.

נישטאָ היינט קיין מענטש שוין וואָס דער נביא קען שעלטן,
ס'איז האַרבסטיקע וועלט איצט מיט גראָזן פון דראָטן.
אַליין דער פּאָעט, ציטערט פאַרן וואָרט, נאָך מערער ווי תמיד
ער וואַשט עס און נערט עס, פאַרפאַקט עס פאַר קומענדע וועלטן.

ערְאָפּלאַן שיסט האַרבסטיק־שיפּרירטע בלעטער פון הימלס־קופּאָלן,
ניט ערד און ניט וואַנט זענען גראַד אויף צום שרייבן.
דער הימל — דאָס בעסטע פּאַפּיר פּאַר גרויסע געשריפטן,
די ערד — פאַרן ארך־אפּים־סאָלדאַט — מיט ביקסשיסע עולן.

אַ, האַרבסטיקער ווייטיק! אַ, האַרבסטיקער, וועלטישער איכשאַפּט־קאַטאָוועס,
וואָס קנעט זיך און קלעפּט זיך מיט שטאָפּן פון אויפרייס אין שטראָפּן,
און ווערט נאָך דער לייטער צום איכטום אַלץ ניט מיט מאַרכיקן לויטער —
העי, מענטש דו, געטלעכער יחוס! טייפלשע בריאה! דו, לעצטער בן־מות...

ווען מיין גאָט איז אַ רעאַלער

כ׳וואָלט זיך מיט אים אויסגעטענהט
אויג אויף אויג מיט מיין פּנימדיק גרימאַס
אין מיין ערגסטן צאָרן און גרעסטן כעס.
איך וואָלט אים אויסגעפּליקט זיין גרויסע באָרד,
געדריגעט מיט די פיס אים ווי שאָף אַ האָרד,
איך וואָלט אים געפּאַטשט איבער די באָקן,
די ביינער אים צעלאָמעט און צעקנאָקן
ביז זיין הויט וואָלט ניט געבליבן טרוקן;
אָט אַזוי געהאַקט וואָלט איך זיין רוקן
און געהרגעט אים אין סאַמע מיט פון זיין בויך
אַז געוואָרן וואָלט פון אים אַש און רויך.
כ׳וואָלט אים צעבראָכן און צו דער ערד אַ שליידערגעטאָן
ווי אברהם די אָפּגעטלעך פאַרן געץ, דעם סטיבון.

אָבער, ס׳איז מיין גאָט ניט קיין רעאַלער;
בין איך שטיל, דולדיק, ניט קיין פּאַטאַלער;
איך שרייב אים אַ בריוועלע אַ שיינס:
אחד מי יודע? ווער ווייסט איינס?
איך שיק עס אים אָפּ אויפן ווינט, —
אויף אַלף־בית־פונק וואָס צעצינדט
אויפגעגאַנגענע וועלטן אין מיר
און איך לעש זיי מיט ווייסן פּאַפּיר.

ווערט ווייס מיין נשמה און מיין געמיט,
וואָרום וואו איך בין איז גאָט אין דערמיט.

און ווייל איך זע אים ניט צימאָלס, דעם יש,
ווי לההבדיל אַ געץ פון בראָנז צי מעש,
גאָר איך ערשט, אין גאָלע ציטערניש, טאָג און נאַכט,
צו זעען אין אלף־בית כאָטש זיינס אַן אָפּגעדאַכט.
נאָר רוח איז מיין גאָט, איבער מאַטעריע געשטיגן;
קאָן איך זיך מיט אים ניט שלאָגן, אַפילו ניט קריגן.

א י ך ־ מ י ן

(טאָפּלטער סאָנעט)

איך וועל פון דיר זיך ניט אויסדרייען —
מיינע פיס וועלן שרפען ביז אַש.
איך, אַ קערנדל צום פארזייען,
פאַר דער אייביקייטס־מויל — אַ נאַש.

ניט חיה באַזונדער, ניט מענטש — באַדאַכט;
אַ בליץ — חיה און מענטש — צווייאיק־איין
פירט צו פלאַמיקייט געדאַנק — העלפאַנט־ביין.
״געדאַנק״ וואָס נאָר איך־מין דינט מיט מאַכט.

פליס איך אינעם איך־מין און גענען
צום קאָסמישן שטראָם מיט פלאַם־ראַזמאַך,
און ווער אייביק איבעראַל געזען —
אַן איינציק פלאַמיקער אַלמאַנאַך.

איצט ענטפער, דו, איכטום, דעם איך־מין;
וואו פליסט פלאַמיקער איך־טייך, וואוהין?

אַלע שטראָמען אייביק צום אַהין;
פונעם אַלף, העט אַרויף, צום שין.

און ווייטער נאָך, ביז צום סאַמע תו;
און ווייטער, ווייטער, ווייטער — נאָר ניט צוריק.
ווי, צו אונדז, ס׳איז גאָר די גרעסטע שטראָף
שטראָמען בלויז מעשה־נוראדיק.

אוצרות גינגאָלד ווי פון אַ מינע
קען איכשאַפט פון זיך אַרויסגראָבן
דאָס יחוסדיק מעטאַל — גאָטס גאבן.
לאָזט אונדז ניט, אינזיך, גאָר־די־שנאה.

איז עס אָנפאַנג פון זיך? צי סוף — מיר?
די בוקשאַפט מיט זיך צום אָפּגאָט־גאָט?
צי וואָר, איך בין אין בלויזן פאַרוויר,
שונא צו זעלבסט אין גאַלע געשפּאָט?

ליד, גאָט, ליד

הייל מיך פון מיין לידקראַנקשאַפט נאָך ליד מיט ליד
גיב מיר ניט די גאָב וואָס איך האָב אַליין
מיט אייגן שווייס און פראַצע דערוואָרבן.
איך בין ניט הונגעריק; כ'בין אַפילו זאַט געגנוי;
כ'בין ניט דורשטיק און האָב גענוג קליידער;
(כ'וואוין מיט עלעקטריש ליכט, מיט דאַמפבאַהייצונג)
טאָ וואָסזשע פאַרט הונגערט און דורשט מיך אַזוי
אַז ס'איז מיר קאַלט און פינצטער כסדר?
אין שפּעטזייגערדיקע שעהען פון סליחותדיקע פאַרטאָגן
לעכץ איך און הונגער און דורשט נאָך דער פאַרזיכערטער
זיכערקייט וואָס וויל פאַר מיר ניט זיין גאַנצזיכער
און גיט מיר ניט קיין שום פרייהייט, אייגנפריי, זי טראָגן.

הער מיין קול, וועלט־אויער.
דערזע מיך, וועלט־אויג.
נעם מיך אַרום, וועלט־אָרעם.
רעדסט דאָך צו מיר מיטן ליכט פון די ווייטסטע שטערן;
דורך דער זון, וואַלקנס, רעגן, באַרג־און־טאָל;
אָפּענטפערן וויל איך דיר אויף מיין נידריק קול:
איך זע דיך, וועלט־אויג;
כאָטש מיין זעען איז אין וואַסער, ערד און סטויג;
אינעם ליים, שטיין, בוים און גראָז און מדבר־זאַמדן; —
זע איך דיך פאָרט, וועלט־אויג.
טאָ גיב מיר מיין ליד און די גאַנצקייט אין ליד
ווי דו גיסט דיין באַשייד מיט חכמה צום למדן.

אָ, וואָס גייט אָן אין מיר אַזאַ גרויס הונגער־געשלעגער?
ליד, גאָט, ליד — גלויבן מיינער! אומרואיקע זעל!
איך גיי אויס נאָך דיר, ליד, אויפן פלאַמיקן וואָרטגעלעגער.
טאָ ליג ניט פאַרטייעט אין מיר, פאַראַנקערט אינזיך;
בלייב ניט פאַרבאָרגן — אַ צעשראָקענער האָז אינעם קוסט.
זע, דער אומגערעדטער בויגן פאַפיר פאַלט־צו צו מיין דיך
אָפנמויליק — אַ מלחמה־קינד וואָס זוכט דער מאַמעס ברוסט.
רעגנוואַסער, אַ פראָסט העמד, קאָרנברויט מיט אַ לעק זאַלץ,
דאָס אַלץ איז גענוג ווען דו ביסט מיט מיר, ליד.
אָ, ליד, מיין ליד — מיין פולקאָם אַלעראַלץ,
גאָט, קאָנסט טון מיט מיין געביין ווי מיט איוב׳ס
נאָר טשעפּע ניט מיין שפּראַך; לאָז מיר מיין ליד — — —

דער פּאָעט — אַ פּאַסיקל ערד...

דער ווינט לויפט מבולבל איבערן אויר
מיט קילע, גרינע געדאַנקען.
ער איז מודיע דער וועלט:
דער גרויסער וועלטבאַרימטער דיכטער
איז געשטאָרבן און ליגט ווי אַ קליין פּאַסיקל;
דאָס שמאָלסטע פּאַסיקל פון דער ערד.

איך האַלט זיין ניינטן, שווערסטן באַנד,
(ס׳איז אַ גאַנג אין זעכצן בענד דע־לוקס.)
אָ, גרויסער דיכטער, וועלטבאַרימטער וועלטגייסט, —
שמאָל פּאַסיקל זייד פונעם ערדישן קיילעך,
ווי גרויס וואָלט איצט געווען דיין ליד
ווען סע זאָל דיר דערלויבט זיין אויפצושטיין
כדי נאָך איינמאָל אַ זינגטאָן צו דער וועלט?

דער ווינט יאָגט זיך איבער די בלעטער פונעם בוך
מיט דראָבנע, ברענענדיקע געדאַנקען.
און איך פאַרנעם דעם גרונטיקן זאָג פונעם ווינטלויף:
אויך איצט וואָלט ניט קלענער זיין דעם דיכטער׳ס ליד
כאָטש ער איז ניט מער ווי אַ שמאָלינק פּאַסיקל אויף דער ערד.

— יאָ — האָבן צוגעשאָקלט שטאַנדהאַפטיק די הויכע גראָזן.
— יאָ — האָבן געמורמלט די פליסיקע טייכן.

און דער ווינט האָט זיך ווידער געיאָגט איבערן אַויר
מיט קילע, גרינע געדאַנקען ;
ער איז מודיע צו דער וועלט :
דער גרויסער וועלטבאַרימטער דיכטער
איז ניט מער ווי אַ קליין, שמאָל פּאַסיקל
אויף דער אייביקבאַוועגנדיקער ערד.

דער ווינט יאָגט זיך מנחם מענדלדיק איבערן אַויר
מיטן גרויסן, גרעסטן זאַג קעגן מיר,
אַקעגן דעם פּאַרזיכטיקן לייענער, דעם זעלטענעם,
אַקעגן אַלע צוקונפטיקע שמאָלע פּאַסיקלעך —
ער רייסט דאָס ליד פון מיינע ברוינע הענט
ווי די פלאַטערדיקע בלעטער פּאַפּיר
איינגעבונדן אין פרעכטיקן באַנד.

נאָר די דראָבנע, אָטעמדיקע אותיות
אָטעמען אַן אָטעם : טאַקע ? דו זיידן פּאַסיקל ערד,
ווי גרויס וואָלט געווען איצט דיין ליד, באַשעפער,
ווען סע זאָל דיר דערלויבט זיין אויפצושטיין
כדי נאָך איינמאָל אַ זינגצוטאָן אויף אונדז
צו דער פילבאַוועגלעכער וועלט ? אָ, באַשעפער !

די דראָבנע אָטעמדיקע אותיות אָטעמען אַן אָטעם :
אָ, טאַקע ; באַשעפער, דו זיידן פּאַסיקל ערד,
אָ, אונדזער אייניציקער באַשעפער — — —

אַ חלום פול מיט אידן

ס'האָט זיך מיר גע'חלומ'ט
פראָסטע אידן מיט בערד,
פאות און בעקעשעס —
געשלעפּט ביז דער ערד.

אַלע האָבן מיסטיש און לויטער
ווי שטאָלצע צדיקים אויסגעקוקט ;

נאָר די אומרואיקע בלייכע פינגער
האָבן אין בלעטער געזוכט און געצוקט.

איינער האָט פון אַ טעגלעכער בלאַט
געלייענט, געשאָקלט זיין קאָפּ צום טראָפּ:
משיח מוז קומען, ס'איז שוין ערב קץ,
די וועלט קייקלט זיך אין חושך אַראָפּ.

ס'איז מיר אי פריילעך אי טרויעריק געווען
דער חלום אין מיין הארץ, אין מיין מאַרך.
אַנרירן געלעכצט האָט מיין האַנט, א פּאה —
נאָר געשטאַנען ווי פאַר אַ קונסטיקער זאַך.

ווי, וואָס פאַר אַ אידישער פּאָעט בין איך
וואָס זעט זיין פאָלק בלויז אין חלום ווי אידן,
און ניט אין ליכט פון טאָג ווען דער איד בייט אום
זיין געשטאַלט און ווערט פאַרענדערט, פאַרשידן.

איך שטאַרב יעדן טאָג...

איך שטאַרב יעדן טאָג
און ווער געבוירן יעדע שעה.
קיין שום חיה ווייסט ניט
וויפיל מאָל זי ווערט געבוירן
און וויפיל מאָל זי שטאַרבט אַליין —
דורכן לעבן וואָס קומט מיט מויל און ציין.
בלויז איך, דער מענטש —
דער נאַשער פונעם עץ הדעת,
ווייס פון מיין אָפטן אַלייניקן טויט
פון מיין שטאַרבן דוקא מיטן לעבן
פילע טויטן פון לעבנס פאַרנאַס.

איך בענק נאָכן אַמאָליקן זיך,
נאָכן פאַראַיאָריקן איך,
נאָכן פריערדיקן מיך,
נאָכן נעכטיקן אויסזען מיינעם;

צי גאָר אין אָוונט־צו —
נאָכן פרימאָרגנדיקן שאָטן מײַנעם.
איך שטאַרב יעדן טאָג,
אַ סך מאָל אין טאָג;
אין פילמאָליקע טויטן און פאַרלאַנגען.
איך פאַרשווינד פון זיך יעדע שעה —
אַ ווינט, אַט געווען און שוין ניטאָ.

בענק איך נאָך מײַן צוקונפטס איך
וואָס ווערט אויסגעחלומט מיט יעדן יאָר;
כ'בענק נאָך מײַן מאָרגנדיקן זיך
וואָס ווערט געבוירן מיט יעדן טאָג;
נאָך מײַן שפּעטערדיק דערוואַרטעטן מיך
וואָס ווערט באַנײַט יעדע שעה.
איך בענק נאָך אַ שטענדיקער אייגנקייט
וואָס קען ניט ווערן אָפּגעפרעמדט
און אָפּגעטיילט אין זיך־מיך־איך
וואָס שטייען שטראָפיק און טראָציק קעגן מיר;
וואָס נאָר איך אַמפּער זיך מיט זיי און קריטיקיר.

איינער פון ישראל

כ'האָב געקלערט אַ סך מאָל צו באַגיין זעלבסטמאָרד,
נאָר מײַן גלויבן אין עסטעטיק האָט געשריגן:
וויאַזוי צעברעכט מען אַזאַ שיינע כּלי?

אויף מײַן געלעגער בין איך וואַך
און לייען אַרויס כּל נדרידיק
פּונעם לעבן, מיט מײַנע וואַכע אויגן.

אָ, דאָס לעבן מײַנס, ס'קאָכט ווי אַ ים מיט מיר
און די כוואַליעס טרײַבן עס שוימיק פאָרויס־צוריק —
אַן אָפּגעריסן ברעט פון אַ שיף אָנגעשוואָלן מיט ים־וואַסער.
אָ, לעבן, וועלן מיר נאָך זײַן צוזאַמען אויף לאַנג?
צי וועלן מיר שווימען באַזונדער ווי וואַקלענדיקע ברעטער
און זיך חברן מיטן ים'ס זאַלץ און שוימיקן באַרג און טאָל?

האָרך, אייגן לעבן מייַנס, האָרך, איך רעד צו דיר:
וועל איך געפינען אַ רפואה מיין אייגענע זעל
צו היילן פון זיך־פאַרדאַרבענע ספקותדיקע זיכן?
מיין זעל איז קראַנק פון מיין אייגענעם „זיך"
אָבער איך בין ניט קראַנק פון מיין ליכטיקער זעל;
איך שריי נאָך אַלץ: כ׳וויל דיין שורשדיקע ליכטיקייט.

פאַרלאָז מיך ניט, אייביקייט, אָן דיר האָב איך גאָרנישט;
איך פאַל אַראָפּ אין גרובן פון מחשבות־עקדישן.
אָ, ניין, מיין זעל איז אינפיניטיוו — ירושהדיק פייער.
פון אברהמען ביז מיר איז אַלץ די זעלבע זעל;
זי וויל נאָר אויספאָלגן די האַנט פון דער אייביקייט —
דינג איך זיך פאַר איר ביז דער איינ־זכותיקייט
פונעם צדיק־הדור כדי צו רעטן זי, מיין זעל.

אין דער פינצטער זע איך דיך מיט מיינע גלאָציקע אויגן
ווי דו ליגסט נאָענט צו מיין לייב ווי אַ זויגליגב
באַ דער זייט פון דער פול־לבנהדיקער ברוסט פון מאַמע —
דער מילכוועג פון באַשאַפענע וועלטן פליסט אין איר באַרוט.

מיין שרייבפּענדל איז גרייט אין דער פינצטערינש
אויפצוכאַפּן אַ פּאָר פונקען פון דיין ליכט,
נאָר מיין האַנט וויל ניט זיין געהאָרכזאַם צום מאַרך
וואָס וויל אַ פלייצטאָן אויפן ווייסן בויגן פּאַפּיר
וואָס ליגט לעם מיין פיבערישער דיך, — אַ נאַקעט קינד
אונטער דער שווערדישער געפּאַלנקייט פון היטלער־צייט.

אָ, זעל מיינע, נעם מיך שטאַרקער אַרום;
האָרך זיך איין צו מיר, איך רעד צו דיר:
זאָלסט זיך קיינמאָל ניט אָפּטון פון מיר אָט אַזוי
ווי ס׳האָט זיך די זעל פונעם טראַגישן סערגיי יעסענין —
אָ, פאַרלאָז מיך ניט, דו אידישע אייביקייט־ליכט.

מיין עשירות

איך בין דער איד פון געדאַנק;
איך דאַרף בלויז האָבן פאַר זיך
אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר
און עס ווערט אַ ליד —

אַ טראַכטן־און־זאָגן.
טאַקע ווײַל איך בין אַ איד
וואָס שוואַנגערשאַפטיק גרויס קלאָגן
אין מײַנע בעסטע פאַרטאָגן
פון דער אײנציק־לאַנגער נאַכט.

כ׳בין דער איד פון געדאַנק —
דאָס געטראַכט, דער געדאַכט
וואָס דאַרף ווערן אין קלערן
ווי אַן ערב פּסח׳דיק קנאָספּ אויפגעמאַכט.

פּאַפּיר, דו ווײַסער פּאַפּיר,
דו ביסט אַלץ צו מיר:
ברויט, ליכט, מוזיק, און מערער נאָך —
אַן אָפּן האַרץ אויף אַ פּולער וואָך,
אַ אידיש האַרץ, א אידיש.
איך דאַנק און איך לויב
פאַר מײַן אידיש האַרץ.
ס׳איז אַלץ וואָס איך האָב,
אַלץ וואָס מײַנע אָבות האָבן געהאַט
און וואָס מײַנע קינדער האָבן.

איך בין דער איד פון געדאַנק —
אײן טראָפּן ליכט פון אַ שטערן
ווערט מײַן שכור׳דיק געטראַנק.

דער חלום איז לענגער פון דער נאַכט

דער זקן, דער אַכציקיעריקער חקרן,
קלערט פאַר זיך אין דער שטיל:
אפשר איז פאַרט אַ פּלאַן כ׳זאָל חתונה האָבן?

ביז איך וועל צוריק ווערן פייער,
ביז איך וועל צוריק ווערן גאַז,
ביז איך וועל צוריק ווערן אײן יסוד,

בין איך דערווייל נאָך מאַרך און פלייש;
בלוט און אויגן — נסיון און גזר.

ער האַלט זיך אָן מיט צוויי פינגער
אין זיין אויבערשטער טייל קלוגער באָרד
און דמיונט, אָט, שיר השירימדיק און אָט, קהלתדיק:
וואו מ׳זאָל ניט אַוועקלייגן די מידע האַנט
פאַלט זי אַוועק שווער און אומרואיק;
איצט קומען זיך דער אָנהויב און סוף צוזאַמען,
זיי באַגעגענען זיך ווען זיי דאַרפן שוין
איינער פאַרן צווייטן מאַכן די לעצטע וואָרע
און אָפּטרעטן אין גרויס איילעניש פאַרן לעולם ועד; —
קיין איין מינוט ווילן זיי זיך ניט האַלדזן...

אָבער... נאָכסאַל דעם ענין אָפּלייגן?
און ווידער — ס׳איז דען אברהם־שרה׳ס פאַר יצחק׳ס צייטן?
אַי, אָדם יסודו מעפר. ערדישער שטויב און הימלישער.
און ביז איך וועל אַמאָל צוריקווערן —
ווערנוווווועעעעננג־ווערן ערד?
ביז איך וועל נאָכאַמאָל קריקקומען
צו דער געשטאַלט בריאה־מענטש —
אַי־אַי, אַי! ס׳אַראַ פינצטער־ליכטיקער מהלך.
אָדם, אָדם! מממטצעצע... קאָסמישער שטויב.
אַ, אַ מענטש איז אַ מוקיר רבנן דאַווקע פון לעבן.
ער געפינט תירוצים: סע ציט אים די חשק־לירע אַ שפּילטאָן
צוריק צום אָנהייב, צום... שיר השירים אשר לאָדם.

ער געפינט שוין סטרונענדיקע תירוצים, דער אַלטער אָדם:
כדי זיין ספר־חיים וואָס שענער פאַרענדיקן
מוז ער דאָס וואָס גיכער טון.
ביז דער קריכנדיקער „ביז״ ווערט אויס ביז.

ער שאַרט מיט דער האַנט איבערן ספר
ווי ער וואָלט וועלן פאַרשאַרן אַ שווערן געדאַנק:
כדי די אינגלשע מחשבה וועקטרייבן אין ווילד־געוועלדער אַריין.
באַם סאַמע סוף פון מיין לעצטגעזאַנג,
מוז איך אָנהייבן צוריק פון אָנהייב —

. . . אוי, לעבן מיינס, זאָל דער חלום ניט זיין לענגער
פון דער פינצטערער אייביקייט־נאַכט...

ווען דער פּאָעט פֿאַרענדיקט אַ ליד

ער בלייבט פֿאַרמאַטערט — אַ פֿלאַטערל אין האָניק,
פּונעם וואַרטשטרייט, גראַמבייט איז ער ווי אַ שכּור מיד.
כאָטש אידייע קייעט אים שטאַרק ברוטאַל־צאָניק,
ווערט אים פֿאַרט אויפֿגעהייטערט זיין געמיט מיט ליד.

ער האָט דאָך געצאַמט די ווילנס פֿון זיך־מיך־איך,
צום געהאָרך פֿונעם בליציקן געהירנמאַרך.
זיין זעל האָט אַלצדינג טראַנספֿאָרמירט אין פֿילקייט גיך
אַז גוף צעטרייסלט איז, באַשווערט פֿון גרויסן קראַך.

ווי ווערט מען פֿאַר אַלץ־אַלעם ביז גאָר איינציק איינס,
אַז שיינען איצט זאָל אות פֿול מיט גאָלן צוזאָג:
פֿעלקעראַל זאָל וויכטיקן אין דער ספֿערע — שיינס,
און ווערן זאָל, איינער פֿאַר צווייטן, אויס אָנקלאָג.

ווייסט, ווייסט. אָ, איר אַלע זאָלט וויסנזיין וויסן —
דער פּאָעט האָט פֿאַרטיק דאָס ליד פֿון ריין געזאַנג
וואָס זאָל סליחהדיק גרינגען אונדזער געוויסן
און אָפּוואַשן פֿון יעדן דאָס בייזע פֿאַרלאַנג.

אָ, ווי דער פּאָעט וואָלט אין מיטן גאַס אַצינד
געקייקלט זיך ליב אונטער יעדנס פֿוס און טראָט,
יעדן הונט וואָלט ער געהאַלדזט, געקושט ווי אַ קינד
און אויסגעפֿאָלגט, אין פֿול, די שווערסטע צען געבאָט.

עפּעס אַ טאַט פֿילט דער פּאָעט צוטאָן
ווען נאָר ער שרייבט, פֿאַרפֿול, זיין לידשאַפֿט אָן.

מאַסקאַראַד־באַל

מענטשן האָבן זיך פֿאַרשטעלט די פּנימער
מיט קאָלירטע פֿלאַסטערן אַרום די אויגן
און שרייען: אָ, לעבן, גיב אונדז פֿרייד!

זיי יאָגן זיך אין אַ קאַראַהאָד,
אַ פֿאַרביק־שווינדלדיקע ראָד;

אַלע גלידער שרייען: פרייד! פרייד!
שטעל זיך ניט אָפּ! פרייד! פרייד!
שעפּ זיך ניט אויס, דו, זיס־רוישיקער גאָס;
פליִיץ, דו יאָגנדיק יוקלידישע מאָס.
קוים שטעלסטו זיך אָפּ אין מיטן קאָן,
כוואַליעדיקע ראָד — געצנדיק־דזשאזיקער נס,
וועלן מענטשן הענגען בלייבן אויפן ווילן און געדאַנק
און טרויער מיט זיין יאושדיקן צאָן
וועט ווי אַ וואָלף צווישן שעפעלעך זיך זעטיקן מיט פּרעס.

טאָ שאָקל זיך — פרייד.
טרייסל זיך — פרייד.
וואַרף זיך — פרייד.

נויג זיך, בויג זיך;
ציטער, בוק זיך, —
צעקייקל זיך — פרייד.
צעפייקל זיך — פרייד.

צעדריי זיך גיך קאַראַהאָד,
פלאַטערט שנעל־שווינדלדיקע לאַסקעס,
עס שרייען מענטשישע גלידער:
שטעל זיך ניט אָפּ פריידיקע ראָד!
נעמט ניט אַראָפּ אייערע מאַסקעס!

אין דער סאַמע מיט — דער טויט

אַז דער טויט וואָס שנעלט אַלעמען אין נאָז
סיי מע איז שטיל און סיי מע רעדט,
(אַזוי גיך ווי גאָט פארלאָזט מיך)
כאַפּט זיך אויף אַ ווייל אַריין צו מיר,
קריכט ער שנעל אונטערן צודעק פון בעט
ווי אַן אמתער האַרעפּאַשניק שווער און מיד.
כ׳גיב תיכף אַ גיכן שפּרונג אראָפּ — אַ פּאַסיקל קרייד,
און זעץ זיך פליַיסיק שרייבן א ליד;
איך מאַך זיך תם צי סתם ניט וויסנדיק גאָר
אַז איינער פון צווייטן איז נישט ווייט. —

די מחיצה — אַ זילבערנע האָר.
ער גיט מיר באַם אַקסל דעם אמת־שטאָכיקן ריר
און שושקעט פּראַנטיש אין אויער צו מיר:

. . . רב איד, ס׳איז בפירוש וואָר,
כ׳מיין, חבר מאַטעסל, צדיקל־וועגעטאַר,
זע אָקאָרשט ווער עס שטייט לעם דיר
איידל פאַרנויגט צוליב דיין כבוד וועגן,
מסתם טאָקע פונקט אין דער ריכטיקער צייט...

כ׳גיב האַסטיק מיין קאָפּ אַ דריי הין און קריק,
און דערזע זיך ליפּ צו ליפּ מיט אַלעמענס האָר,
איך צילעווע מיין פּען מיט איר גאַנצער שאַרף
וואָס איז פול מיט זאָט ווי אַ צעפליסטערטע האַרף
און גורט זיך אָן מיט אַ פאַרמעסט אויפן טויט.
ני, אָ, מפסיק! אָט זע, בפירוש, אָט, אָט:
איך שרייב אַ ליד אויס מורא פאַר גאָט.

עס ווערט דער אכזורותדיקער טויט הכנעהדיק שטיל
פון מיינע טרעפלעכע פּאָעטישע שורות געגלעט
אַזש איך קריג ווייכהאַרציקייט אויף אים: נו, אָט, עט...
נאָר אויסדרייען מיין קאָפּ צו אים וואָג איך ניט.
איך פיר בלויז דורך אַ דועט, רק ווייך גערעדט:
טאָ, וואָסזשע ווילסטו איצט אין סאַמע מיט פון ליד?
אַ ליד, — אַן איינציק־אמתער לעבנס פאָרטרעט.
דעריבער שטייט ער שוין במחילה פול מיט דרך ארץ —
אויב ניט פאַר מיר דעם וועגעטאַר און דעם איד,
איז אַוואַדע און אַוואדע — פארן ציטערדיקן פּאָעט...

* *
*

דער בטלן — דוד בעקער

ב. גראָבאַרד

יידישע מלחמה ליטעראַטור

„גרויסע געשעענישן און פּאַסירונגען וואַרפן זייערע שאָטנס אַרום זיך". דאָס באַקאַנטע ענגלישע פֿאָלקס ווערטל דריקט אויס אַ פֿילאָזאָפֿיע, אָדער אַ טעאָריע וועגן דער שייכות צווישן לעבן און ליטעראַטור. דאָס פֿאָלק זוכט אַלע מאָל אַ באַשטעטיקונג אין דער ליטעראַטור פֿאַר דעם וואָס ער האַלט פֿאַר רעאַל און וויכטיק. כאָטש אָפּטמאָל ווען עס פּאַסירט עפּעס וואָס דער עולם האַלט פֿאַר אויסערגעוויינטלעך זאָגט ער — „דאָס איז נאָר צום באַשרייבן" וואָס עס מיינט, אַז די שאָטנס שטייען ניט מיט אַ דראָענדיקן פֿינגער — באַשרייב מיך, פֿונדעסטוועגן האַלט זיך דאָס פֿאָלק ביי דער טעאָריע, אַז די ליטעראַטור דאַרף דינען דעם היינט, דעם איצט. די ליטעראַטור איז אַ מין רעפּאָרמירטער אַרמילוס, וואָס האַלט בלויז דעם היינט פֿאַר וויכטיק און באַשרייבאַר. דאָס פֿאָלק גלייבט, אַז די ליטעראַטור איז דער שאָטן פֿון לעבן. און דעריבער וועט זי זיין אין דירעקטע פּראָפּאָרציע צו דער רעאַלער, קאָנקרעטער געשעעניש. אין אַ ברייטערן זין דריקט דאָס פֿאָלק אויס דעם געדאַנק, און פּרימיטיווע קריטיקער האַלטן זייער פֿינגער ביים פֿאָלקס פּולס, אַז די ליטעראַטור האָט נישט קיין אייגן לעבן, קיין אייגענע קוואַלן, שעפּט נישט פֿון אינערלעכע איבערלעבונגען, נאָר זי איז אַ געטרייע דינערן פֿון דרויסנדיקע דערשיינונגען. זי וועט געטריי דינען דער זון פֿון וועלכער זי איז אַ שאָטן. וועט דונערן און בליצן וועט די ליטעראַטור דאַרפֿן אויף אַ שיינעם, דעקאָראַטיוון אופֿן איבערגעבן די קלאַנגען און די באַלייכטונג פֿונם געוויטער, וועלן באָמבעס און קאַנאָנען אויפֿרייסן הימען, פֿאַרניכטן מענטשלעכע לעבנס, וועט די ליטעראַטור דאַרפֿן איבערגעבן דעם קראַך פֿון די באָמבעס און די לעצטע מענטשלעכע געשרייען.

ווידער איז אַרום רואיק און שטיל, מעג עס זיין אין קאַטאַקאָמבעס, אין פּוקסנאָרעס אָדער אין קאָנצענטראַציע לאַגערן וועט די ליטעראַטור, אויב זי וויל דינען דעם פֿאָלק דאַרפֿן ליריש קרעכצן און צאַרט זיפֿצן כדי ריכטיק איבערצוגעבן דעם געמיטס צושטאַנד, וואָס אַזאַ אידיליש בילד דאַרף אַרויסרופֿן. לאָגיש געזעץ קאָנטראָלירט דעם קינסטלערס רעאַקציעס צו דערשיינונגען. דערפֿאַר באַטראַכט דאָס פֿאָלק דעם גרויסן קינסטלער

געהטע פאר אן אויסטערלישן מענטשן, ווייל ער האָט געקאָנט רואיק שרייבן בשעת די נאַפּאָלעאָנישע חילות האָבן אַרומגערינגלט זיין שטאָט. אָדער דער פראַנצויז קאנדארסיי, וואָס האָט אין א הויז וואו ער האָט זיך אויסבאהאלטן פאר דער שטראָף פון דער גילאָטינע, ווען ער איז פון דער רעוואָלוציע געשטעלט געוואָרן מחוץ געזעץ, האָט ער געשריבן וועגן אַי־נערלעכער מנשלעכערר גוטסקייט און באַרעכטיקט דעם גאַנג פון דער רע־וואָלוציע.

וואָס וואָלט דער זעלבער עולם, וואָס האָלט אַז די ליטעראַטור איז אַ שאָטן פון רעאַלן לעבן, געזאָגט וועגן יידישע קינדער אין דער וואַרשע־ווער געטאָ אין יאָר ניינצן הונדערט צוויי און פערציק, וואָס האָבן געשריבן לידער און עסייען וועגן דער אינערלעכער, נאַטירלעכער מענטשלעכער גוטסקייט. ער וואָלט זיי באטראכט פאר משוגעים, אָדער באַשעפענישן אַן אַ רוקן ביין.

איז אָבער דאָס פאָלק גערעכט? מוזן טאַקע קאַטאַסטראָפעס געשאַפן פון דער נאַטור, אָדער פון מענטשן געפינען אַ פּאַראַלעלע אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור. און ווי אַזוי וועלן די דערשיינונגען ווייזן צי זיי שפּיגלען אָפּ אַ נאַטור דערשיינונג, א פּייזאַזש, אָדער זיי שפּיגלען גאָר אָפּ „פּאָ־טיאָמקינס דערפער". ווען פּאָטיאָמקין האָט געוואָלט ווייזן דער רוסישער צאַרינע, ווי אַזוי ער האָט אויפגעלעבט רוסלאַנד, און ווי אַלץ בליט, האָט ער געלאָזט אויסמאָלן אויף לייוונט פּראַכטפולע הייזער, גראַזיקע פעלדער, פעטע קי, שעפסן, ציגן און פערד. שפּעטער האָט ער די צאַרינע גענומען פאר א רייזע לענג אויס דער וואָלגאַ, וואו די לייוונטן זיינען געווען אויס־געשטעלט און איר געוויזן די בליענדע, זאַטע פּרוכטבאַרע דערפער. עס זיינען דאָך דאָ פיל דערשיינונגען, וואָס זיינען בלויז פּאָטיאָמקינס דערפער. און עס זיינען דאָ פיל פּאַסירונגען, וואו די שאָטנס זיינען גרעסער פון דער ליכט, וואָס גיט זיי געבורט, און פאַרקערט זיינען דאָ געגנט ביישפּילן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וואו אויפטרייסלענדיקע געשעענישן האָבן אינגאַנצן קיין שאָטנס נישט געלאָזן.

דאַנטען האָט א גאַנץ לעבן באגלייט די געשטאַלט פון בעאַטריצע און מיט געהיימע פעדים געהאָלפן שפּינען זיינע מייסטערווערק. כאָטש זי האָט א קליינעם שאָטן געלאָזן אלס רעאלע פּאַסירונג. אלעקסאַנדער דעם גרויסנס געוויין, וואָס פון אַזוי פיל וועלטן האָט ער בלויז די ערד באזיגט, האָט אויך קיין שאָטנס נישט איבערגעלאָזן. די אינערלעכע שטימע, וואָס האָט געטריבן ירמיהון צו שטראָפן, וואַרענען און מוסר זאָגן, האָט געלאָזן א גרעסערן שאָטן ווי יהושפטס אויסגעשטראכענע אויגן. עס איז ווייזט אויס שווער צו באשטימען אָפּטמאָל, וועלכע איז אַ גרויסע געשעעניש און וואָס איז דער שאָטן אירער. מלחמה איז זיכער א קאַטאַסטראָפאַלע געשעעניש, און נישט אַלע מאָל וועט זי פאַרשפּרייטן גרויסע שאָטנס ארום זיך. ספּע־ציעל וועט דאָס זיין אמת בנוגע דעם ליטעראַרישן אָפּרוף אָף מלחמה אין דער יידישער ליטעראַטור. פון 1914 ביז היינט זיינען פאָרגעקומען ריזיקע

ענדערונגען אין דעם לעבן און שאפן אף אלע געביטן אין דעם לעבן פון דער וועלט און ממילא אין יידישן לעבן, און דאָך, כאָטש די איז אפשר געווען די שעפּערישסטע עפּאָכע אין דער יידישער ליטעראַטור, איז זי אָבער דירעקט מיט די דערשיינונגען נישט פארבונדן. נישט די מלחמה פון ניינצן פערצן אכצן, נישט די רוסישע רעוואָלוציע, נישט היטלערס אויסראָטונג פון יידן, נישט די שפּאַנישע ציווילע מלחמה, נישט די איצ־טיקע מלחמה האָבן אַרויסגעבראכט מאָנומענטאַלע ווערק אין דעם גע־ווינטלעכן זין. עס זיינען געשאַפן געוואָרן ווערק קלענערע און גרעסערע, וואָס זיינען באאיינפלוסט געוואָרן פון די איבערקערענישן, אָבער נישט דירעקט אַרויסגערופן געוואָרן. אַלערליי משיח שאפונגען ווי דער גולם, "די גאולה קאָמעדיע", שלמה מלכו", ווערק ווי "דער גייער", "אין פּוילישע וועלדער", „ביים דניעפּער", פּינסקיס, הירשביינס, סעקלערס און אהרן צייטלינס דראַמען, צו דערמאָנען בלויז אַ טייל פון די וויכטיקע ווערק פון דער צייט זיינען נישט דירעקטע שאַטנס פון די שטורעם און דראַנג יאָרן. זיי קריגן אפשר אַן אנדערע באַלייכטונג און רעטראָספּעקט אין שייכות מיט די דרויסנדיקע פּאסירונגען. אָבער די ווערק זיינען נישט די שאָטנס פון די גרויסע פּאסירונגען.

„איך וואָלט געוואָלט שרייבן אַ בוך וועגן דעם לעבן פון געמיט און פון דער פאַנטאַזיע" שרייבט שורוואוד אנדערסאָן אין זיינע מעמוּאַרן. „פאַקטן גליטשן זיך אַרויס פון אונטער מיינע הענט. איך קאָן נישט גע־דענקען קיין דאַטומס. ווען איך באַהאַנדל פאַקטן הייב איך אָן ליגן צו זאָגן. איך קאָן זיך ניט העלפן". אַנדערסאָנס דיקטום וועגן זיך קאָן מיט ווייניק אויסנאַמען אָנגעווענדט ווערן צו יידישע שרייבער וועגן דער מלחמה. אין אונדזער ליטעראַטור איז כמעט ניטאָ קיין פאַקטישע באשריי־בונגען פון דער מלחמה. אַ חוץ אַ פּאָר מעמואַרן שרייבער. מיר האָבן באַ־שרייבונגען פון חורבן, אויסדריקן פון צער און פּיין. העראָאישע גרייטקייט צו ליידן, קידוש השם, גלויבן אין נצח ישראל, און תפילות, ביטחון און ליידן, כדי צו קאָנען שרייבן קינסטלעריש און נישט פאַרלירן זיך אין פאַקטן פון אַ געוואונענער שלאַכט, אָדער אַ געלונגענע מאנעוורע וועט דער קינסטלער דאַרפן האָבן דעם היסטאָרישן חוש, ער וועט דאַרפן האָבן די אייביקייט. ער וועט דאַרפן אָטעמען אין דעם היסטאָרישן קלימאַט אפילו ווען ער וועט שרייבן וועגן באַלדיקע, אַרומיקע דערשיינונגען. ער וועט שרייבן מיטן שטויס פון דורות אין זיין וועזן. די פאַנטאַזיע פון די מערסטע מענטשן גייט נישט צוריק אין געשיכטע מער ווי דער שפּאַן פון זייערע פערזענלעכע לעבנס. דענקען צוריק אַ הונדערט יאָר איז שוין אַ גרויסע דערגרייכונג. אָבער קינסטלער, יידישע קינסטלער אויב זיי ווילן זען די געגנוואַרט אין דער ריכטיקער פּערספּעקטיווע, אויב זיי ווילן נאָכפאָלגן דעם ראָמאַנס פון דער ציוויליזאַציע, דאַרפן זיי קאָנען וויזואַליזירן די גאַנצע קאַריערע פון דעם מענטשן דורך די וויסטעס פון דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע. יעדע דערשיינונג איז אַ סוף און אַן אָנהייב. פאַקטן

זיינען ניט גענוג. שכל אַליין איז ניט גענוג. ווען מען באטראכט די דערשיינונגען פון היינט אזוי גוט ווי פון אמאָל, ווערט מען אויפגעטרייסלט. יאוש כאפּט זיך אריין אין די טיפסטע שפּאַלטן פון אונדזער געמיט. מען ווערט אפּהענדיק. מען פילט, אַז מען קאָן דאָס קינסטלעריש נישט באנעמען. מען דארף דעריבער א סך קינסטלערישע ענערגיע פארשווענדן, כדי אריינצוברענגען אָרדנונג, סדר און פּלאַן אין דעם כאַאָס און ווירוואר פון געשעענישן. און דער איינציקער כוח, וואָס קאָן ווערן מייסטער איבער דעם נאטירלעכן, פּאַקטישן צושטאנד איז די קינסטלערישע פאנטאזיע. אָן שאָטנס.

אָבער ווי אונזער מלחמה ליטעראטור ווייזט אונז איז די קינסטלערישע פּאַנטאַזיע טיילווייז דערשטיקט געוואָרן פון דער שרעקלעכקייט און גרויסקייט פון דער איצטיקער בלוט באָד. דאַנטעס געטלעכע קאָמעדיע קומט אמנענסטן צו דעם שרעקלעכן גיהנום, וואָס די וועלט שטעלט מיט זיך היינט פאָר. עס קאָן זיין אַז אויב מיר ווילן אנטוויקלען דעם מאָטיוו ווייטער, דאַרף מען אָנהייבן וואו די געטלעכע קאָמעדיע האָט געענדיקט. כאָטש פּאַר אונדז, וואָס האָבן איבערגעלעבט די קרייץ צוגן, גזירות תח ותט, און פּאָגראָמען און די איצטיקע היטלער אויסראָטונגען וועט עס זיין אוממעגלעך. מיר דאַרפן איבערשאַצן און באטראכטן די גאנצע פּאַרגאַנגענהייט, וואָס איז וואָס איז געווען דאַנטעס צוקונפט. אפשר נאָך דער מלחמה, וועלן שרייבער אריינוועבן אין זייערע ווערק, ניט נאָר אייגענע איבערלעבונגען, זייערע פריינטס, זייערע שונאימס, היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, נאָר אויך פיל לעגענדעס, ביבלישע פיגורן, און כאַראַקטערס פון אַלערליי נאָוועלן וואָס מיר האָבן געלייענט. אונדזער גאַנץ גייסטיק פּאַרמעגן, וויזיעס פון ווייטע היסטאָרישע פיגורן וואָס דאַרפן נאָך אַמאָל געשאַפן און איבערגעשאַפן ווערן וועלן דאן פאר אונדז לעבעדיק און רעאַל ווערן, וועלן נעמען אלס בוימאטעריאל די אידייען און וויכטיקע אידעאַלן פון דער היינטיקער צייט, אַלע אונדזערע שטילע ווייטיקן און פּיינען, און מיט זיי בויען וועלטן, וועלכע וועלן אַלץ פאַרטונקלען. און שליסלעך די ליבע, וואָס וועט ענדלעך אָנפילן די הערצער פון מענטשן אין זייערע אונטערנעמונגען, און די קינסטלער וואָס וועלן דאָס איבערגעבן דורך וואָרט, ליים און פּאַרב וועלן אויסנוצן אונדזער גאַנצן אונטערדריקטן קינסטלערישן כח. מען וועט דאַרפן האָבן דאַנטעס וויזיע, יהודה הלויס פּאַטאָס. אפשר ניט זייער געניאַלע גרויסקייט אָדער זייער גראַנדיעזן פּאָעטישן כח. אָבער די הויפּט מאָטיוון פון דער איצטיקער שטילקייט וועלן באַצווינגען זייער שעפערישן כוח. זיי וועלן אויך לויטן כאַראַקטער פון דער נאָך שטורעם צייט ווערן פּאַרצערט פון ליבע פּאַרוואונדעט פון פּאַליטיק, און איזאָלירט דורך וויסן. דער קינסטלער וועט זיך אויך נייטיקן אין אַ געוויסן רעליגיעזן געפיל, וואָס זאָל אים העלפן אַלץ קלאָר מאַכן. אַנדערש וועט ער נישט קאָנען שרייבן מיט דער אויטאָריטעט פון א דאַנטע, א יהודה הלוי, א געהטע, אַ ביאַליק אָדער טשערניכאָווסקי.

וואָס דאַרף און וואָס קאָן דער שרייבער טאָן אין דער איצטיקער מלחמה? וואָס איז דעם פּאָעטס און קינסטלערס אויפגאַבע? די פראַגן זיינען פיל מאָל געפרעגט געוואָרן און זייער לייכט פאַרענטפערט געוואָרן. אַמאָל האָט מען לייכט געקאָנט שרייבן וועגן מלחמה. כאָטש ביי אונדז איז נישטאָ די מלחמה באשרייבונגען ווי ביי די גריכן אָדער די עפּישע מלחמה באַשרייבונגען ביי אַלע אייראָפּעאישע פעלקער. ביי אונדז איז קלאַסיש גאָטס וואָרט „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה", מען קאָן נישט און מען טאָר נישט באַזינגען קיין פרניכטאונגען, קיין חורבנות. באַשרייבונגען פון שלאַכטן זיינען אין אונדזער ליטעראטור כמעט נישטאָ. ביי אונדז באַשרייבט מען נישט די שענקייט פון פלאַמען וואָס רייסן זיך אין הימל אַריין. ביי אונדז הערט מען די קולות פון ברענענדיקע מענטשן. ביי אונדז זיינען נישטאָ קיין עפּישע באשרייבונגען פון מלחמה.

אין דער איצטיקער צייט, ווען די גרויס פון מענטשלעכע צרות און פיין געפינט נישט קיין אימאַזשן, מעג דער פּאָעט און קינסטלער זיכער זיין שטיל. ער קאָן באמת נישט ארויסברענגען קיין אדעקוואטע בילדער, וועלכע זאָלן סוגעסטירן די קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אונדז פארכאפּט. און וואָס מער אינטים דער קינסטלער איז פאַרבונדן מיט די פּראָבלעמען סיי פון יחיד, סיי פון מאַסן וואָס מיר מוזן לייזן אָדער אונטערגיין, אַלץ מער וועט ער שטאַמלען, אָדער שטום ווערן. און דאָך וויל ער און מוז רעדן. ער וויל איבערגעבן זיינע פּערזענלעכע מעמואַרן, זיין שרעק, זיין האָפנונג. ער זוכט די זוימען פון דער נייער וועלט און ביי לעבן וואָס וועט דאַרפן געבוירן ווערן אין דעם פיין און ליידן פון דער יוגנט, וואָס שטאַרבט אויף די שלאַכט פעלדער, פון די גסיסה ווייען פון זקנים און קינדער. יידישע קינסטלער האָבן אַף אַ שטילן, אומדירעקטן אופן געגעבן בילדער, אימאַזשן, וויזיעס, מעמואַרן פון חרובע שטעט, לעבנס שטייגערס, פערזאָנען און יאָרן דורכגעלעבטע. אַ גרויסע צאָל יידישע שריפטשטעלער האָבן מיט פיינלעכע געפילן, אָדער מיט איינגעהאַלטענער פילאָזאָפישער רואיקייט געמאָלן חורבן פוילן, אָדער דעם אומרו און אומזיכערקייט פונם מאָרגן. אַש און פּינסקי, אפּאטאשו און זינגער, לייוויק און לעיעלעס, אַלמי און אויערבאך, סעגאַלאָוויטש און טרונק, צייטלין און סיגאל, מאַטעס דייטש און וויינפּער, איינהאָרן און סול, לאַפּין און טשאַרני, און פיל פיל אַנדערע האָבן אף איין וועג אָדער אף אן אנדערן געמאָלן בילדער, געשאַפן אימאַזשן און קינסטלעריש געשאַפן היינטיקע מלחמה ווערק. מען וועט אין זייערע שאַפונגען פון די לעצטע יאָרן געפינען דעם גייסט פון מענטשלעכער ברידערלעכקייט, דעם גייסט און גלויבן פונם קינד, דעם גייסט פון היים ווי און נאסטאלגיע פאר אן אנדערע צייט און אן אידעאל לעבן. מען וועט געפינען נייע נביאישע וויזיעס, חלומות. אין מלחמה יאָרן איז דאָ אַ העכערע וואַכזאַמקייט, א טיפערער באוואוסטזיין וועגן דער קורצקייט פון לעבן, און אַ הונגער פאַר ווערטן, וואָס קאָנען נישט אָפּגעווישט ווערן פון קיין קוילן אָדער באָמבעס. יעדער אידישער פּאָעט אָדער נאָוועליסט שרייבט מיט צער

וועגן אויסגעלאָשענע לעבנס. מיט ווייטיק און פּיין וועגן די צעשטערטע שטעטלעך און חרובע שולן, בתי מדרשים און יידישן לעבנס־שטייגער. געלע לאַטעס, געטעס, דער סווישטש פון בייטשן, און דער יידישער כוח צו ליידן, דאָס פילט אַן דאָס געמיט פון יידישן דיכטער און שטעלט צונויף זיין גאַמע פון מאָטיוון. יידישע קינסטלער פּאָעטן אָדער דערציילער דערהויבן די מלחמה צו אַ העכערן פלאַץ. זיי שרייבן וועגן דער שטענדיקער מלחמה, וואָס גייט שוין אָן אין דער וועלט פאַר טויזנט יאָרן, פאַר דעם רעכט פונם מענטשן צו לעבן אַ גליקלעך לעבן. עס איז די אייביקע מלחמה אינם מענטשלעכן האַרץ צווישן גוט און שלעכט. די מלחמה האָט געטריבן יידישע שרייבער אפסניי איבערשאַצן ווערטן פון מענטשלעכן גייסט, פילן טיפער, קלעטערן העכער און געפינען אַ פּאַסיקן רו פּלאַץ פאַרן מענטשלעכן גייסט.

אין אַלע ווערק, וואו די מלחמה פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט, טוליען זיך אָבער צו די מלחמה בילדער אינצידענטן פון העלדישקייט, פון ליידן, אויסדויער, ליבע און קידוש השם. עס זיינען אויך דאָ וואונדער פון שטילע מאָמענטן. די עקשנות און דער ווילן צו לעבן אין קעלערן, אין וועלדער און אין געטאָס. איבער אַלעם הערט זיך דער שטילער טאָן פון האָפנונג און ביטחון, צער און ביטחון, בענקשאַפט, מעמוארן און שטילע, פּאַסיקע העלדישקייט, נוסח ר׳ שלמה אין דער גאָלדענער קייט. נאַטירלעך האָט די פּראָזע וויניק מעגלעכקייטן געהאַט אַרומצונעמען די איצטיקע גרויל עפּאָכע און איר געבן געשטאַלטונג. אין דער דיכטונג אָבער זיינען שוין דאָ עטלעכע אומפאַרגעסלעכע בילדער און אימאַזשן, תפילות און קינות. די פּאָעזיע בייטיקט זיך נישט אין קאָנקרעטע, רעאַלע אינצידענטן, וועלכע מוזן זיין געטריי אַ געוויסן צייט אָפּשניט. די פּאָעזיע קאָן אויפכאַפּן די אַקאָרדן פון עלעגיעס פון די גזירות תח ותט, פון פּאָגראָמען אין 19טן און 20טן יאָרהונדערט. די דיכטונג קאָן זיך אויסלעבן אין צייט, און דאַרף נישט ווי די פּראָזע רוים און באַגרעניצטן שטח.

די אַיינדרוקספולסטע לידער פון דער איצטיקער צייט האָט געשריבן ז. סעגאַלאָוויטש. זיין רעדן צום געמיט מיט דער פּשטות און פינאַליטעט פון אַן אונטערגייענדיקער זון.

„עס האָט יעדער מענטש אין זיין לעבן
איין לאַנדשאַפט וואָס בלייבט אין נשמה,
נאָר אָט האָט אַ דונער געגעבן,
עס האָט מיך פאַריאָגט די מלחמה״.

די גאַנצע פּאָעמע „אַ בוים אין פוילן״ איז אַן עפּיש געזאַנג, אַ מין מאָדערנע מגילה. אַן עקלעקטישער נאַראַטיוו מיט לירישע און אידילישע אויסגוסן. עס ליגט אין די שורות דער ווי און צער פון דורכגעלעבטע גורלדיקע מאָמענטן. דער צער פון איבערלעבונגען, וועלכע שניידן זיך איין און קאַרבירן די מענטשלעכע נשמה. די פּאָעטישע פערזן זיינען אַ מיטל צו פאַראייביקן אין אייגענעם וועזן די דורכגעלעבטע פיינפולע עפּיזאָדן. די גאַנצע יידישע געשיכטע אין פוילן פאַרקערפּערט אין מנהגים, טראַדיציעס,

אין פאָלקלאָר זיינען סינטעטיזירט אין סעגעלאָוויטשעס צוויי עפּישע באַ־לאַדעס, „דאָרטן" און „א בוים אין פוילן". די זעלבע שטימונג, דער זעלבער פארלאנג צו פאראייביקן דאָס איבערגעלעבטע אין אַ פּאָעטישן האַרץ אויס־גוס:

„מיין יידיש! מיין טייערער לשון
און ראַזשינקעס־מאַנדלען אין תוכן
און מעשות פון וויכנען און דוואָשעס
און שמ״ר איז אויך דאָ אַ צייכן
און צינזערס בדחנישע גראַמען
איך טראַכט מיר אַריין אין דער סיבה
צי גייט נישט די שפּראַך פון דער מאַמען
צוזאַמען מיט מענטש און מיט ליבע?
עס האָבן די באָבעס און זיידעס
געזאַמלט די ווערטער, די קלאַנגען
פאַר פּרצס קינסטלער יסודות
פאר לייוויק, פאַר קולבאק, פאר מאנגער
פאר שלום עליכמס הומאָרן
וואָס וועלן אונדז לאַנג איבערלעבן
אויף יידיש געלערנט גמרא
מיט יידיש געפאָרן צום רבין
און אונדזערע האַרציקע ברכות
מען זינגט אויף א שפּראַך און מען שווערט זיך
אַ שפּראַך קעגן שמד א צולהכעיס".

דער פערז גיט אייגנטלעך דעם הינטערגרונט פון די פארצייכנטע איבערלעבונגען. זיי זיינען געפאַלן ווי טוי אויף א ליידיק, גראָזלאָז פעלד. זיי האָבן זיך אמאלגאמירט מיט א האַרץ שפּראַך, מיט א דורות לאנגער קול־טור. און דערפאר זיינען די איבערלעבונגען ניט קיין אוניקום נאָר היסטאָ־רישער המשך. דערפאַר שאַקירן זיי נישט. זיי זיינען א המשך פון די לי־דער אין וואוירמס, מאינץ, גירוש שפּאניע און אנדערע יידישע איבערלע־בונגען, וועלכע געפינען זיך אין אונדזערע מחזורים, אין אונדזערע תפילות און קינות. עס איז אַ יידיש אַפּאָקאַליפּטישע דערציילונג מיט פאזעס און איבעררייסן. איר קאָנט פארמאכן איינע פון די אלטע פיטנים און לייענען ווייטער סעגאלאָוויטשן. נישט מער, ביי סעגאלאָוויטשן איז דאָ אַן אידייע, א האָפנונג און פאָדערונג פאַרן מילעניום:

„די זון זאָל אונדז זיין איבער אַלעס
זאָל ערגעץ קיין ליכט ניט פארפעלן
זאָל מענטש נאָר פאַריאָגן דעם דלות

פון אלע צעשאָקלטע שוועלן
די וועלט פון די נויטן גערייניקט
באזילבערט מיט שטראַלן מיליאַרדן
די זון וועלכע וואַרימט און אייניקט
די זון איבער ווייסל און ירדן״.

די גאַנצע פּאָעמע איז אייגנטלעך אַ געזאַנג צו קאַזימיערש און אַזוי ארום צו פּוילן, צו יוגנט, צו אַ לעבנס שטייגער. דער סימבאָל פון דעם אויסגעלאָשענעם לעבן איז דער בוים:

„מיין בוים איז געווען ווי א צייכן
פון עפּעס א נאָנטער אידיליע
וואָס מענטש מוז דערגיין און דערגרייכן
אויב ניט איז ניט ווירדיק זיין תפילה
אויב זון איז פאר אלע פאראנען
טאָר ברויט ניט פאַרפעלן פאַר קיינעם,
אויב שד איז אויף מענטש אויפגעשטאַנען
מוז מענטש אים צעברעכן די ביינער״.

אין דעם גאַנצן טרויער פון חורבן איז דער יידישער וואַנדערער, דער יידישער אדיסעוס פול מיט גלויבן אינם גוטן, אינם ניצחון פונם גוטן איבערן בייזן. פון גאָט איבערן טייוול. געיאָגט פון בייטשן, באהאַלטנדיק זיך פון פּאַלנדיקע באָמבעס רוט ער זיך אָפּ פון צייט צו צייט און טוט תפילה צום גאָט פון רחמים. ניטאָ די פאַרביילטע פויסט; דאָס האַרץ פול מיט נקמה. אויך ניט קיין רעזיגנאַציע און אָפּהענטיקייט. נאָר האָפנונג און ביטחון. און אַלץ דערפאַר, ווייל פאר זיין אויג בליט דער בוים פון פּוילן. אַזאַ בוים לאָזט מען נישט איבער. מען טראָגט אים מיט אַ בליענדיקן אין האַרצן און מען פלאַנצט אים איבער אין ארץ ישראל, און דאָרט וועט ער געוואַרימט ווערן פון דער זון און גענערט ווערן פון יידישע אוראַלטע האָפנונגען.

אויב דער בוים, וועלכן ער האָט מיטגעפירט אויף זיין וואַנדער וועג אלס פּלוט האָט אים היימישער און גרינער געמאַכט דעם וועג, און דערטרעגלעך געמאַכט די פּיינלעכע איבערלעבונגען, האָט עס אויך טיילווייז געהאָלפן אַ היבש ביסל סענטימענטאַליזירן קאַזימערש און פּוילן. אין דער פּאָעמע „דאָרטן״ אָבער איז שוין דער בוים נישט אזוי היימיש. ער איז שוין בלויז אַ מעמואר. סעגאַלאָוויטש האָט שוין איינגעזאַפּט די מאַראַנצן ביימער פון ארץ ישראל. זיינע איבערלעבונגען זיינען דערפאַר איצט מער געלייטערטע, מער ריינע פּאָעזיע. ניטאָ מער דער צער פון האָבן פאַרלוירן אַ נייטיקע זאַך. די איבערלעבונגען ווערן שוין פאַרוואַנדלט אין פּורע דיכטונג:

„דאָס אַלץ אָבער האָט ניט געפאַנגען
ניט שאָפּען, ניט שאָפּענס נאָקטורן
ניט יוליוש סלאָוואַצקיס געזאַנגען
מיר זיינען פאַרביי פיל קולטורן
מיר האָבן דאָס אַלץ פאַרשטאַנען
געפילט אין די אָוונטס די בלייכע.
פאַראַן אָבער אויסער „אוי דאנא״
א ניגון אַן אלטער, אַן איכה
פאראַן זיינען פעדים געאָדערט
אין בלוט און אין פליש פון אַן אומה
דאָס לאָזט ניט אַוועקגיין. דאָס פאָדערט,
דאָס רופט, ווי א מאַמע אַ פרומע.
איז דאָס ניט געווען דער עיקר
די רייכקייט פון יענע קוואַרטאַלן
דער עיקר איז „גענשע״ און „דזשיקע״
די ענגשאַפט, די בענקשאַפט, פאַרפאַלן.
איך האָב ניט געקענט מיט מיין לעבן
די ערטער באַפּוצן באַשיינען.
איך האָב זיך געמוזט אונטערגעבן
און ליבן אזוי ווי זיי זיינען״.

אין דער פּאָעמע „דאָרטן״ באַזינגט שוין נישט סעגעלאָוויטש א גע־מיטס צושטאַנד, אַ קנויל זכרונות, נאָר א פאַרלוירענע קולטור מיט רעאַלע, קאָנקרעטע ווערטן. מאָנומענטן פון יידישן שאַפונגס גייסט. אָנשטאָט קאַזי־מערש מיט די חלבנע ליכט, רציעות און פאַרמעטן, באַשרייבט ער שוין די גרויסע שטעט, לאָדזש, וואַרשע און אַנדערע שטעט מיט זייערע אינדוסט־ריעס און אַרבעטער קאַמפן. יעדע איבערלעבונג פונם קליינעם שטעטל ווערט דאָ אינטענסיפיצירט און געגעבן אַרכיטעקטאַנישע פאָרמע. אַ גאַנץ לאַנד ווערט דאָ פאַראייביקט פאַר אַלע דורות. עס איז זיכער, אַז דאָס לעבן און די געשטאַלטן וואָס סעגאַלאָוויטש מאָלט דאָ אַף א ברייטערע קאַנווע און פון א ווייטערן פּערספּעקטיוו וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן. אַזוי אַז עס איז כמעט א מאָנומענט א הייליקער, אַן אוניווערסאַלער אויף א רייך און שעפּפעריש לעבן. און ווי אין דער פּריריקער פּאָעמע וועגט אויך דאָ סעגאַלאָוויטש אויף דער וואַגשאָל מאָראַלישע ווערטן. גוטס און שלעכטס, ליבע און שנאה, גוטסקייט און נקמה. ער באַזינגט דעם נעכטן מיט אַלע זיינע מינוטן פון וואָלקן און זון, שטורעם און רעגנבויגן. ער טוט עס מיט אַזאַ דורכגעפילטן ליריזם, אַז עס דערפרישט ווי א האַרציקע תפילה. דאָ איז דאָ ווייניקער פּאַטאָס ווי אין „ בוים אין פוילן״. דערפאַר איז דאָ דאָ מער אימאַזשן, מער סובטילע בילדער, וואָס לעבן אַן אייגן לעבן. זיי דאַרפן נישט קיין אויסגעשריי, כדי מען זאָל זיי זען אָדער הערן.

„איך בין ניט בארופן צו געבן
מיין פאָלק און מיין אָפּשטאַם קיין סמיכות
אַדן! פריער פאר אלץ איז דאָס לעבן
און לעבן אליין איז שוין יחוס.
מיר האָבן די ערשטע דעם קין
פאַרשאָלטן אויף תמיד, אויף אייביק
און זיי האָבן איצטער פון קין
געמאַכט אַ פאַרשאָלטענעם גלויבן
דער מענטש מיט נשמה און שכל
דער ערלעכער מענטש און דער גוטער,
אַ קינד און אַ קינדערשער שכל
א קינד אויף דעם שויס פון א מוטער
דאָס לעבן מיט בוים און מיט בלומען,
מיט רעגן דערפרישונג און שטראַלן,
דאָס לעבן מיט ארבעט פארנומען,
מיט נוצן פאַר זיך און פאר אַלע.
ווער האָט עס געוואַגט זיך צו שפּילן
מיט גאָט און מיט מענטש, מיט געשיכטע?
אזויפיל פארלאנגען און ווילן
ווער האָט עס געוואַגט צו פאַרניכטן?"

די אַלע פראַגן וואָס סעגאַלאָוויטש פרעגט האָבן מסתמא באגלייט די לעצטע טויט אַגאָניעס פון יידישן קעמפער אין ירושלים, מאראנען אין שפּאניע, דערמאָרדעטע אין מיינץ, רעגענסבורג, טולטשין און נעמיראָוו. די גאנצע יידישע פארגאנגנהייט ווערט ארייגעפלאָכטן אין דעם אונטערגאנג פון א ציוויליזאציע. דער חורבן פון יידישן לעבן אין פוילן איז גלייכצייטיק דער באַנקראָט פון אלערליי ליבעראלע אידייען פון 19טן יאָרהונדערט. די פאַרגאנגנהייט איז אן אקטיווער טייל פון דער קעגנוואַרט. די פארגאנגנהייט איז פאַקטיש דער איצט. ווען דאָס פּנים פון דער צוקונפט וואָלט זיך געביטן און עס וואָלט איבער טראַנספאָרמירט געוואָרן איבער אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאָפט, געחלומט אָדער זיך געשראָקן? אין דער פאָעמע גיסן זיך צוזאַמען די אַלע צייט אָפּשניטן ליט וועלכע מיר צעטיילן די וועלט געשיכטע, און זי ווערט יידיש פארלירנדיק דעם באשטימטן צייט אָפּשניט. יידן אַנערקענען נישט צייט אַלס אן עלעמענט פון פּראָגרעס. דער 20טער יאָרהונדערט איז נישט בעסער אָדער פּראָגרעסיווער פון12טן. מענטשן ווערן נישט בעסער מיט צייט. זיי ווערן בלויז בעסער ווען זיי האָבן גאָט אין האַרצן.

אין ביידע פּאָעמען מאָלט סעגאַלאָוויטש א גאנץ לעבן. דער יידישער שיקזאַל אין פוילן איז פארבונדן מיטן גורל פון פוילן, מיט דער לאַנדשאַפט, מיט די טייכן און שטעט. דאָס יידישע לעבן איז אינטעגרירט מיט דעם

גאַנצן שאַפן פון פוילן. עס איז נישט קיין אבסטראַקטע אידייע פון יושר אָדער גערעכטיקייט וואָס גיט סעגאלאָוויטשן אינספּיראַציע, נאָר עפּעס ווי אַן אַרויסוואוקס פון אן אינערלעכן פּראָצעס פון דערגאנצן זיין אייגן לעבן. עס איז אן ארויסוואוקס פון אן אינערלעך טיפן גלויבן אין לעבן און אין מענטש. די פּאָעמען זיינען דער פיינסטער מאָנומענט אויף אַ טויזנט יאָריקע קולטור, וואָס איז אַזוי ברוטאַל דערשטיקט געוואָרן. די טויזנט יאָר לעבן האָבן באַקומען פּאָעטישן תיקון אין „א בוים אין פוילן" און אין „דאָרטן".

סעגאלאָוויטש איז ניט דער איינציקער, וואָס האָט פוילן באזונגען. כאָטש ער איז יאָ דער איינציקער וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט חורבן פוילן און האָט געקאָנט די מארטירער און קעמפער, וואָס האָבן ווידער גע־הייליקט פוילנס ערד. אַנדערע דיכטער, וואָס האָבן זייערע יוגנט חלומות איבערגעלאָזט אין פוילן זיינען זיי געגאַנגען זוכן אין די רויכערדיקע מזבחות פון דער חרובער פוילן. איינער פון די אינטערעסאַנטסטע דיכטער, וואָס האָט פוילן באַזונגען איז א. לעיעלעס. עס איז נאַטירלעך געווען, אַז לעיע־לעס זאָל צוריקגיין צו זיין יוגנט און קינדהייט, כדי פון דאָרט ברענגען אן עשירות פון אַיינדרוקן און בילדער. ער האָט אַלעמאָל זיין דיכטערישע וועלט באזעצט מיט ריין פּערזענלעכע, אינדיווידועלע אימאַזשן, איבערלעבונגען און בילדער. ער האָט אַלע מאָל אונטערשטראָכן דעם אייגנאַרטיקן, יחידישן מאָמענט, די אייגענע וויזיע. ער האָט אַלע מאָל אין זיינע לידער אַרויסגע־בראַכט דעם פּוילישן עלעמענט — אן עמאַציאָנעלע עשירות, וואָס איז דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל דעם פּראָצעס פון אינטולקטועלע טבילות. די עמאָציעס האָבן זיך גערייניקט פון יעדן אויסערלעכן שטויב אָדער זון באַ־פאַרבונג, נאָר איז געלייטערט געוואָרן אין אייגענע אינערלעכע טראַכטע־נישן. אַזוי אַז זיין איצטיקע באַציאונג צו פוילן איז אויך אַ ליבע געלייטערט פון ניי וועלטיקע איבערלעבונגען פוילן געזען פון אַ דיכטער, וואָס האָט לאָנדאָן און ניו־יאָרק אין זיין באוואוסטזיין. דעריבער זיינען אַלע זיינע לידער קודם כל פּאָעטישע דעררייכונגען און אומדירעקט באַהעפטן זיי זיך מיט דער יידישער טראַגעדיע אין פוילן. וויל ער שילדערן דעם חרבון פוילן, ווייזט ער אונדז דעם יידישן בייטראג צו דער קולטור וועלט, און אונדז ווערט קלאָר דער אומגליק.

אין זיין פּאָעמע „דער גאָט פון ישראל" שרייבט ער:

„האָט ער גענומען אין אַ גרוי גרויען אַמאָל
און פון אַ באַרג אַראָפּ אין אַ טאָל
געוואָרפן צוויי הויפנס אותיות.
זיי צעשאָטן איבער די וועגן פון דער ערד,
זיי האָבן געפינקלט מיט רייד, מיט מימראס געפלעמט.
און פון דעמאָלט —
שוין טויזנטער יאָרן ווי מען זוכט זיי,
שוין טויזנטער יאָרן ווי מען קלייבט זיי,

שוין טוינטער יאָרן ווי מען טייטשטט זיי,
און נאָך אַלץ ניטאָ קיין באשייד,
פאַר די אותיות, פאַר די מימראָס, פאַר די רייד.
נאָך אַ מאַנוסקריפט און נאָך אַ מאַנוסקריפט
געוויקלט, געבונדן, פאַרקניפט
אותיות אין אותיות פאַרליבט.״

אין דער סעריע לידער „גאָט פון ישראל״ זעט מען נישט די אינ־טערספעקטיווע, איבערגעטראַכטע, געשניצטע, אינטולעקטועלע שורות. אין די לידער האָבן די שורות ריטם, מוזיק און געדאַנק. אָבער נישט דער געדאַנק דאָמינירט די שורות, נאָר פון די פערזן זינגט ארויס דער געדאַנק. און דער געדאַנק איז אַ געלייטערטער אין יידישער טראַדיציע, אין יידישער קולטור — אַ סינטעז פון אגדה און הלכה. אין איינפאַכע וואַרימע שורות באַקלאָגט לעיעלעס אונדזער קולטורלאָזיקייט און אוממענטשלעכקייט, ער ענטפערט אייגנטלעך אויף דער פראַגע, ווי קומט דאָס, וואָס הונדערטער יאָרן פון ביבל אַיינפלוס, הונדערטער יאָרן פון קריסטנטום, יאָרן פון הו־מאַניזם, און צענדליקער יאָרן פון סאָציאַליזם זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון איין יאָרצענדליק, פון נאַציזם. דער ענטפער איז „דער גאָט פון ישראל איז אַ קאַרגער מאַנער. זוך אַליין, פאַרש אַליין, לייד אַליין. פאַר דיין און פאַר מיין אייגענעם האָנער״ זוכנדיק אַליין איז מען געקומען צו דער גרויליקער קטאַסטראָפע אין וועלכע די וועלט געפינט זיך היינט.

רעזיגנאַציע, ביטחון און זיכערקייט אין אונדזער קיום איז אַ פונ־דעמענטאַלער מאָטיוו אין לעיעלעס מלחמה לידער. און כמעט אַלע לידער קומען פון אינערלעכע „פוקס גריבער״. צי מען זינגט וועגן פוילן, אָדער מען זינגט וועגן היים ווייַ, בענקשאַפט צו דער אילוזיע וואָס איז פאַר־שוואונדן, דער חלום, וואָס איז וואַר געוואָרן זינגט מען אַלץ וועגן מלחמה. די מלחמה קריכט אַריין דורך די דינסטע שפּאַרעס אפילו ווען מען אַנטלויפט פון איר אָדער ווען מען וויל זיך פון איר באַפרייען. זי אַנטפּלעקט זיך סיי אין דער טעמאַטיק און סיי אין דער שטימונג און פאַעטישן קלימאַט, וואָס ווערט געשאַפן. אפילו נאַטור לידער, אָדער געזאַנג צו אמעריקע, צו איר גרויסקייט און רייכקייט אָדער צו איר פרייהייט, וועט זיין עמאַציאָנעל גע־קניפּט און געבונדן מיט דער מלחמה.

אין זיין ליד „ו פוילן״ איז דאָ דער גאַנצער היים ווייַ, בענקשאַפט און ליבע, וואָס איז אייגן און רעאל געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס די זאכן, וואָס מיר האָבן ליב געהאַט, זאכן, וואָס האָבן געלאָזט קנייטשן אין אונדזער וועזן אָדער האָבן געלאָזט אַ שמייכל אין אונדזער געמיט, זיינען שוין מער ניטאָ, און אפילו די שאָטנס זיינען שוין פאַרשוואונדן.

„קינדהייט מיינע — לאָדזש, וולאָצלאַוועק, ווייסל, ווארשע.
קלאַנגען זיינען וועקערס. וועקן אויף דערמאָנונג.

זי, די פינקטלעכע, געטרייע סעקרעטאַרשע,
פירט מיך צו א שטעג פון נעפּלדיקן עבר
אַט. אַ יונגנט חלום דיינער, דו באטראכט אים
אין דער איצטיקער געפּאַר שעה, אין דער צער שעה".

און אַביסל ווייטער אין דעם זעלבן ליד זינגט לעיעלעס:

זון איז שוואַרץ, לבנה רויט און לאַדזש און ווארשע
טויט און שאַנד צעטיילן צווישן זיך דעם צייט גאַנג
ווער בין איך צו טייטשן גורל און די פּרשה
פון דער שטראַף פאַר זינד? איך הער דעם ברידער יאָמער
און איך וויל נאָך גלויבן, ווייל איך קאָן בלויז האָסן
אין דער צער שעה, אין דער שרעקלעכער געפּאַר שעה".

יעדעס ליד ווערט געריינִיקט אין צער און אין געפּאַר. יעדע יוגנט אידיליע, יעדע איבערלעבונג קריגט אַן אַנדערע קאָליר אין דעם ליכט פון דער היינטיקער קאַטאַסטראָפע. די לידער פון מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי, די פּוילישע הימלען, די וועלדער, די ווייסעל. אַלץ האָט געקראָגן אַן אַנדערן ווערט, אַן אַנדערן זין אין דעם ליכט פון דעם יידישן אומגליק, פון דעם חורבן אין פּוילן. אַלע לידער לעיעלעסעס אין די לעצטע יאָרן האָבן דעם אָטעם פון די אַמעריקאַנער בערג און פּרייריס. אויך די ליבע צו מענטשן איז א וויטמאַנישע. ער האָט זיך איינגעזאַפּט דאָס וואָס ער זינגט וועגן אמעריקע. „נאָר איבער אַלע כ׳טרע מוחות, בייזע הערצער האָט זיך גע־שטאַרקט דיין פרייער חלום דער וויטמאַנישער". אַלע לידער מאַכן דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געבוירן געוואָרן אין איינזאַמקייט, און זיי דאַרפן ברענגען טרייסט נישט נאָר דעם לייענער, נאָר דעם דיכטער אַליין. ער האָט זיי געמוזט שרייבן כדי צו גלויבן אין מענטשן און אין דער עפעקטיוויקייט פונם וואָרט. ס'איז נישט קיין ליד צום פאַרוויגן, נאָר אויפצורייסן אַלע דרימלענדע כוחות פון פּראָטעסט, אַלע פאַרטייעטע פאַרלאַנגען. די לידער זיינען טיף דורכגעלעבטע, געהאַמערט אין אייגענעם צער און פּיין.

אפּאַטאשאס פּראָזע האָט די זעלבע בענקשאַפט, די זעלבע פּערזענ־לעכע באַרירונג מיט פּוילישער ערד, מיט יידיש פּוילישע חלומות, מיט יידישע אנטוישונגען, יידישן ביטחון און היים־ווייִ, צער פון פאַרשוואונדענע חלומות, וועלכע בלאָנקען אַרום היימלאָזע יתומים. נישטאָ ווער ס'זאָל זיי וואַרימען און א היים געבן. חלומות יתומים באַזוכן די יידישע אַליין גע־גראָבענע קברים, די אַשעס פון יידישע נשרפים וועלכע באַמיסטיקן די פּוילישע ערד. אין זיינע דערציילונגען וועגן יידישע פּאַרטיזאַנען, יידישע גיבורים, יידישן מקריב זיין זיך איז דאָ אַ העראָאיש געזאַנג צו יידיש לעבן אין פּוילן. מיר הייבן אָן אַנדערש זען יידישע שניידערס און שוסטערס, קצבים און טרעגער, און אויך בטלנים און קרעמערלעך. נייע פּויליש יידישע

שבטים ווערן געזען אין זייערעליידן און אויסדויער אין זייער קאַמף און אין זייער הכנעהדיקייט.

אין אפּאַטאַשוס שרייבן האָט זיך אַריינגעריסן אַ טאָן פון טרויער, פון סקעפּטיציזם. די בעסטע באַשרייבונגען פון דעם קאַמף פון יידן אין פּוילן דורך דער צייט פון דער מלחמה געפינט מען ביי אפּאַטאַשון.

די בעסטע באַשרייבונגען פון דער פּאַריזער קאָמונע געפינט מען נישט אין פראַנצויזישע טעקסט ביכער, וועלכע זיינען געשריבן פון די גייסטיקע קינדער פון טיערס, דער מערדער פון די קאָמונאַרן. נאָר אין אַן אַנאַליז געמאַכט פון אַ מענטשן, וואָס האָט געוואָלט גוט מאַכן דעם אויפשטאַנד פון די פראַנצויזישע אַרבעטער. נעמלעך ניקאָליי לענין. און אויך עמיל זאָלאַ. פּונקט אַזוי וועלן מיר אין אַ געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראַטור וויניק לערנען וועגן אזא פּאָעט ווי דאָן, אָבער אין די עסייען פון אַ היינטצייטיקן דיכטער, וואָס איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דאָנען, וועלן מיר פיל לערנען. איך מיין, ט. ס. עליאָט. ביידע לענין און עליאָט באַהאַנדלען די פאַרגאַנגנהייט אין דעם זעלבן וועג. זיי קלייבן אויס פון עבר די פּאַסירונגען, וואָס גייען זיי אָן באַזונדער. זיי לייגן אריין אין די פּאַסירונגען זייערע האָפענונגען און טיפן גלויבן, אַזוי אַז די פּאַסירונגען טראָגן מיט זיך אַ בשורה פאַר דער צוקונפט.

אפּאַטאַשוס דערציילונגען וועגן יידישע קהילות, וועגן יידישע און פּוילישע פּאַרטיזאַנען האָבן דעם אַנזאָג פאַר דער צוקונפט. פון די חורבות גייען אויף פּונקטן פון האָפענונג און גלויבן, כאָטש זיי זענען דורכגעפלאָכטן מיט פעדים פון סקעפּטיציזם און ליידן. אויך אין שלום אַש'ס דערציילונגען, כאָטש באַהויכט מיט ראָמאַנטיציזם, געפינט זיך טיילווייז די היסטאָרישע אויטענטיטעט. ספּעציעל אין די דערציילונגען „יתגדל ויתקדש", „יעזוס אין דער וואַרשעווער געטאָ". די צוויי דערציילונגען האָבן אויך די היסטאָרישע מאָמענטן, וואָס וואַרפן אַ נעץ פון גלויבן אין דער צוקונפט.

דער אמתער קינסטלער איז אַ מאָראַליסט. זיין ציל איז צו אַנטדעקן אין פאַרשיידענע פעלדער פון מענטשלעכער אַקטיוויטעט נייע עלעמענטן פון אינספּיראַציע פאַר מענטשלעכער אויפפירונג, מיט וועלכע ער אידענטיפיצירט זיך. דאָס איז אמת וועגן פּאָעטן אַזוי גוט ווי וועגן פּראָזע שרייבער. לעיעלעס אָדער גלאַטשטיין אָדער צייטלין געפינען אין די מאַטעריאַלן וואָס זיי נוצן די אידייען און דערשיינונגען, וואָס סאַנקציאָנירן זייערע אייגענע גלויבנס. זייער טעכניק איז וויכטיק, כדי צו דערגרייכן אַ גענויען אויסדרוק פון זייער וויזיע. אָבער וואָס איז באמת וויכטיק, איז וואָס די פּאָעטן האָבן געזאָגט און ניט ווי אַזוי זיי האָבן עס געזאָגט. אַ שאָד, וואָס פאַר אַ צייט האָבן אַלע אָפּנייגונגען אין קונסט פּראָבלעמען געוואָרן אַזוי וויכטיק, אַז טעכניק איז באַטראַכט געוואָרן פאַר וויכטיקער ווי די געשאַפענע נייע רעאַליטעט, און דעם איינדרוק וואָס מיר האָבן געקראָגן פון די געשאַפענע זאַכן. קונסטווערק אין דער היינטיקער צייט דאַרפן אויסדריקן אידעאַלאָ־

גיעס. און גוטע קונסטווערק זיינען די וואָס קוקן אין דער צוקונפט און פאַרקערפּערן די הערלעכסטע מענטשלעכע האָפנונגען. אַפּאַטאָשו געהער צו די קינסטלער.

אין „ווען פוילן איז געפאַלן" ברענגט אַפּאַטאָשו ארויס אַ בילד פון אַ נייער וועלט אויף אַ הינטערגרונט פון דער אַלטער וועלט, ווי עס רעאַגירן אויף איר דער מיליאָנער אוירווינג טריוועס, דער שרייבער דוד שטראַל, בערגסאָן און ר' איטשע. דורך די פיר העלדן לאָזט אַפּאַטאָשו הערן זיין וועלט באַנעם. ער נוצט דאָס פאַלן פון ווארשע אַלס דעם בת קול, וואָס וועקט די טיפסטע סטרונעס אין זיין ווען צו שפּילן אַ מעלאָדיע פון יידישן קיום. און אָט דער חורבן ווארשע ברענגט צוזאַמען די פאַרשידענאַרטיקע יידן צו זוכן אַ שליסל, וואָס זאָל עפענען דעם סוד פון יידישן עתיד. אַלע העלדן געהערן כמעט צו דער זעלבער משפחה אָדער שבט. און כאָטש זיי־ערע וועגן זיינען אנדערע, זייערע אומשטענדן פאַרשידענע, האָבן זיי די הארמאטן שאָסן אַף ווארשע צוזאמענגעבראַכט און זיי צוזאמענגעבונדן מיטן געמיינשאַפטלעכן. וואָס וועט דער אומגליק אונדז ברענגען. ר' איטשע דריקט אפשר אמטרעפלעכסטן אויס די שטימונג און די געפילן פון די פאַרשידענע וועלטן, וואָס ציען צום זעלבן ליכט. ר' איטשע זאָגט: „אוודאי זיינען מיר אבלים, אָבער נישט דערפאַר, וואָס דער רשע נעמט ביי די פוילישע אידן צו די הייזער, די געוועלבער, ס'געלט, דאָס האָט מען שוין לאַנג געדאַרפט ביי אונדז צונעמען. ווי זאָגט גאָט אַליין „ואל זה אביט אל עני ונכה רוח" בלויז דער אָרעמאַן און דער געשלאָגענער אין געמיט, בלויז זיי זיינען גאָט צום הארצן. און אז דו ישראל, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו טריוועסן, ביזט רייך, מען זאָגט ביסט שטאַרק רייך, וואוינסט אין פּאַ־לאַצן, האָסט די שענסטע מטרוניתות, איז וואָס? ס'איז דאָך געגוג אזא יונגאטש ווי היטלער זאָל זיך באווייזן און אַלץ נעמט זיך וואַקלען — מלכים, מלוכות, אפשיטא שוין אזא רייכער ייד ווי ישראל טריוועס — האָט עשירות דען א האפט? ס'האָט נישט ישראל. ס'איז בלויז א בלענדעניש, וואָס פירט צו זינד, און רשעות. ווייסט וואָס דער זוהר זאָגט אויף ערב רב? „ערב רב, דאָס זיינען רייכע יידן. קרובים למלכות, יידן וואָס וואוינען אין פּאַלאַצן, יידן אָן יידישקייט. און לומדות אַליין איז אויך גאָר נישט. און אַז מען איז שוין אַ „חמור נושא ספרים" איז וואָס? און אז מען האָט שוין איינגעשלונגען ש"ס איז וואָס? דער עיקר איז גלויבן, דער עיקר איז בטחון, דער עיקר איז יידישקייט. און וואָס מיינט איר איז יידישקייט? אָט דאָס וואָס אוירווינג טריוועס — דער קעניג פון לאָמפּנשירמס האָט נאָך פינף און צוואַנציק יאָר הפקר לעבן דערפילט א ברי. די פּאַלאַצן זיינען אים מיטאַמאָל ענג געוואָרן, און ער איז געקומען צו זיינס א קרוב, וואָס גייט איבער די הייזער. דאָס אַליין איז שוין א ניצוץ פון יידישקייט. אָבער בלויז א ניצוץ. פון דעם ניצוץ דאַרף ערשט ווערן א פייער, וואָס זאָל ווארימען, וואָס זאָל גיבן כוחות מען זאָל דערפילן דעם אמתן יידישן ברען".

ר' איטשע, וואָס גייט איבער די הייזער גיט דעם יידישן שרייבער

דוד שטראַל, וואָס איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון יידישן אומגליק און אוירווינג טריוועסן, וואָס אונטער זיין גאַנצע עשירות האָט געטליעט אַ פאַרלאַנג נאָך גאַנצקייט, נאָך יידישער שלימות און ביי בערגסאָנען, וואָס בלאָנדזשעט ארום דאָס גאַנצע לעבן זוכנדיק א גייסטיקן רו פּלאַץ. ר' איטשע גיט אויסדרוק זייער בענקשאַפט. אין דער אמתן זוכט אפּאטאשו אויסדרוק פאַר זיין יידישקייט און געפינט זי ביי ר' איטשן, וואָס האָט זי געקראָגן ביים גרערער רבי, און ביים, קאָצקער, וואָס האָט זי פון בעל שם, וואָס האָט זי פון די מקובלים, פון די תנאים און וואָס קומט פון די ערשטע קוואַלן. און עס איז די אַלטע קונסט פון גלויבן און בטחון. די זעלבע יידישקייט, וואָס מען געפינט אין פאַרשידענע און אַלערלייאיקע פאָרמען ביי אשן, פינסקין, לייוויקן, שלום עליכמען, פּרבן און אהרן צייטלין און ביי אַלע שפּעטערע פאָעטן ווי אויערבאַך, אלמי, לאַפין. ביאַלאָסטאָצקי און אַנדערע. אפילו אין מנחם בארײשאָס „דער גייער" וואָס שילדערט אַן אַנדערע עפּאָכע איז גלויבן, עקשנות, און יעקבס לייטער דער וועג צו יידישקייט.

איך ווייס נישט, צי איז פאַרגעקומען אַ ראדיקאלע ענדערונג אין דער מעטאָדע, נוסח, און טעמאַטיק פון די יידיש אמעריקאַנישע שרייבער. אָבער אַלע לידער און פּראָזע, וואָס איז דערשינען אין די עטלעכע יאָרן זינט די וועלט לייטערט זיך אין די חבלה לידה פון בלוט און טרערן און האָפנונג, איז פאַרגעקומען אַ געוואַלדיקע פאַרטיפונג פון אונדזער גאַנצער ליטעראַטור. אלמי איז אוועק זוכן תיקון ביי ר' יוחנן הסנדלר. אויערבאַך איז אַוועק קיין בעסאראַביע, און דאָרט אין דער פעטקייט פון דער ערד דערשפּירט ווייטערע אָטעמס, און דערזען ווייטערע פעדים וואָס ציען זיך צו דער לאַנגער יידישער מארטירער געשיכטע ביז ארץ ישראל. לייוויק האָט זיין וועג אויסגעברייטערט און געגעבן אונדז א פאמיליען זאַגע. אהרן צייטלין איז אויף זיין אייגנאַרטיק מעטאַפיזישן וועג דערגאַנגען צו די הויכן פון מענטשלעכן זוכן א באשייד צום סוד פון לעבן. זינגער איז אויף זיין רעאַליסטישן וועג דערגאַנגען צו דער פּראָבלעם פון יידישקייט.

כמעט אַלע יידישע שריפטשטעלער האָבן א דאנק דער מלחמה זיך געלאָזט צו די שפּיצן פון זייער שאַפונגס ענערגיע צו זוכן דעם וועג צום יידישן קיום. צי מען האָט דאָס געטאָן אויף א הינטערגרונט פון פוילן ווי עס האָבן עס געטאָן סעגאַלאָוויטש, לעיעלעס, גלאַטשטיין און אפּאטאשו, צי מען האָט עס געטאָן אויף אַ הינטערגרונט פון סתם מלחמה עפּיזאָדן, ווי דאָס האָבן געטאָן אַש, פינסקי און זינגער, אָדער מען האָט עס געטאָן אויף אַ הינטערגרונט פון דער שפּאַנישער ציווילע מלחמה ווי דאָס האָט געטאָן מ. גיציס אין זיין „וועג צום באַרג" וואָס איז אין תוך אַ פּילגרימאַזש צו זיך אַליין. געפינען אַן אינהאַלט אַן אינדיווידועלן, וואָס מיינט אין לעצטן סך הכל א נאַציאָנאַלן, צי מען טוט דאָס אַף א ברייטער קאַנווע, ווי דאָס טוט מנחם אין "דער גייער" אָדער ווי ז. וויינפּער אין זיין "געזאַנג צום גליי־ביקן" אָדער ווי א. סול וואָס האָט פאַרהערלעכט און פאַראייביקט די פּאַרטיזאַנען אָדער ווי ש. מילער האָט עס געטאָן אפן סמך פון

מלחמה עפּיזאָדן. אין אַלע שרייבער האָט די מלחמה אויפגעוועקט דעם קוואַל פון זייער קינסטלערישע ענערגיע צו שטאַרקן און פעסטיקן די יידישע האָפנונג און די יידישע צוקונפט. און אַ רייכע יידישע מלחמה ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן, וואָס אָטעמס מיט ליבע צו מענטשן, מיט שנאה צום אכזר און מיט האָפנונג און בטחון אין דער מענטשלעכער ריינקייט און גוטסקייט. זיי וועלן אויסקלינגען דאָס נייע ליד וואָס וועט באַגלייטן די מענטשהייט צום טויער פון דער נייער וועלט.

מיט דער האָפנונג אויפן ליכטיקן מאָרגן גייט אויף אַ געפיל פון איינזאַמקייט, פון אַליינקייט, און פון טרויער אויפן אונטערגאַנג פון אַ דור. דאָס לעבן און ליידן פון מענטשן שליסט אויס, אָדער פאַרטונקלט אינגאַנצן יעדע אַנדערע באַגלייט דערשיינונג. די נאַטור. פסיכאָלאָגישע גריבלענישן אין יחידישע איבערלעבונגען שפּילן אַ סובאָרדינירטע ראָליע. אפילו אין אַזעלכע ווערק ווי די „משפחה קאַרנאָווסקי“, און די יידישע דראַמע אין דייטשלאַנד לאָזט זיך דערקאָנען דורך דריי דורות פּאַרזוכן צו לייזן דעם יידישן אַדאַפּטיר פּראָצעס זיינען דאָ ווייניק ריין אינדיווידועלע פסיכאָלאָגישע פּעדים, וואָס זאָלן זיין פאַרבונדן מיטן פּערזענלעכן. נאָר די סביבה און דיע נדערונגען אינם אַרומיקן קאָלעקטיוון לעבן דעטערמינירן די אינדיווידועלע קאָנפליקטן. דאָס זעלבע איז אמת וועגן די העלדן אין „ווען פּוילן איז געפאַלן“, די אימפּולסן און קאָנפליקטן שפּיגלען נישט אָפּ יחידישע ראַנגלענישן מיט זיך, נאָר זיי שטייגערן און אַנטוויקלען זיך מיטן גאַנג פון געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן. ספּעציעל מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מלחמה. דאָס זעלבע איז אמת וועגן די העלדן אין ש. מילערס און מ. גיציס׳עס דערציילונגען, אָדער אין ב. עפּלבוימס „פאַרלאָשן ליכט און אַנדערע דערציילונגען. אפילו אין מ. גיציס „דער וועג צום באַרג“ וואָס שיינט לפּנים צו זיין די וואַנדערונגען פון אַ יחידיש צעוויטיקטער נשמה, ווערט פונדעסטוועגן דער העלד געפירט פון אומזיכטבאַרע געזעלשאַפטלעכע סלופּעס, וועלכע באַצייכענען זיין וועג צו אַפּאַטיע און מידקייט.

דער מענטש אַלס אַ קינד פון אַ געזעלשאַפט, וואָס באַשטימט זיין גאַנג אין לעבן, איז די הויפּט טעמע אין אונדזער מלחמה ליטעראַטור. די נאַטור איז כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון דער פּאָעזיע און פּראָזע. די ערד האָט זיך נישט געביטן. די ערד גרינט, די זון שיינט. עס דונערט און בליצט. קינדער שרעקן זיך און באַהאַלטן זיך. די סעזאָנען פאָלגן נאָך איינער דעם אַנדערן אין זייער באַשטימטן ציקל. לעבן און טויט האַלטן נאָך אַלץ זייערע סודות פאַר אונדז ווי אַמאָל, און יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש ווערט נאָך אַלץ געפייניקט פון דעם סוד פונם לעצטן אָטעם צוג, וואָס מוז קומען. אָבער די נאַטור האָט מען אינגאַנצן איבערגעלאָזט צו דער וויסנשאַפטלעכער לאַבאָראַטאָריע. זאָל זי זיך ראַנגלען מיט די סודות פון ליכט און פינצטערניש. דאָס געזאַנג פון פייגל איז אינגאַנצן שטילגעוואָרן. די באַשעפענישן אַף דער ערד זיינען אינגאַנצן שטום געוואָרן. קינדער, וועלכע זיינען נאָענט דער נאַטור ווי פלאַנצן און בלומען זיינען אויך שטיל געוואָרן

אין לעבן ווי אין דער ליטעראַטור. זיי לאַכן נישט מער, טומלען נישט. זיי שטערן נישט דאָס שווייגן פון די דערוואַקסענע. פיל קינדער וועלן אויסוואַקסן נישט האָבנדיק געפילט די וואַרימקייט פון אַ מוטערס שמייכל, זייערע ערשטע קלעפּ און וואונדן זיינען נישט געהיילט געוואָרן פון אַ מוטערס ליבע זיי האָבן נישט געהאַט קיין פאָרזיכטיקע הענט זיי צו האַלטן, ווען זיי מאַכן די ערשטע טריט. דער הייַנטיקער יאָר הונדערט, וואָס רופט זיך דער יאָרהונדערט פונ׳ם קינד, האָט געזען מער דערמאָרדערטע און צעקריפּלטע קינדער ווי וועלכע ס׳איז אַנדערע צייט. דער אומגליק איז אַזוי גרויס, דער רעאַלער גרויל אַזוי דערשיטערנד אַז ווייניקע האָבן זיך צוגעהערט צום געוויין פון קינדער. אין אונדזער דיכטונג האָט דוכט מיר מלכה לי אַמשטאַרקסטן געהערט די שטילע אַגאָניע פון די אומשולדיקע קרבנות פון א ברוטאַלער וועלט. זי האָט אויך געהערט דעם קרעכץ און זיפץ פון דער מוטער, וואָס האָט הילפלאָז איינגעזאַפּט דעם ווי פון די קינדער. זי האָט געזען דעם צער פון דער מוטער ווען זיין וואַלגערן זיך אין די פּוקס גריבער אָדער שלאַכטפעלדער. אויך קאַדיא מאָלאָדאָווסקי האָט פאַרנומען דאָס געוויין פונ׳ם קינד אין פּוילן. אויך אַפּאַטאַשו האָט אין פיל דערציילונגען געזונגען די באַלאַדע פון מוט און העלדישקייט פון יונגע ייִנגלאַך און מיידלעך אין פּוילן. זייערע טאַטן אין דער צייט פון דער אינוואַזיע און שפּעטער איז א באַלאַדע פון קוראַזש, מוט, קאַמפּסלוסטיקייט און גלייכגילטיקייט צום טויט. מען האָט פאַרמאַכט זייערע שולן, פאַרברענט זייערע ביכער, האָבן זיי באַהאַלטענערהייט געלערנט אין קעלערס, ביי מיסט קאַסטנס און שפּיטאָלן. די באַלאַדע פון זייער בראַווקייט און העלדישקייט איז געוואָרן אין דער שטיל. די מעלאָדיע איז אַזוי פאַרשידן ווי ס׳איז די לופט פון פּוילן און גריכנלאַנד, אָדער ווי דער רויך פון די פאַרברענטע ביכער. פילע פון זיי האָבן אָנגעפירט מיט פּאַרטיזאַנישע גרופּעס, טראָגנדיק באָמבעס און אויפרייס מאַטעריאַלן אָנשטאָט שול ביכער. זייער ליד דאַרף נאָך געזונגען ווערן.

עס איז נישטאָ קיין איין ווינקל פון מענטשלעכן לעבן און ליידן, וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט נישט אָפּגעשפּיגלט. די פּאַסירונגען האָבן אָפטמאָל איבערגעשטיגן די קינסטלערישע פאַנטאַזיע און עס איז געווען שווער פאַר דער ליטעראַטור צו קאָנקורירן מיט דער ווירקלעכקייט. פערזענלעכער ווייטיק און צער האָט אָפטמאָל פאַרטונקלט די קינסטלערישע פאַנטאַזיע און פאַראַליזירט די שאַפונגס כוחות. יאוש האָט אָפטמאָל אָפּגעשוואַכט די קינסטלערישע כוחות. ווייניק ליבע אין אונדזערע הערצער האָט אָפּט געשטערט צו זען די וועלט און מענטשן אין זייער שייכות צום לעבן אַרום. און דאָך האָט דער אומגליק אויך סטימולירט די שאַפונגס כוחות. אברהם רייזען האָט אין זיינע לידער שוין מער נישט באַקלאָגט די אָרימקייט פון קינדער. ער האָט מער נישט באַזונגען דאָס פעלן פון מילך אָדער ברויט. ער באַזינגט מער ניט דעם זשאַווער פון אַקער אַייזנס וואָס ליגן פאַרלאָזן. נישט אָרימקייט באַצווינגט זיין מוזע, נאָר ווי אַנדערע ייִדישע

דיכטער און קינסטלער באַזינגט ער די לײדן פון די געטאָ אײַנוואוינער, די זינלאָזיקייט פון מלחמה לײדנדע, דעם שטאָלץ פון די סאָלדאַטן, וואָס קעמפן פאַר פרײַהייט און גלײַכהייט. ער באַזינגט די בענקשאַפט פון לײדיקע הײַזער, דעם געוויין פון קוימענס און חורבות און מיסט.

בײַ אַלע דיכטער און פּראָזאַאיקער איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער היסטאָרישער חוש. כמעט אַלע ייִדישע שרײַבער, אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן בלויז געאָטעמט די הײַנטצײַטיקע לופט זײַנען אַוועק אויף די פּלאַכן פון געשיכטע, זוכן טרייסט אָדער פאַרטיפונג. ס׳איז כמעט ניטאָ קיין דערצײלונג אָדער ליד וואָס זאָל נישט וואָרצלען אין דער נאָענטער אָדער ווײַטער געשיכטע. עס קאָן זײַן, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער ניט זיכערקייט פון הײַנט. יעדער ייִדישער קינסטלער, וואָס האָט געוואָלט רעדן צום פאָלק, האָט געזוכט אַ געשיכטלעכע פאַרענטשע זיך אָנצושפּאַרן. דער זעלבסטמאָרד אָדער מאָרד פון פאַרשײדענע ייִדישע פירער אָדער כלל טוער האָט אַרויסגערופן געשיכטלעכע פּאַראַלעלן, און האָט דעריבער פאַרטיפט די ייִדישע קינסטלער. אין די לידער פון אַ צייטלין, לייוויק, גלאַטשטיין אָדער לעיעלעס איז נישט צום דערקענען קיין נײַע געשיכטלעכע פאַרטיפונג, ווײַל זיי האָבן אַלע מאָל מיט זיך געפירט אַ רײַכן געשיכטלעכן באַגאַזש. אָבער אַ היבש ביסל אַנדערע דיכטער, וואָס האָבן געלעבט בלויז מיטן הײַנט זײַנען עלטער געוואָרן. בכלל האָט די מלחמה אונדזער ליטעראַטור עלטער געמאַכט. אַפילו מאַני לייב האָט דערהערט דאָס קול פון געשיכטע. אונדזער ליטעראַטור האָט אויפגעהערט שמייכלען, שוין אָפּגערעדט פון לאַכן. קיינער לאַכט נישט מער. מען איז פאַרנומען מיטן באַקלאָגן און באַוויינען דעם אונטערגאַנג פון שטעט און שטעטלעך. מען האָט בײַ אונדז פײַנער, דיכטערישער באַזונגען פּוילישע שטעטלעך ווי אין אַנדערע ליטעראַטור. סעגאַלאָוויטש, צייטלין, לעיעלעס, גלאַטשטיין, לייוויק, אויערבאַך און אַלמי האָבן בעסער באַזונגען לידיצע, כאָטש אַ וועלט האָט זיך צו איר צוגעהערט.

די געשיכטע וועט קאָנען מעסטן און אָפּשאַצן אונדזער הײַנטיקן גרויליקן חורבן לויט די לידער און דערצײלונגען פון די ייִדיש אַמעריקאַנישע דיכטער. די רוסישע ייִדישע דיכטער האָבן אַ מלחמה געפירט און האָבן דעריבער אַנדערש געזונגען. זיי האָבן נאַציזם באַקעמפט און געמוטיקט די זעלנער, באַזונגען העלדישקייט, און געפּרײדיקט האָס צום שונא און נקמה. זיי האָבן געזען די נאַציס אין זייער גאַנצער ברוטאַליטעט און סאַדיסטישער מערדעריי. זיי האָבן אַן אַנדער פונקציע געהאַט דורכצופירן. זיי האָבן געזען דערמאָרדעטע פרויען און קינדער. סוצקעווער האָט געזען, וואָס לעיעלעס האָט וויזואַליזירט. פעפער האָט געזען, וואָס לייוויק האָט געוויײַטיקט. בערגלסאָן האָט געזען וואָס אַפּאַטאַשו האָט געשפּירט און געפילט. מיר אין אַמעריקע האָבן בלויז עכאָס פון מלחמה געהערט, האָבן מיר דעריבער העכער און קלאָרער, קינסטלערישער און בעסער געזונגען. די עכאָס האָבן צעטרייסלט אונדזער געמיט און געברענט אונדזער פאַנטאַזיע.

דער יידיש אַמעריקאַנער בייטראג צו דער מלחמה ליטעראטור איז אייגנ־אַרטיק און איינציק.

היינט ווען די גאַנצע וועלט קוקט מיט שרעק און וואונדער אויף די גיגאנטישע כוחות פון גוט און שלעכט אויף דער וועלט, איז די ליטעראַטור מער ווי ווערטער און בילדער. היינט ווען מיר שלאָגן זיך מיט אַ מאָנסטער, וואָס איז שרעקלעכער פון וועלכן ס'איז טייוול וואָס די מענטשלעכע פאַנ־טאַזיע האָט געשאפן, אין יעדן ים, און כמעט יעדן הימל, אף יעדן קאָנטי־נענט, אונטער די ברויזנדע וואַסערן, און איבער די שטורמדיקע וואָלקנס, אין ברענענדיקע מדבר זאַמד, און בייסנדיקע ווינטער פרעסט, מיט יעדן מיטל, וואָס די מענטשהייט האָט געשאַפן, אין אזא צייט איז די קונסט און ליטעראַטור מער ווי א שפיל פון דער מענטשלעכער פאנטאזיע. מער ווי א שאָטן פון גרויסע געשעענישן. די ליטעראטור איז א פאראלעלע גרויסע געשעעניש. די ווייטיקן און פיינען, וואָס באגלייטן די שאפונגען. די שרעקן און באדויער, וואָס באפאלן דעם קינסטלער, ווען ער שטייט פנים אל פנים מיט אַ גרויסן אַקט פון שאַפונג אין דער איצטיקער צייט, קאָן נאָך היינט ניט אנאליזירט ווערן. מיט דעם דאַרף מען ווארטן ביז דער רויך פון קוילן וועט פארשוואונדן, און דאָס געמיט וועט רואיק ווערן. ווען דאָס לעבן וועט נאָרמאַליזירט ווערן, וועלן מיר דאן קאָנען באטראכטן וויפיל סוביעקטיווער צער לויערט אונטער די אביעקטיווע בילדער פון שוידער און גרויל. ווי־פיל פערזענלעכע עמאָציעס האָבן זיך אַריינגעריסן און קאלירט די בילדער און רעפלעקסיעס פון חורבן און צעשטערונג. דערווייל קאָנען מיר בלויז פאַרצייכענען, אַז די מלחמה האָט נישט פאראליזירט אונדזערע שאפונגס כוחות, נאָר פאַרקערט, זי האָט געוועקט און סטימולירט דרימלענדיקע כוחות און האָט פאַרטיפט די שאפנדיקע פערזענלעכקייט פון אונדזערע דיכטער און פראָזאאיקער.

* *
*

פעסי הערשפעלד פּאָמעראַנץ

האַרבסט מאַטיוון

דאָס רויטע פישעלע
אין קליינינקן לאַגון,
מיט זילבער עקעלע
צעפּאָכעט ווי אַ פּאָן,
שווימט גראַציעז
אנטקעגן מילדער זון.

דאָס וואסער רינט
פון בערגלדיקן שטיין,
און זינגט זיך צו
א תפילהדיק רעפריין.
עס וויינט אַ לאָטוס בלאַט —
"מיר ווילט זיך ניט פארגיין."

זומער ליגט א גוססער
און שפייט מיט בלוט,
דער טרויער פון פארגיין
אויף אַלעס רוט.
נאָך טראָגט דער קוסט
זיין לעצטן גרינעם הוט.

דאָס לעצטע לעבן
שפּאַרט פון אַלע קאַרבן,
און בלעטערפאַל —
דער לעצטער טאַנץ פון פאַרבן,
דאָס קלענסטע גרעזל ווינט —
"איך וויל ניט שטאַרבן."

ב.

נאַס און גלאַנציק ווי אַ ים־לייב
איז מיין גאַס.
די ביימער שענקען זייער נאַקעטקייט —
דעם ווינט.
דער רעגן וואַשט זייערע ברוינע שטאַמען
ביז די וואָרצלען.

די טויבן וואָרקן היינט ניט,
עס שפּילט היינט ניט
איר אַקראָבאַטיש שפּיל —
די פלינקע וועווערקע
מיטן פוכיק גרויען פראַגע צייכן.

גלעזערנע אַרבעסלעך
קלאַפּן אויס אויפן בלעכענעם דאַך
אַ מאָנאָטאָנעם נגון.
דאָס וואַסער שטראָמט
אין ווינקלדיקע רערן
און זינגט א תפיסה ליד.

זילבערן זיך בלעזלעך
אין די טייכלעך
און דערמאָנען —
אָפענע מיילער פון פיש.

ג.

זון האָט זיך אויפגעהאָנגען
אויף א שפּיץ פון בוים —
איר בלוט רינט איבער אַלע צווייגן,
בלעטער טאַנצן נאָכן נגון פון ווינט,
בלעטער אין אומקום ווילן ניט שווייגן.

צופוסנס וואַלגערט זיך
דאָס גאָלד פונם זומער,
לעצטע בלעטער אויף נאקעטע ריטער,
ביימער ווערן טונקעלער, שטומער,
גראָזן זאָגן ווידוי אין לעצטן ציטער.

ה.

דער היינט — א זקן
מיט קראַנקע, גרויע אויגן —
טרערט אָן אויפהער.

ווינט —
טראָגט אין זיין פיסק —
אַ הויפן גוססדיקע בלעטער.

צווייגן שפּיציקע,
אויף שטאַמען טונקעלע —
שוואַרצע באַיאָנעטן.

כ'האָב ליב אין אזא טאָג
פאַרוויגן זיך —
מיט באַלאַדן און סאָנעטן.

ווענד ניט אָפּ מיין בליק

ביכער אין מיינע שראַנקען
ביכער אויף מיין שרייב־טיש.
ווי וואָלט איך אויסגעפּילט
מיין לעבן דאָ, אָן אייך?

איך קום צו אייך
מיט זוכנדיקע אויגן,
און טראָט נאָך טראָט
מיט פאַרזיכט אין מיין גאַנג
שפּאַציר איך אום

אין אייערע לאַבירינטן,
איך — אַן אַטאָם
אין אַייער אייביקייט.

עס ברויזט אין מיר דער צער
פון שלמה איבן גבירול,
עס ברענט אין מיר זיין דורשט
נאָך ליכט און וויסן.
ווי וואָלט איך איצט, אָן אייך,
מיין לעבן דאָ געפורעמט,
ביכער, עדות פון פארגאנגענע
און ווידער אויפגעלעבטע תקופות?

איך שפּאַציר מיט שטילע טריט
איבער אייערע געטלעכע אלייעס,
וואו עס רוט א געלייטערטע
די חכמה פון דער וועלט,
און בעט בא גאָט:
ביז סוף פון מיינע טעג,
אָ, ווענדט ניט אָפּ מיין בליק
און קער ניט אָפּ מיין טראָט
פון מיין אויסדערוויילטן וועג
וואָס פירט צו מענטש און גאָט.

לידער פון שפּיטאָל

—חיימען.

א.

מיינע מחשבות —
ווילדע פייגל, אַיינגעצאַמט
אין א דראָטענער שטייג.
דער פּאַטש פון פליגל
ליגט אַיינגעפרוירן
נאָר אין די אויגן
ברענט א פייער
פון דער פארגייענדיקער זון.

אין דיין דערשראָקענעם בליק
האָב איך אַנטפּלעקט א תפילה
פון א זיך טרינקענדיקן מענטשן,
כ'האָב געוואָלט דיך ראַטעווען
און דיר צוגעשיקט א שמייכל —
א בינטל "פאַרגעסמיך ניט".

איך האָב געטראַכט —
די קינדער אונזערע,
צווי צוויגלעך צאַרטע,
באשיצן זאָלסטו זיי
פון בייזער נאַכט,
דיין צערפולן בליק
האָב איך אויסגעמיטן,
געוואָלט דיך דערפרייען
און זיך צעלאַכט.

ב.

די קראַנקען שוועסטער
בא מיין בעט,
האָט א זשום געטאָן
ווי א בין ארום מיין קאָפּ,
האָב איך דערפילט
איר גיפט אין האַנט
און אָנגעהויבן שוועבן
צו א וויטן, וויטן לאַנד.

שפעטער איז אויסגעוואקסן א מאן
אין ווייסע קליידער,
און אין א ווייסן טיורבאַן,
געוויקלט מיך אין ליילעכער ווייסע,
און מיך אַוועקגעפירט
אין קיינעמס לאַנד.—
א רוהיקע און א ווייסע —
אין קיינעמסלאַנד.

ג.

מיין גוף אויפן שנייד־טיש —
א מומיע.

אין געדאַנק האַמערט
דאָס וואָרט "אינוואַזיע".
היינט איז דער ערשטער טאָג
פון דער אינוואַזיע,
און איבער מיר
דאָ אין שפּיטאָל צימער
אויך אַן אינוואזיע.

די קראַנקען שוועסטער
האַלט שטייף די גאַז־מאַסקע
איבער מיין פּנים,
און מיט מיין יעדן, לעצטן אָטעם
רוישן אָפּגעהאַקטע ווערטער —
היטלער, גאַז־קאַמער,
היטלער, גאַז־קאַמער.
דער לעצטער אָטעם.
— — — — — — — — — — — —
איך גיי אויס
מיט אַלע יידן גלייך
אין היטלערס גאַז־קאַמער.
— — — — — — — — — — — —
נאַכט, אייביקע נאַכט.

ד.

וואו בין איך עס?
ווער האָט מיין קאָפּ
פארוואנדלט אין א שטיין,
ווער האָט מיינע אויגן
פארקלעפּט מיט בליי?
עמיצער האָט אָנגעשטאָכן
שווערדן אין מיין האַלדז
און מיך געלאָזן אויסגיין
אין א ברענענדיקער מדבר.
ווער פאָרט עס איבער מיר
מיט טאַנקען,
און רייסט שטיקער אינגעווייד
פון מיר?

כ'וויל אויפרייסן די אויגן
און איך קען ניט,

נאָר איך פֿיל
ווי דו בויגסט זיך
איבער מיר,
און מורמלסט שטיל —
„א דאַנק דיר, גאָט,
אבי ס'איז שוין אריבער."

„א דאַנק דיר, גאָט,
אבי ס'איז שוין אריבער"—
א נגון אזא פֿלאָטערט
ארום מיר,
כ'שליס אויף די אויגן
און דערזע דיך ווידער
אַן אָפּגעראַטעוועטן
מיט בטחון אין דיין בליק.

ה.

מיט שפּראָץ אויף טאָג
האָב איך צעעפֿנט מיינע אויגן,
און כאָטש מיין קאָפּ
איז נאָך געהאַנגען
ווי אַן אויסגעלאָשענער לאָמטערן
האָבן די ליפּן שטיל געמורמלט:
„א דאַנק דיר, גאָט,
אבי ס'איז שוין אריבער."

יוני זון
שפּרייט פּאַסמעס גאָלד
אויף מיינע קישנס,
עס וואַרטן אויף מיר בריוו,
באַנבאַנעס, בלומען
נאָר איבער אַלץ
פֿלאַטערט אום א נגון —
„א דאַנק דיר, גאָט,
אבי ס'איז שוין אריבער."

דאָס האַרץ פון מידן וואַנדערער

משפחות אויסגעוואָרצלטע,
צעפּייניקטע, פאַרטריבענע
אויף ימען אומגעקומענע,
אין שטאָט, אין פעלד צעשאָסענע.

און די פון טויט אנטרינענע
אין לעצטער שרעק, אין אַנגסטיקער,
אויף גרעניצן פאַרבליבענע
אָן האָפנונג דערמוטיקטער.

אף וואסערן, אף ימיקע
ברויזן כוואַליעס שוימיקע;
נאָך ברויזיקער און שוימיקער —
דאָס האַרץ פון מידן וואַנדערער.

אין אראנדזש גלי פון זון פארגאנג,
ברענט דער וואַלד דער האַרבסטיקער;
נאָך גליאיקער און וואונדיקער —
דאָס האַרץ פון מידן וואַנדערער.

גאָטס וואָרט

משה רבינות לוחות
ליגן אין מדבר —
צעטראָטענע.

דעם נביאס רייד
וואַנדערן איבער דער וועלט —
איינזאמע, צעשאָטענע.

מיר — אויסגעפּרואווטע
דורך אלע שייטערהויפנס
און דורך אַלע בושות.

זיגרייך טאַנצט
איבער דער וועלט —
אייביקע רשעות.

אונזערע תפילות
גייען אונטער
צוזאַמען מיט די שיפן,

אונזער בלוט
ווייַנט אַרויף
פון אַלע טיפן.

מיר — אויסגעשאַרפטע
דורך אַלע שאַרפקייטן
פון האַק און מעסער —

אונזער פרייד
איז צוגעשלאָסן
אויף זיבן שלעסער,

מיר זייַנען מיד
פון צער,
און האַלטן שוין בא נעילה...

ווען זשע, ווען זשע
וועט שוין קומען
די גאולה?

* *
*

דוד בעקער פליטים

מ. גיציס

דריי דיכטער

(אימפרעסיעס)

א.

עס זענען פארשידן די וועגן פון קונסט, פונקט ווי עס זענען פאר־שידן די גייסטיקע וועגן פון לעבן. און פונקט ווי עס זענען פארשידן די וועגן פון לעבן, פונקט אזוי זענען פארשידן די דיכטער — מיט זייערע טראַכטענישן און שטימונגען, מיט זייערע מאַטערנישן און מיט זייערע פריידן, מיט זייערע וועלטאַנשויאונגען און מיט זייערע מיטלען פון אויס־דרוק. יעדער גייט זיך אויף דעם וועג פון זיין דיכטונג צו דעם לעבן, אָדער פון דעם לעבן — אַלע טראָגן זיי אָבער דעם פונק פון באשאַף, ווער אונטער אש, און ווער אין דעם פאַקל פונאַנדערגעבלאָזן. אידישע דיכטער— די מערהייט פון זיי, טראָגן נאָך חוץ דעם פונק, אויך א גלויבן, דעם גלויבן אין דער גערעכטיקייט, וואָס ווערט סימבאָליזירט און סובלימירט מערסטנס אין דעם נאָמען גאָט.

יעדער דיכטער, אפילו דער ווינטיקסטער, אפילו דער אומגעצוימט־סטער ווערט רעגולירט אין זיין שאַפן פון געוויסע געזעצן. די געזעצן זענען שטרענגע, ווי עס זענען שטרענג די געזעצן פון דער נאַטור אליין, וואָס האָט ליב רונדקייט, וואָס האָט פיינט פוסטקייט, וואָס היט אָפּ איר ריטם אפילו אין דעם טראָפּן רעגן, וואָס פאַלט פון דאַך. אמת, קינסטלער רע־וואָלטירן: זיי צערייסן די געזעצן און די געבאָטן פון קונסט, זיי ווערן "אָרי־גינעל"; זיי צעשרייען זיך אָפּט מיט ווילדע משונהדיקע טענער, זיי דער־הייבן זיך איבער דעם אייגענעם שכל און גייסט, אָדער זיי לאָזן זיך אַראָפּ אין די טיפקייטן פון אייגענע עגאָצענטרישע און עקסצענטרישע צירקלען פון געדאנקען ארום געדאנקען, און עמאָציעס אַרום עמאָציעס און זיי לאָזן

זיך אויף די צעבושעוועטע כוואַליעס פון לעבן און פון דיכטונג, ווי זיי וואַלטן זיך געלאָזט אַף קדוש השם. — ס'איז אמת: דאָס לעבן פון דעם מאָדערנעם אידישן דיכטער און אפילו פון דעם אַלטן אידישן דיכטער, איז שטענדיק געווען אַרומגעצוימט מיט שאַרפע שטעכיקע דערנער — און ווי דאָס לעבן איז, אזוי איז די דיכטונג. עס איז ניט בלויז דער פיזישער "קאָנצענטראַציע לאַגער" אין וועלכן דאָס לעבן האלט דעם אידישן דיכטער, עס איז אויך דער גייסטיקער "קאָנצענטראַציע לאַגער" אין וועלכן די דיכטער זענען איינגעשלאָסן — דער לאַגער פון פאַרצוימטן און ארומגעצוימטן געדאנק, דער לאגער פון צעטראָטענע אמת'ן, פון היפּאָקריטישן וואָרט און פאַלשן האנטדרוק — דערפאר די אָפּטע משונהדיקע, גרילצנדיקע און אָפּט היסטערישע אויסגעשרייען, דערפאר דער ריטמלאָזער, דער רואיקלאָזער, דער סינקאָפּאַטישער און אָפּט ווילדער טאַנץ פון וואָרט אין אידישן ליד.

אָבער אויב מ'ברעכט דעם געזעץ פון קונסט, אויב מ'רעוואָלטירט געגן די אַלטע פאָרמען, אויב מ'קומט מיט א נייעם געוואַגטן טאָן אין קונסט, מוז אויך דער נייער טאָן, דער נייער געזעץ האָבן אין זיך דאָס קערנדל פון דעם אייביקן אמת, וואָס זאָל אריינדרינגען אין דעם גייסטיקן אויער און אין דער נשמה פון צוהערער, ווי א נאטירלעכער, ניט פרעמדער עלעמענט, אָן עלעמענט, וועלכן מ'קאָן אַסימילירן מיט דעם געדאַנק און מיט דער עמאָציע, וואָס שאַפן דעם גייסטיקן גענוס.

אונדזערע דריי דיכטער, וועגן וועלכע עס וועט דאָ ווערן גערעדט, האָבן אויך געבראָכן געזעצן, איינער מער, איינער ווייניקער. ווי אזוי מ'זאָל עס ניט אָנרופן, מיט וואָס פאר א וואָרט מ'זאָל ניט באַצייכנען די פרייהייט וואָס די דיכטער האָבן גענומען אין פורעמען זייער ליד, דאַרף מען אָבער באגריסן זייער שטרעבונג אָפּצורייסן זיך פון באַנאַליטעט און שאַפן זייער אייגענע אינדיווידועלע פאָרמע פון אויסדריק. אויף וויפל דאָס געלינגט זיי, איז אַן אנדערער ענין. קיינער פון זיי איז ניט געקומען מיט קיין נייעם אָריגינעלן סטיל און קיינער פון זיי איז ניט קיין אינאָוואַטאָר אין דער דיכטונג, איעדער פון זיי האָט אָבער זיינע באזונדערע כאראקטעריסטישע און אינדיווידועלע שטריכן, וואָס טיילן אים אָפּ און טיילן אים אויס פון די איבעריקע.

דער ערשטער פון די דריי דיכטער, אַלטער עסעלין, איז דער דיכטער פון ערדישן צער. דאָס ערדישע איז בא אים קאָנקרעטער און נענטער, דאָס אַבסטראַקטע — פאַרנעפּלט און צעשוואומען. אין וואָס, אייגנטלעך, דריקט זיך אויס דער ערדישער צער בא אים? איז דאָס די בענקשאפט נאָך ערדישע תענוגים, נאָך עסטעטיש־רייכער סביבה, נאָך א רואיקן און באַקוועמען לעבן? אויב עס איז אפילו אזוי, דריקט ער עס ניט אויס אין זיינע לידער. ער זאָגט ניט קאָנקרעט וואָס ער וויל און נאָך וואָס ער בענקט, חוץ די לידער אין וועלכע ער רעדט וועגן און צו די קאַלעגן דיכטער. דער ערדישער צער רעדט בא אים ארויס פון יענע לידער, וואו ער רעדט וועגן אָרעמקייט. "אָרעמקייט" ווערט דער קאמפּלעקס, אָדער ריכטיקער, דער

לייט־מאַטיוו אין אַ גרויסע צאָל פון זיינע לידער.

עס ווערט פאַרשטענדלעך, אפשר נאַטירלעך, ווען מיר ווייסן, אַז דער דיכטער איז א פּראָלעטאַריער, ווען דאָס לעבן האָט ניט צופיל געבאַ־לעוועט. עס וואָלט אָבער געווען אַן אומרעכט צו זאָגן, אַז דער מאָטיוו פֿון אָרעמקייט גייט בא אים דורך אין זיינע לידער ווי א אויסגעפּורמטער, אויסגעהאַקטער איינגעשפּאַרטער געדאַנק אונטער וועלכן עס איז מער גאָר־ניט ניטאָ — בלויז עסעלין דער פּראָלעטאַריער און מאַטעריאַליסט. אין יעדן ליד, אפילו אין די לידער וואו ער רעדט בלויז פון אָרעמקייט, שיינט ארויס א דימענט, שיינט ארויס די טרער, דער צער און טיפע בענקעניש נאָך דעם עכט גייסטיקן, נאָך דעם עכט1שענסטן, נאָך דעם עכט פּאַרטיפטן, וואָס איז אזוי אָפט סימבאָליזירט בא אים אין דעם וואָרט ליד, וואָס מיינט שאַפן, און גאָט, וואָס מיינט גערעכטיקייט און אמת׳דיקייט. אין דעם ליד ״איך בין אָרעם״ זאָגט ער:

מיין שכן האָט אַלץ —
אי ברויט, אי לאַנד, אי רום,
זיין לעבן שפּילט, ווי א לוסטיקער וואַלץ.
זיין נאָמען ברענט ווי א פייער שילד
וואָס הענגט אינמיטן שטאָט;
אַ קנעכט איז אים אפילו גאָט.

א פייגעלע טרילט סיי טאָג סיי נאַכט
אין א גאָלדענעם שטייג אויפן וואַנט —
פון פרילינג אין יאַפּאַנס א וואלד,
נאָר דער פויגל רעגט קיינעם ניט אָן,
דער פויגל וועקט קיינעם ניט אויף.
מיין שכן איז רייך, אים איז גוט,
גוט, און — אפשר ניט גוט.

נאָר איך בין אָרעם, האָב גאָרנישט ניט,
בלויז אַ האַמער, אַ זעג און אַ דלאָט.
און ווען דער וואָלקנפּלאַם ווי אַן ארעם פון גאָט
ברענגט מיך אהיים — מיינע שטומע פיר ווענט,
בין איך מיד
און קאָן מיינע הענט ניט הייבן צו גאָט.

און אַז איך הייב זיי אויף — פאַלן זיי אַרונטער,
ווייל די הענט מיינע זענען נאָך שווערער פון יאָך
און גאָט איז מיר איינציק, ערשטער און לעצטער
פאר מיין הארץ וואָס איז גול אין בראָך,

פאַר מיין אויג וואָס איז טיף און לויפט איבער.
איך בין אָרעם, איך האָב גאָרנישט ניט,
נאָר א האמער, אַ זעג און א דלאָט,
און א דימענט וואָס לויכט אין מיין פינצטערער ליד,
און א טרער וואָס ברענט אין מיין תפילה צו גאָט.

אין זיין ליד „מיין היים" זאָגט ער:

מיין היים אויף אָרימגאָס — אַ צענטער־פונקט אין שטעטל. . .
באַשערט מיין נאָמען הענגען אויף דעם שנאָרער צעטל.
נאָר מיר איז ער אַיינברענגלאָז אפילו אין רעליף,
וואו בירגער שטייען מיט רעגירונגס־בריוו
און וועגעלעך פאַר שולקינדער צו שפּילן.
אז איך קום פון דאָרט — גאָט, סאַרא ווידערווילן
עס זעצט אין מיר צום גאנצן לעבן.

און ווידער אין זיין ליד „אונדז געהערט":

אונדז געהערט א שווארצער שטח שטאָטיש האַרטע ערד,
שטייגן גאָריקע פון שטאָל און שטיין מיט קרעכצנדיקע טרעפּ,—
און גראָבע ברויט מיט באָב און קרויט צום פּרעס פון שווארצע
טעפּ
און קרייטעכער וואָס פאַסן פאַר מאַלפּעס און פאַר פערד.

מיר זעען ווי די אָרעמקייט פאַרצערט זיין גייסט, דעם דיכטערישן גייסט זיינעם, וואָס וואָלט זיך געקאָנט דערהייבן צום אמת'ן זין פון לעבן, ווען ער וואָלט געוואָלט דערזען אין זיך און שעצן אין זיך און אין מענטשן בכלל דאָס רייכטום פון גייסט, פון שאַפונג, און דערזען דעם זין פון עקזיסטענץ אין אַלגעמיין. ער גיט צו, אז ער שעמט זיך ניט מיט זיין אָרעמקייט און מיט ארבעט, מיר האָבן אָבער בא אים בלויז איין ליד „א לויב צו ארבעט" און קיין איין ליד וואָס זאָל זיין א לויב צום לעבן גופא:

שווער און מיזאָם ווי מיין לעבן
שפּאַן איך מיט מיין שווערן קלעם —
איך האָב א שבועה זיך געגעבן
ניט צו שעמען זיך מיט דעם
עס זאָל מיין דלאָט, מיין לאָם און האָמער
ניט פאַרשעמען מיינע הענט,
ווי אין לייב פון מיינע שטאָמער —
בלוט, וואָס פון מיין זיידן ברענט.

דער מאָטיוו פון אָרעמקייט גייט בא עסעלינען אָפט מיט דעם מאָ־טיוו פון איינזאַמקייט, אָבער איינזאַמקייט טראָגט שוין מיט זיך אַ גע־וויסע סענטימענטאַלקייט, איינזאַמקייט אָטעמט שוין מיט שטימונגען און שטימונגען זענען די ליבלינגען פון א דיכטער. דערפאַר זינגט שוין עסעלין וועגן איינזאמקייט מיט אַן עלעגישן טאָן. אין אַלגעמיין איז עסעלינס ליד עלעגיש־בלוי, און ניט "פינצטער שוואַרץ" ווי ער מיינט; איינזאַמקייט דערהייבט זיין טאָן פון אַ מינאָר צו א מין הפקרדיקן מאַזשאָר ווי אין דעם ליד "סאַלוט צום איינזאמען":

סאלוט צו דעם, וואָס זינגט דעם איך באם ראנד פון אונטערגיין
און שפילט געטריי דעם טרוימענשפיל וואָס קומט פון זיך אליין,
ווי מילך אין מוטערברוסט, וואָס טריפט אין זויגלינגס מויל,—
ביז אַנהייב מישט זיך אויס מיט סוף און פאַלט ווי פון א קויל.

און ווייטער:

דער שענסטער איז דער איינזאמער, אפילו אין א שיינק,
וואָס שטומט אין קרייז פון היימלאָזע אויף קרעכצנדיקע ביינק
און זעט דאָס גאַנצע לעבן זיינס — א פינסטערער סימבאָל,
אז פאר א פלעשל, ווי פאר א גאָט, צעוויינט ער זיך אמאָל;
און ווייל ער ווייסט שוין, אַז דאָס וויינען איז דאָך אויך אומזיסט,
איז נאָך א שלונג, א ברען אין קעל, און ווי אַן אמעטיסט
פינקלט אויף א בייזער שפיי אין ווינקל פון דעם דיל,
ביז וואָר פארשווינדט, און חלום קומט אינטים אין טויבנשטיל.

ווי בא יעדן עכטן דיכטער, וועמעס ליד איז דער מעדיום, וואָס פארבינדט אים מיט דער גייסטיקער, מיט דער אַבסטראַקטער ספערע פון לעבן, אזוי דערהערט מען אויך אין עסעלינס לידער די פאַרוויקלטע אין נעפלען מעדיטאַציעס וועגן לעבן, וועגן טויט, וועגן פאטום, וועגן ליבע— אַבסטראַקציעס, וואָס זענען אפשר אזוי פּאָעטיש, ווייל זיי קומען פון דער טיפקייט און פון דער טונקלקייט. מיר פארגעסן אין דידאַזיקע לידער וועגן עסעלינס אַנטיפּאַטיע צו דער אָרעמקייט. ער נעמט אונדז אויף זיינע ווער־טער און פירט אונדז טיפער צו זיך. אמת, מיר ענטדעקן ניט אין אים דעם מענטשלעכן גלויבן, און ליב צו דעם, וואָס האָט באשאפן אזא גרוי־זאַם, אזא מיסטעריעז און אין דערזעלבער צייט אזא וואונדערבאַר לעבן; מיר דערהערן אָבער זיינע פילאָזאָפישע מעדיטאַציעס, אָפט אויך שטי־מונגען, וואָס זענען דיכטעריש רייף, שטימונגספול און אָפט געדאַנקענפול — די געדאַנקען און שטימונגען פון א פעסימיסט, וואָס זוכט און ווייסט אַליין ניט וואָס ער זוכט פון לעבן. עס איז בא אים ניט די זוכעניש פון אויסלייזונג פאר דער וועלט און פאר דעם כלל, עס איז די זוכעניש פון

דעם אינדיווידואַליסט, וואָס ווערט פאַרפאַלן אין די לאַבירינטן פון די אייגענע מעדיטאַציעס און עמאָציעס. און ווען ער רעדט וועגן דעם מענטש־לעכן גורל, ווײַל ער ניט קוקן אין דער פערספעקטיוו פון, זאָל זײַן, אַן אוּ־טאָפּישן טרוים. ער קוקט צו דער לעצטער שורה, צום באַלאַנס, צום טויט.

דער טויט איז ניט קיין בייזער טיגער
און ניט קיין בלינדער געץ פון לייד;
ער שנאַלט אין נאָז די שטאָלצע זיגער
און ברענגט די היימלאָזע אהיים.

און אין ליד "דער טויט קומט אין אָרים הויז":

דער טויט קומט אין אָרעם הויז א זיכערער,—
ווי א גאסט צו אייגענע — ער קלאפט ניט אָן אין טיר...

עסעלין רעדט אין זיינע לידער אָפט צו גאָט. און זיינע רייד צו גאָט זיינען ווידער די רייד פון אן איינזאמען. איינזאמקייט איז נאָך אַלץ די עס־סענץ פון זיין פילאָזאָפישער דיכטונג. און די ווערטער זיינע צו גאָט זענען אסאך מילדער ווי איוב'ס. ער האָט ניט קיין טענות, עסעלין, ער מאָנט ניט און ער צאָרנט ניט. זיין גאָט איז אן אל מלי רחמים; אָבער עסעלין בעט ניט קיין רחמים, ער רעדט צו אים ווי מ'רעדט זיך אויס דאָס האַרץ אין א בריוו צו א נאָענטן מענטשן, וואָס איז אוועק ווייט, ווייט און קאָן סיייוי ניט העלפן. עסעלין ווייס עס זייער גוט. אין דעם ליד "איך האָב זיך גע־ריניקט" **זאָגט ער:**

וועסט מיך דערקענען — דעם קלענסטן,
אין רייע — דער לעצטער, א ריינער.

אין דעם זעלבן ליד:

איך האָב זיך אין טרערן געוואַשן.
גאָט, איך האָב זיך געריי ניקט.

אין דעם ליד "ווייס־פלאַמיקער מקדש:"

מיט אַלע מיינע אברים וועל איך קניען:
גאָט פון דער גרויסער וועלט,
איך בין מיד פון שונא'ס יאָך.
איך בין מיד און שוצלאָז,

זע ווי אַ וואַסערפּלאַנץ מיין שטילקייט;
ווי א מעסער — דער טרויער אין די נעכט.

און אין דעם ליד: ״פאַר דיר״

מיין געבעט:
עפן דיינע תהומען פאר מיין איינזאמקייט,
נענטער, נענטער צו דיר.
וואָס וועל איך טאָן מיין גאָט —
באַלד ווייזן זיך די לייט
מיט רויש פון גאַס און לאַסט פון טרייסט.
שווער און איבעריק —
ווי אין וויסטע נעכט דער רעגן אויף אַ טייך,
וועלן פאַלן זייערע רייד
אויף מיין נשמה...

און דערפאַר זאָגט ער אויך אין זיין ליד ״קיינער זינגט ניט״:

זינג ניט צו גאָט דורך תהילים:
אייגענעם טעקסט דערפינד.—
רוי ווי וואונד און דין ווי ווינט,
וועסטו גאָט דערזען דורך אַ טרערן פילם,
קלאָר זעט אים קיינער ניט.

מיר געפינען בא א. עסעלינען אַן א שיער מעדיטאציעס, געדאַנקען און וואנדונגען צו גאָט און ס'איז מער דיכטערישער מאָטיוו און באמת מער ״דאָס אויסריידן זיך דאָס האַרץ״, ווי רעליגיעזער אָנשטעל. ווייל אויב עסעלין האָט ליב אַמאָל אָנצונעמען א פּאזע, איז דאָס מער א מענטשלעכע פּאָזע, ווי אַ פּאָזע פון אַ גאָטזוכער. אָט קאָן ער, אַשטייגער אַזוי א זאָג טאָן, אין זיין שיינעם ליד ״כבוד״:

פאַר דעם גאָט פון אברהם, יצחק און פון יעקב
האָט שבת נאַכט מיין באַבעלע געוויינט.
מיט אירע דינע הענט דאָס פנים צוגעדעקט —
שטיל — פאר עפעס וואָס געבעטן... א.א.וו.

און ער פאַרענדיגט דאָס ליד:

צו ערן איר,
האָב איך די וויקטראָלע אָפּגעשטעלט,

און האָב אזוי מיט ציטערנדיקע הענט
דעם טענאָר פון ״לאַ באָהעם״
צעבראָכן אויף דער העלפט!

דאָס איז פּאָזע, ניט עכטע, ניט אמת׳דיקע, און פּאָזע איז אויך דער סוף פון גוטן ליד ״חצות:״

געטשקעס, לאַנג אויסגעקליגטע, זענען מיינע נערער.
איך יום־טוב נישט מיט טרוקן ברויט —
אַ פרעמדע וויסטע חגה.
מיך לאָקט דער ווין און ליכטיקייט פון פריילעכע האָטעלן
און טרייסט ברייננגט אויך אַ גאַסנווייב
מיט ליבע פון באָרדעלן.

אָבער וועלכער דיכטער האָט דען ניט פּאָזירט אין זיינע לידער? דאָס פּאָזירן איז א טייל פון זייער דיכטערישער באזונדערקייט און אינדי־ווידואַליטעט און דאָס גיט צו אפשר א סך חן צו דער דיכטערישער פּער־זענלעכקייט.

אויב עסעלין רעדט צו גאָט מיטן האַרץ, רעדט ער דערפאַר צום מענטשן מיט קאָפּ. עסעלין גלייבט ניט דעם מענטשן; ער האָט ניט קיין צוטרוי צו אים. דער מענטש איז בא אים מער רשע ווי צדיק און זעלטן האָט ער א גוט וואָרט פאַר אים חוץ די דיכטער־מענטשן, אָרעמע מענטשן און פרויען מענטשן וואָס איך זאָג עס מיט ערנסט, ווייל די דאָזיקע מענטשן האָבן צוגעטראָגן ווער אַ פונק, ווער אַ גוט וואָרט און ווער אַ לאַסקע צו זיין בענקענדיק האַרץ. ער האָט ליב די באַשיידענע אָרעמקייט, זעענדיק זיך אינדערמיט, און זיין מאַטאָ, אין גייסט און אין וואָרט, וואָלט געקאָנט זיין יעזוסעס: געבענטשט זענען די הכנעהדיקע. ער האָט פיינט דעם אָנ־שטעל פון רייכע און פון צעבאַלעוועטע; ער קאָן ניט גלייבן אין דער אויפ־ריכטיקייט פון דידאָזיקע, וועמעס האַרץ עס איז באַצירט מיט גאָלד און דימענטן; ער האָט פיינט דעם פיליסטער וואָס וויל בלויז זאַטקייט און רו־איקייט; ער פּראָטעסטירט אָבער ניט עסעלין און וואַרפט ניט מיט פלאַמי־דיקע פונקען — ער איז הכנעהדיק. ער טראָגט מיט זיך א פילאָזאָפיע פון לעבן, וואָס איז אָנגעפילט מיט טריבלעכן וועלטשמערץ און ער טראָגט ערגעץ יאָ אַ פּראָטעסט אין געדאַנק, ער גייט אָבער ארום מיט הענט אַראָפּ־געלאָזענע אין מאַכטלאָזיקייט, אין מאַכטלאָזיקייט געגן דעם אומגערעכטן, געגן דעם פּאַראַדאָקסאַלן, געגן דעם מיסטישן און קאַליידאָסקאָפּישן אין לעבן. ער איז ניט דער קעמפנדיקער פּראָלעטאַריער מיטן האַמער אין האַנט, ער איז דער דיכטער־פּראָלעטאַר מיט דער פען אין האַנט אַ פען וואָס ער טונקט אָפט אין אייגן בלוט. ווען ער מאָלט די אָרעמ־קייט ארום, מאָלט ער זי צו שאַפן דעם קאָנטראַסט צו דעם רייכטום. זייגע

לידער "בא אונז אויף די גאַסן", און "איצטיקעס", און "געבורט" און אַ צענדליק אנדערע לידער זאָגן עדות, אז עסעלין איז אין זיינע סאָציאַלע לידער מער מאָלער, מער דיכטער ווי טריבון און טרובאַדור. און בלויז אין דער ליד "ניט דו, אַן אַנדערער", וואו זיין דיכטערישע וויזיע פאַרטראָגט אים צו די טעג פון אויסלייזונג און ער שטעלט זיך פאָר ווי עס קומט דער אויסלייזער, דער משיח, זעט אים עסעלין אַ מיליטאַנטישן, א משיח וואָס קומט מיט גבורה און מיט האַס...

שפעט געקומענער — פון ווייטן,
איך האָב דיך ווידער ניט דערקענט.
וויפל מאָל וועסטו זיך בייטן
מיט די קייטן אויף די הענט?
איך מאָל דיך מיט אַ שווערד און קיווער
(ניט ווי לייוויק מאָלט דיך אויס),
זעסטו אויס גאָר ווי אבי ווער,
ווי דער מילדסטער פון מיין הויז.

גבורה, האַס, — ביז שפיכות דמים:
אָט אויף וואָס איך האָב געוואַרט.—
האָסטו גאָר א נזיר־פּנים,
גוף ווי דאָרן אויסגעדאַרט.

גייסט? נו, גיי זיך דיר בשלום:
אַ שטאַרקערער פון דיר קומט אָן;
ער וועט מאָנען, ווי איך מאָל אים:
אויג פאַר אויג און צאָן פאַר צאָן.
און אויב ער וועט דאָס אויך ניט קענען,
ווייל אים רייפע שנאה פעלט —
וועל איך זיין געמעל פאַרברענען
און אַוועקגיין פון דער וועלט.

דאָס איז דאָס איינציקע ליד פון מאָנונג. ווייטער בלייבט עסעלין ווידער טריי צו זיך, צו זיין פעסימיזם.

מיר האָבן געזען ווי אזוי אין אָרעמקייט און אין איינזאַמקייט ווערט געשאַפן זיין "פינצטער ליד". ווי כ'האָב שוין פריער געזאָגט, זענען בא עסעלין פאַראַן מאָמענטן, וואָס קומען אָן מיט צעריסענע ראָמאַנטישע שטי־מונגען, שטימונגען, וואָס לאָזן איבער אַ דינעם אַראָמאַט פון בלומען, דאָ און דאָרט אַ פונק פון אַן איידל־שטיין, דאָ און דאָרט אַן אַקקאָרד אויף דער פיאַנאָ און מ'דערפילט די אַנוועזנהייט פון פרוי, וואָס איז ווי די מוזע: זי קומט ניט אָפט, אָבער ווען זי קומט, אינספּירירט זי אים מיט דידאַזיקע

שטימונגען. עס זענען בא עסעלינען פאַראַן א צאָל לידער אין וועלכע ער רעדט וועגן דער פרוי און צו דער פרוי. אין זיין ליד "האַרבסט דערמאָנט" הערן מיר:

קוק ניט אין פענצטער באַנאַכט ווען עס רעגנט.
פאַראַן אזא טרויער וואָס דרינגט דורך די שויבן
פאַראַן אזא אמת וואָס דו וואָלסט ניט גלויבן
אין האַרבסטיקן פענצטער פאַרנאַכט ווען עס רעגנט.
לאַנגזאַם און שטעכיק ווי מוסר פון גרייזן
קנוילט זיך פאַנאַנדער דער וואָרהייט אין גרויען,
דיין אַלטע האַרץ וואָס איז שטאַרקער פון אייזן
פאַרבענקט זיך נאָך בראָנפן און צאַרטקייט פון פרויען.

אָבע ראַפּילו אין האַרבסטיקן אָוונט, ווען עס בענקט זיך נאָך צאַרט־קייט, געדענקט ער, אַז

דאָס אָרעמע האַרץ, נאָר עס פלאָנטערט און פלאָטערט
אַריבער דער ווייטסטער פּאַנטאַסמאַגאָריע;
אויף יענער זייט ווייט ליג טדיין לעבן צעפּטר'ט,
א שד לאַכט אין פענצטער — מעמענטאָ מאָרי.

עס איז אים אומעטיק דעם דיכטער און ער בענקט נאָך פרויען־צאַרטקייט. אָבער אין דער בענקעניש זיינער, צו וואָס די בענקעניש זאָל ניט זיין, איז שטענדיק בא אים צוגעמישט אַ טראָפּן גאַל. ניין, ער איז ניט גאַליק, זיינע רייד זיינען אָבער ביטערלעך און אָפט פול מיט שפּאָט און דאָס וואַרפט א חשד, אַז אונטער די ווערטער ליגט אַן אינפיריאָריטעט קאָמ־פּלעקס, וואָס נערט זיך מיט דעם קאָמפּלעקס פון "אָרעמקייט". אין דעם ליד "צו לעאָנאָר" לייענען מיר:

מיין ווינקל אויג באַגלייט דיך אָפט ווי אין א שאָפּען־וואַלץ...
מיין שטומע צונג, א לעאָנאָר, צי קאָן זי זאָגן אַלץ.
דו ביזט דאָך פאַרט אָט דאָ די איינציק אנדערשטיקע פרוי,
פאַרוואָס אָבער, צום טייוול, בלאָזטו זיך אזוי?

און ער פאַרענדיקט דאָס ליד מיט א פאַרטרעפלעכן עפּיגראַם:

איך זאָג: ס'אַרא צער עס איז אויף דעם פּאַווע־מין,
וואָס פאַרדעקט מיט גראָבע פאַרב דעם קאָפּ, וואָס איז שפּילקע דין;
מאַכט פון דעם אייגענעם עק א דיאַדעם...
און בלאָזט זיך נאָך, און בלאָזט זיך נאָך מיט דעם.

אינטימער און נענטער זענען זיינע לידער צו די קאַלעגן דיכטער. זיי זענען ווי פּאָעטישע בריוו "פארהוילטע אין נעפּל און אין טרויער פון רייד" ווי ער רופט אָן די קאָלעגן אין דעם ליד "פּאָעטן":

פארהוילטע זענען מיר אלע,
אין נעפל פון טרויער און רייד:
טוט א פריידיק וואָרט אויף אונדז פאַלן,
קלעקט קוים פאר איינעם די פרייד.

ווי גנאָמען אין טונקעלע צעלן,
צוזעצט זאלבעדריט, זאלבעפערט
פארגלידערט, פארוויגט אין א העלן
פארחלומטן סוד אויף דער ערד.

אַמאָל ווי פארליבטע אקטיאָרן,
וואָס שפּילן דעם היפּער עסטעט,
און ווערן פון שארפזין און יאָרן
אזוי ווי א קילער סטילעט.

און אמאָל ווי באליידיקטע פרויען,
וואָס שמייכלען מיט טויטלעכן פעסט;
דו וואָלסט זיי אַ וואָרט ניט געטרויען,
און ליבסט זייער דיכטערישן זשעסט.

און אין זיין ליד "ווי ווייט איך בין" זאָגט ער ארויס דעם פארבאָרגנסטן וואונש זיינעם, די פארווירקליכונג פון וועלכן וואָלט אפשר אויסגעהיילט אלע וואונדן, וואָס פייניקן דעם דיכטער — דער וואונש צו האָבן א סביבה — דער וואונש פון אסאך עלנדע, טרוימענדע דיכטער. דאָס ליד "ווי ווייט איך בין", איז דאָס אמת'דיקע און אויפריכטיקסטע ליד זיינס אין וועלכן מ'דערזעט אים דעם דיכטער אַ מענטשלעכן, אַ נאָענטן:

מאָדנע ווי עס בענקט זיך נאָך קאָלעגן
אין לאנגווייליקע הארבסטיקע פארנאכטן,
ווען קופּעס געלע בלעטער אויף די וועגן
דרייען זיך אין וויכערדיקע אכטן.

איינזאַמע, קליינשטעטלדיקע הויפן,
פארוועניוס מיט אַנגעשטאָפּטן מאָגן;
ווי וואָלט איך איצט אַ באַאן בילעט מיר קויפן
און פאָרן וואו די אויגן וואָלטן טראָגן.

איך גרייט זיך אַלץ און קען זיך ניט דערנענען
צום וואונדער־לאַנד פון וואונדן און פון האָניק.
איך האָב דאָך נאָך קיין איינמאָל ניט געזען
לאַנדוי׳ן, נחום יודן אָדער ראָלניק.

פריילעכער וואָלט איך מיין לאַסט געטראָגן,
חלום וואָלט ניט טריקענען אין טינט.
איך בין אַזאַ, וואָס קאָן נאָך לידער זאָגן,
און וואַרפן זיך מיט לידער אויפן ווינט.

מאָדנע ווי עס בענקט זיך נאָך קאָלעגן,
נאָך דיכטער בא די טישן פון קאַפיי,—
ווען וויסטע ווייט און טרויער אויף די וועגן
דערמאָנען מיר ווי ווייט איך בין פון זיי.

ניט קוקנדיק אויף דער פּילזייטיקייט פון טעמאַטיק און שטימונגען בא עסעלין, ניט קוקנדיק אויף די דיכטערישע קאָמפּלעקסן, פּאַזעס, אויף זיינע פילאָזאָפישע מעדיטאַציעס, אויף זיין אינטעלעקט, וואָס איז אים פּרעמדלעך און אויף זיינע געדאַנקען, וואָס זענען צעוואָרפן דאָ און דאָרט ווי קאָרעלן, ניט פאַרבונדענע און ניט פאַרקניפּטע אין איין שנור, שוועבט אָבער איבער דעם אַלעמען איין ניגון, דער ניגון ווי אַ באַגלייטער צו דער סימפאָניע פון זיין דיכטונג, און דער ניגן איז דאָס געזאַנג פון זיין אידיש הארץ, דער ניגן פון זיין אידישקייט. עסעלינס אידישקייט איז אַ מאָדערנע גרויסשטאָטישע אידישקייט וואָס שעמט זיך ניט מיט די אַלטע קרובים, מיט דער אידישקייט פון דעם אַלטן פאַרגעסענעם שטעטל. ער איז דער דיכטער וואָס זינגט אין דער טיפקייט פון זיין נשמה מיט די טענער פון כל נדרי, וועלכע ער האָט רעפּראָדוצירט אין אַ אידיש־איראָפּיאישער סאָ־נאַטע. איך זאָג איראָפּיאישער, ווייל אין עסעלינס דיכטונג פילט מען כמעט ניט דעם ריטם און טעמפּאָ פון אמעריקע. אין זיין, אין עסעלינס, שול באם עמוד שטייען בלומען און אין זיין טלית זענען ארייַנגעוועבט איידל־שטיינער, רובינען, סאַפּירן, אַגאַטן און אמעטיסטן וועלכע ער האָט אַזוי ליב צו דערמאָנען אין־זיינע לידער. דער חזן איז ער אַליין, זינגט טרויעריק־עלעגיש... און ער זינגט ניט פון סידור — ער זינגט פון האַרץ... זיינע איי־גענע ווערטער, זיין אייגענער ניגון, צו זיין אייגענער עדה — די עדה פון דיכטער, דאָס לעצטע ליד צו דעם לעצטן אידישן שבט, ווי עסעלין מיינט.

ב.

פון איין דיכטער צום צווייטן, איז ווי פון איין מעלאָדיע אין אַ צווייטער. אָפט גיסן זיך מעלאָדיעס איינע נאָך דער צווייטער אַזוי לייכט,

האַרמאָניש און נאַטירלעך, אַז עס ווייזט זיך אויס — עס איז איין ליד, איין ניגון. ס'איז אָבער ניט אַלעמאָל אַזוי. אָפט מוזן מיר בייטן דעם טאָן, בייטן דעם טעמפּאָ און מיר דערפילן, ווי מיר האָבן אָנגעהויבן אַ ניי ליד, אַן אַנ־דער ליד, וואָס פירט אונדז אין אַנדערע שטימונגען. ווען אַפילו די עמאָ־ציאָנעלע קראַפט, וואָס טראָגט אויף די זינגענדיקע פליגל, איז די זעלבע. ווען מיר לאָזן זיך טראָגן אויף די פליגל פון די שטימונגען, וואָס שלמה שוואַרצעס לידער ווייען אָן, דערפילן מיר גלייך אַן אַנדערן טאָן, אַן אַנ־דערע טעמפּאָ און עפּעס אַן אומרואיקייט,וואָס קומט פון ניטצוגעוואוינטקייט, פון אַרומיקער אַנדערשקייט. ווייל שלמה שוואַרצעס לידער זענען ניט פון דידאַקטיקע לידער וואָס גיסן זיך אַריין אין האַרצן מיט סענטימענטאַלער מוזיקאַלישער זיסקייט.

שלמה שוואַרצעס לידער זענען לידער פאַר שלמה שוואַרצן, אָדער אַזעלכע לייענער, וואָס ווילן און קאָנען נאָכפאָלגן זיין געדאַנקען גאַנג, זיין ריטם, זיין פאַרכישופטע, פאַרנעפּלטע, פאַנטאַסמאַגארישע זיגזאַגן פון וואָרט, פון שטימונג און אימאַזש. ער איז דער דיכטער, וועמעס וואָרט עס קאָן זיך אָפּשפּיגלען בלויז אין איין שפּיגל. אין זיין אייגענעם שפּיגל. ווילט איר אים קאָנען, מוזט איר אים זוכן אין דעם שפּיגל אין וועלכן ער זעט זיך אַליין, אין דעם געוויינלעכן שפּיגל, וואָס רעפלעקטירט אַלעס פּשוט, און איינפאַך, וועט איר אים ניט זען. פאַרוואָס? איז ער אַ סנאָב אין דער פּאָ־עזיע, אַן אַריסטאָקראַט, וואָס טראָגט זיך מיט זיין אייגענעם שפּיגל, צי גאָר אַן אויסטערלישער דיכטער, וועמעס פאָרם און וועמעס ניגון איז אױ־סטערליש און פרעמד צו אונדזער רונדער, סימעטרישער און טאַקטפולער וועלט? ניין, ער איז ניט קיין סנאָב אין דער דיכטונג, און אויך ניט קיין אַריסטאָקראַט אין דער דיכטונג. ער איז דער פּאָעט וואָס רעדט די שפּראַך פון דעם שטילן, טויטן לעבן, אָדער ווי מעבאַצייכנט עס אין ענגליש **Still Life.**

ער לאָזט אונדז הערן די שפּראַך פון שטילן, טויטן לעבן, פון דעם לעבן אַרום אונדז וואָס נעמט אונדז אַרום מיט אַ מין "מאַטעריעלער אַב־סטראַקציע" און איז רעלאַטיוו לעבעדיק אין טויט: — דאָס ווינקל, די שוועל, די פּיאַנאָ דאָס לעכט, דער ליכט־טורם, דער פּאַרק, די נעגל פון אַ פרוי, די וואָלקנס, דער ווינט — מיט איין וואָרט, אַלעס, וואָס איז אַרום אונדז, אַ טייל פון אונדז, וואָס רעדט ניט אַליין, אָדער וואָס רעדט יאָ און מיר הערן ניט. קומט דער דיכטער שוואַרץ און הערט זיך איין און וועט דער מעדיום און זאָגט צו אונדז: האָרכט, ווי דער פּאַרטאָג רעדט... האָרכט, וואָס דער וואָגן פון דעם מילכמאַן דערציילט אין שטילן, אָבער שטימונגס־פולן פאַרטאָג... האָרכט! און אויב איר קאָנט אויפכאַפּן שוואַרצעס לידער, הערט איר ווי דאָס שטילע לעבן רעדט. ניט ווי שטיל לעבן אין אַ פּאַבעל, מיט וויץ, הומאָר און משל, און ניט אַפילו ווי אַ. לוצקיס שטיל לעבן רעדט — פילאָזאָפיש דיכטעריש, נאָר ספּעציפיש שטימונגספול, אָפט עלעגיש־טרויעריק און שטענדיק ראַפינירט־עסטעטיש אַלאַ־שוואַרץ.

מעטאַפאָרן מיט שווערע גראָבע פּליגל וועט איר באַ אים ניט גע־פינען, זיי זענען אַלע דורכזיכטיקע, ווינטיקע, דינע, בלוי־זיידענע, דורך וועלכע עס זעט זיך דורך די זון פאַרטאָג, די לבנה־שיין באַנאַכט, דער שניי אין ווינטער און די געל־גאָלדענע בלעטער אין האַרבסט. אַ כאַראַקטערי־סטיש ליד זײַנס איז "צעשטאָכענע שטערן".

די שטילקייט הענגט אויף מײַן האַלדז,
געדוך פון בלוט פאַרבט דעם פלוין.
און איך, מיט זיך, לעם זיך אַליין
שפּיר — די ערד איז הײַנט פאַרווײַנט.

די לאַנקע ווײַנט מיט טוי.
דער פאַסטעך איז מער ניטאָ,
דער פאַסטעך איז אַוועק געאַרעמט מיטן טויט.

עס פליען סעקונדן, צעשטאָכענע שטערן.
אַמאָל.
דער ווינט לויפט אַראָפּ פון די ביימער
און צעזינגט זייך צווישן פרישן היי,
ווי דו און ער אין שניי

איצטער וועל איך טראָגן אין מײַן זכרון
די שפּורן,
די בענקשאַפט פון צעקאַסעטן קאָרן,
דעם אומעט פון דער נאַקעטער ערד
אין אָפּגעבליטע פאַרטאָגן.

שוואַרץ נעמט די נאַטור און פאַרוויקלט זי אין עלעגישע שטימונגען. עס איז ניט פאַרקערט. ניט נאָר די נאַטור פאַרוויקלט ער, נאָר אויך דעם געדאַנק. ער געפינט ערגעץ אַ פאַרבינדונג וואָס שאַפט די האַרמאָניע צווישן דער נאַטור, צווישן אים און צווישן געדאַנק. דער געדאַנק קומט אָבער אַרויס אין דער פאַרבינדונג אַ פאַרנעפּלטער, אָפט ווי אַן אַרויסגעריסענער פון אַ חלום, ווי אַ געבוירענער אין פיבער. עס איז דאָ דער געדאַנק און די רייד, ער איז אָבער אָפט אַ ניטאַנטפּלעקטער, אַ ניטפאַרשטענדלעכער און דערפאַר אַ פרעמדער, ווי אַ גייסט. מ'פילט אָבער די אַנוועזנהייט פון עפּעס אַ באַצווינגענער שטימונג, ווי מ'פילט זי אָפט אין שווערער אומפאַרשטענד־לעכער מוזיק. ער איז דאָ דער געדאַנק, אַפילו ווען עס איז שווער צו באַ־נעמען אים לאָגיש. עס איז אָבער אפשר אַ טעות צו זוכן לאָגיק אין פּאָ־עזיע; אין קינסטלערישער אינטערפּרעטאַציע פון עמאָציע און געדאַנק דאַרף מען קיין לאָגיק ניט זוכן. ס'וועט אָבער זײַן אינטערעסאַנט נאָכצע־

פּאָלגן שוואַרצ׳ס לידער, וואָס זענען געשריבן מיט דער זעלבער מעטאַ־פּאַרישער טעכניק און בילדלעכקייט און דאָך געפינען לאָגיק. אַזעלכע לי־דער, וועלכע זענען אויך פאַראַן בא שלמה שוואַרצן, איבערצייגן, אַז זיין וועג צו דערדאָזיקער פאָרמע פון ליד איז ניט אַ געקינצעלטער, אַן אויס־געראַכנטער און עקזעקוטירטער מיט אַן אויג אויף ״אָריגינאַליטעט״, אויף אַנדערשקייט. דאָס ליד קומט פון אים אַזוי און ניט אַנדערש, ווייל אַזוי ווערט עס געבוירן אין אים, אין זיין באַוואוסטזיין און מערער אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין, וואָס איז אייגנטלעך דער סוד צו זיינע סורעאַלי־סטישע אימאַזשן. אין דעם ליד ״אינדיאַנער זומער״ טרעפן מיר זיך אי מיט לאָגיק אי מיט דער מעטאַפּאַרישער בילדערישקייט. דאָס ליד איז אפילו סימבאָליש און דערפאַר דויערהאַפט אין זין פון אַבסטראַקטע איי־ביקע טעמעס:

די אַלטינקע באַם ראַנד פון טאָג
איז שניי גרינג
און ערד שווער.
איר לעבן איז מוראדיק צעשאָכטן
מיט זון פארגאַנג,
רו.
איצט רו.
אויב ניט רו, צו וואָס טויט?

דער זייגער־גילאָטין קלאַפּט אַראָפּ
א שעה
נאָך
אַ שעה.
די אַלטינקע הערט דעם טאָם־טאָם
אויף די שויבן.
נאַכט איז הייזעריק פון רעגן.

דאָס לעבן, איינקיל מיינס,
אומפאַרשטענדלעך
ווי דיין שפּראַך,
אסאַך, אסאַך
געצאַמט.

גרין לעבן — ניט מער.
אינדיאַנער זומער ליגט מיט
פידל קאָליר
אויף דער אַלטינקערס שוועל.

און ווידער אַמאָל, אום צו איבערצייגן זיך, אַז שוואַרץ האָט אויסגעקליבן די פֿאַרנעפּלטע סורעאַליסטישע פֿאָרמע פון ליד ניט אלס קאַפּריז, וועלן מיר נעמען נאָך אַ ליד זיינס, איינס פון זיינע צענדליקער לידער אין ענגליש. וואָרן, אויב שוואַרץ האָט זיך באוויזן אין דער אידישער דיכטונג מיט דעם ספּעציפישן סטיל, לויט אַ פּלאַן, וואָלט ער ניט געקאָנט דאָס באווייזן מיט אזא דופּליצירטער צווילינגמעסיקער פּרעציזקייט אין דער ענגלישער שפּראַך. אַלץ ביישפּיל קאָן דינען דאָס ליד: "Still life":

A woman's hair disclosed in a yearning mirror.
The calendar behind methematically cold,
Since I cannot forget your mortal bedside
Remember the naked dials, the brooding fingers.

The comb limps of a late hour.
Erratic and devotional the water in call:
Since the shape of night finds past late,
Rearrange the counterparts of your season.

The sun content and merry shatters musically
A thousand mornings soft and unkept,
A woman's hair, alarm of evident strings
Nourishes the mirror with tides of hunger.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאר שוואַרצעס פּאָעזיע: וועגן שטילן לעבן, אין שטילן טאָן, ווי אונטער אַ סורדינע. "דער פּאָעט אין בלויען מינאָר" האָט ער אָנגערופן איינעם פון זיינע ביכער אין ענגליש. פארוואָס גראַד דער בלויער טרויעריקער מינאָר בא שוואַרצן? דאָ ליגט א סוד וועלכן אפילו אלע זיינע לידער וועלן ניט אַנטפּלעקן. אינטערעסאַנט איז אָבער, וואָס גראַד אין דער שטילקייט פון זיינע שטימונגען הערן מיר אָפּט און זייער אָפּט די שטימעס פון גרויסשטאָט. ווען שוואַרץ איבערדיכטעט אָבער, וואָס דער מעטראָפּאָלישער גולם דערציילט, איז זיין וואָרט און זיין שפּראַך טריי צו אים, צו שוואַרצן. עס פאַראַט אים ניט, עס איז ווי שטענדיק — פאַרנעפּלט, פארחלומט און אָפּט סענטימענטאל. און פּונקט ווי עסעלין איז ווייט פון דעם אַמעריקאַנעם, מעטראָפּאָלישן כישוף, פּונקט אַזוי איז שוואַרץ נאָענט צו אים. ער איז אָנגעזאַפּט מיט אים, מיט דעם כישוף. ער שפּירט אים אין דעם סינקאָפּאטישן דזשעז פון די קאבארעטן; ער שפּירט אים אין דעם באָקאַל, אָנגעפּילטן מיט פינקעלדיקן און שפּילעוודיקן שאַמפּיין; ער קלעטערט שאגאליש צום סאמע שפּיץ פון הימלקראַצער און רעדט צו דער לבנה.

אָבער וואָס ער רעדט צו דער לבנה און וואָס די לבנה רעדט צו אים, איז סוד... עס איז זיכער דאָ די באַהעפטונג פון דיכטער מיט דעם כישוף פון נאַכט און פון גרויסשטאָט, פון שטערן און פון שניי און פון ווייס־בלויע פּאַרטאָגן — די באַהעפטונג איז בא אים אָבער ווי א תפילה, וואָס ער זאָגט בא זיך אין האַרצן, און מיר הערן דאָס פּאָכן פון תפילה, פליגל און אויב אפילו מיר פארשטייען זי ניט, ווייסן מיר אָבער, אז שוואַר־צעס תפילה איז דיכטונג. אין זיין ליד "שטאָלענע פליגל" הערן מיר:

די מויערן פול מיט פארשווערונג און מיט שטאָלענע פליגל.
אין שויפענצטער מיין פנים, פאנטאסטיקק ארום.

נאָר דאָס ניט אויסגעבויטע הויז מיינס — אָן א דאַך
און דער הימל אי גרייט, אי באַשירעמדיק.

עס באגלייטן מיין קאפריז סאַמע אויבנאָן
די אייביקע שטערן פון דאָ און דאָרט.

איך קוק, וואַרט און שטוין
און מעסט דעם גלאַנץ פון ווייטער ווייל.

און ווייטער:

עס רעדט די גאַס די דראָטענע שפּראַך.
אין קאַפע דער קאקטייל קליגלט זיך
מיט עולם הזה
און שפּעטער פירט מען זיך אליין צו קבורה —
אבי די זינגענדיקע נאַכט רוישט ניט מער.

איך פלעכט פון רגע׳ס א פארביקן שטריק,
הוידע זיך אויף פינקלדיקע מויערן
און טייל שטיקער נאכט מיין אייגענעם שאָטן,
באגארטלט זיך מיט לבנה׳שע פאַסן
(אויסגעליידיקט פון וואָר, פון רענדלאַך רייד)
אבי די גאַסן רוישן
ניט מער.

"אין קאַפע דער קאקטייל קליגלט זידי מיט עולם הזה", זאָגט שוואַרץ. ער אליין קליגלט זיך אָבער קיינמאָל ניט. אין קיין איין ליד בא אים וועלן מיר ניט געפינען אַ פּערז, וואָס זאָל זיין געקליגלט, וואָס זאָל זיין סאַרקאַסטיש, אָדער הומאָריסטיש. דער פּאָעטישער טראַנס אין וועלכן שוואַרץ לעבט,

פאַרנעמט יעדן אַטאָם פון זיין וועזן און ס'איז אין אים ניטאָ קיין פלאַץ פאַר קלינגלען זיך. עס וואָלט געוועז צו „ערדיש". דורך זיין ליד „טראַנס" קאָנען מיר טאקע אויפנעמען שווארצעס שטימונגען וואָס זענען אָט אזוי ווי אין ליד פערמאַנענט.

טראַנס, מיין טראַנס,
כ'בין וואָגלדיק און זעגלדיק
און וויגל זיך אויף צופעליקע שטערן.

מיין ציידנס ציג איז מיד.
און אויף מיין דאַך דער האָן
א געשאָכטענער.
א מחנה וואָלקנס מושטירן איבער מיר
מיט שארפן אומעט.

און קיינמאָל איז די ערד ווי היינט
אזוי פארשפרעכנדיק און שטיל.
אומזיסט דאָס בלוט פון געשאָכטענעם האָן.

די גאס איז ווייס מיט זומערדיקן שניי,
און דער רויטער פלעק —
ווי דאָס פנים פון טויזנט שונאים
ראַנגלט זיך אונטער מיין טראָט.

און אַז שלמה שווארץ פארגינט זיך שוין יאָ א שפּיל צו טאָן מיט לייכטן געמיט, מיט לייכטער שטימונג, וואָס קומט אמאָל אין ווינט פון יוגנט און אין ברויז פון ליבע, הערן מיר אים ווי אין ליד „פערפעקטער גראָס":

וואָלענטין,
וואוהין?
אַז די ערד איז אויסטערליש
און ווילד.
ס'איז דאָס פארגיין אין אלע אנטראקטן,
איך זוך דאָס געזאנג פון מאָן צו פרוי,
פון מענטש צו מענטש — אין אלע אקטן.
און די וועלט —
א זוניקער דיאַגראָם.
וואלענטין, וואוהין?
מיינע ליפּן אויף דיינע ליפּן —
דער פערפעקטער גראָם.

ס׳איז שיין, קורץ, כמעט עפּיגראַמאַטיש — ס׳שמעקט אָבער מיט שוואַרצעס פּאָעטישע שטימונגען און מיט ערנסטקייט, זאָל זיין מיט עכטער אָדער מיט פּאָזירנדיקער — ס׳איז אַלץ איינס. און ווייל שוואַרץ איז אַזוי ציכטיק־ריין און עסטעטיש אין זיין עמאָציאָנעלן צוגאַנג, איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס שוואַרצעס ליבעס לידער זענען אַזוי ראַפינירט און עטעריש, ווי אין זיין פּאָעמע ״ליבע אין א ווינטערנאַכט״:

דער מאָרגן פאַרקעמט א זוניקן שרונט
אויף דעם ברעג נאַכט —
און פירט מיך שטענדיק צו דיר
וואו ס׳שמעקט מיט זומער און מיט גרוס.

ס׳איז מיר יעדער רגע א שאָד,
ס׳איז מיר יעדער רגע א סטראָף.
אין פאַרביקער בליהונג פון שלאָף
זע איך דיין לייב — א ווייסע הימנע.

ס׳איז דיין סוד אין מיר — א מדבר,
ס׳איז דאָס וואָרט אין מיר — אַ קוואַל.
צו דעם קלאָרן שפּאַן דורך בלויעראַל
וועל איך זיך אויסשיילן פון דער טיף.

ס׳איז דיין האַנט א וואונדער.
דער הימל פול מיט שטערן־זאמען.
דו האָסט אָנגעשריבן אויף מיין ליפּ דיין נאָמען
פון מזרח, מעריב, צפון און דרום.

דיין עפּל אויף מיין טיש איז קלוג מיט ליבע.
די נאַכט מיט שפּראַך אין ווייטיקדיקן וואונדער.
ניטאָ די פרעמדקייט אין אונדז באַזונדער —
מיר ווערןביידע איינס אין געצאַמטער ליריק.

די נאַכט איז שוואַך און איך בין שטאַרק.
די שעה אנטהאַלט פאַרבאָרגענעם קאָליר.
און ווער עס וועט קומען דער ערשטער צו דיר,
פאַר אים די פליגל פון דיין שכינה.

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער אין דער פּאָעמע פון ״ליבע אין אַ ווינטער נאַכט״. ס׳איז שיין, פּאָעטיש און אויסער קאָנטינענטן, ווען אפילו אמעריקע איז שוואַרצעס איינציקער קאָנטינענט.

שוואַרץ האָט ליב אַמעריקע און זיין בוך לידער "אַמעריקע" איז אַ געזאַנג און לויב צום לאַנד. סיי אין זיין ערשטן בוך "בלוימאַנטיק", און סיי אין זיין צווייטן בוך, און אויך אין זיינע ענגלישע ביכער געפינען מיר אַ גרויסע צאָל לידער געווידמעט צו אַמעריקע און צו די אַמעריקאַנער בירגער, פון דעם אַטלאַנטיק, ביז דעם פּאַסיפיק. און אין דעם לאַנד צו וועלכן ער האָט זיך אַזוי צוגעפּאַסט און אין דעם ליד, וואָס ער זינגט צום לאַנד, פאַרגעסט ער ניט, אַז ער איז אַ איד.

מיין ברודער משה
האָט מיטגעבראַכט זיינע תפילין.
ראובן, זיין ניי־מאַשין.
יצחק האָט מיטגעבראַכט זיינע ברכות
יעקב, דעם לייטער צו דיינע שטערן.

מיר האָבן דיך באַקליידט,
מיר האָבן דיך באַשוכט
מיר האָבן דיך געבענטשט.

ניין, ער פאַרגעסט ניט אַז ער איז אַ איד. ער איז ניט שטאָלץ מיט דעם, ער איז אָבער אויך ניט פאַרשעמט מיט דעם. דעם אידישן גייסט טראָגט ער אין זיך ווי אַ ירושה, וועלכע איז אים געגעבן געוואָרן. און ווייל ער ווייסט, אַז ער מוז זי טראָגן, ווי ער מוז טראָגן זיין האַרץ און זיין ליד, טראָגט ער זי די ירושה דיכטעריש, ווייל דיכטעריש איז זי שענער, ווייל דיכטעריש איז זי פאַר אים ווערטפולער. און אום צו נעמען פון דער ירושה, צו שעפּן פון איר, פאַרגעסט ער אויך, ווי עסעלין, צו קוקן אין די אויגן פון דעם אידן וואָס קומט אַנטקעגן; פאַרגעסט ער צו זוכן אין זיין אייגן האַרץ, אין זיין אייגן פאָלק דעם מוט, שטאָלץ און ווערטפולקייט — ער שעפּט פון דער פאַרגאַנגענהייט: "דער זיידע", איז באַ שוואַרצן דערדאָ־זיקער, וואָס האָט אין זיין טאַרבע, צי אין זיין תפילין־זאַק די גאָלדענע קייט מיט וועלכער שוואַרץ באַצירט אָפּט זיין ברוסט אין זיינע לידער און רעדט מיט ליבשאַפט צום זיידן; זעסט, איך בין דיין אייניקל און איד. ער האָט אַסאַך לידער, וואו ער דערמאָנט דעם זיידן, "טאָוולען פון אַ לעגענדע" איז אַ מוסטער:

מיין זיידע קנעלט מיטן ווינט.
דער האַנדל־וואַנדל אַראָפּ
פון זיינע פּאָלעס — ניט מער.
די פּאָלעס צוויי — טאָוולען פון אַ לעגענדע.

גרונט־בונטיקע געפאַרן. מפּלות און זיגן.
און אין אלע שטאַלן
שעפּסענע אומשולד.
פליט דער זיידע, פליט
(ווי מאַרק שאַגאַלס איד איבער וועלט־ווילדע דעכער)
נאָר העכער פליט אויבערמענטש
און חשבונ׳ט אויס דעם וועג צו גאָט.

א האַרדע וואָלקנס. צעטרייסלטע שטערן.
א האַקנקרייץ די אלטע לעוואָנע.
די צייט מיט אומרו און וואונד.
און די וועלט איז אָנגעטאָן
אין מיין זיידנס שאָטן.

דער אידישער גייסט שפּילט אין אים אָפּט אויך דערפאַר, ווייל די בלוטיקע פאַרפאַלגונגען מישן און ברויזן דאָס בלוט. און שלמה שווארץ איז ניט דער איד־דיכטער, וואָס פאַרמאַכט די אויגן און די אויערן, און לאָזט אַראָפּ די שטאַרן צו דער וועלט. נייך, ער גייט ניט ארויס צו רייסן קריעה, צו בויען א שיף און צו שארפן א מעסער, — ער זעט אָבער פון זיין עלפאנטביין־טורעם וואָס עס גייט אָן און ער הערט דעם "ברוינעם שטורעם", און ער זעט די "געטאָבראַנד" און אויב ער איז ניט פון די־דאָזיקע וואָס גייען ארויס אין דער גאָס, רעדט ער אָבער אַראָפּ מיט זיין ליד:

קנויל — קנויליקע נאַכט. די מורא אויף שויבן.
בלוטיקע סעקונדן. פליענדיקע קוילן
רויבן דעם גלויבן

פייל — פלאַמיקע נאכט.
אימא און טויט ארום.
אלץ וואונדיק.
אלץ שטום.

שוידער — שאַנדיקע נאכט, שאָטנס גיגאנטן.
אויף דער הוידע פון חלום
צעטרייסלטע בראַנדן.

ווילד־וואַלדיקע נאַכט. רוגזע און רגע געפאַר.
נאַכט טובלט זיך אין בלוט;
נאכט אין קאַשמאַר.

אין דעם זעלבן גייסט זענען בא שווארצן אויך פאראן ביבלישע מאָטיוון און לידער וועגן אומרעכט, און לידער וועגן ליבע, און לידער וועגן דער נאטור און שיינקייט, און לידער מיט פּראָטעסט געגן גרויל פון מלחמה, — אָבער אין אלע בלייבט ער טריי זיין דיכטערישער עלעגאנץ, זיין עסטעטישן מאַניער און שטיל־טרויעריק־אימאַזשיניסטישן בילד. ער הייבט ניט אויף זיין קול אין שרייענדן פּראָטעסט, ער טראָגט ניט קיין האַס אין זיך און אפילו ניט דעם טראָפּן גאַל און סארקאזם מיט וועלכע עסעלין פאַרביטערט אמאָל א ליד.

דאָס עסטעטישע אין שוואַרצן איז ווי אָנגעצויגענע וויברירנדע סטרונעס וועלכע ציטערן מיט א דינעם טאָן אין די ווינטן פון לעבן. ער רעדט מיט אינערלעכן ציטער צו דער וועלט, צו די מענטשן... ער וואָלט ניט געוואָלט א לעבן מיט מלחמה שוידער, מיט בלוטיקע נעכט... ער קוקט פון זיין טורעם און ער פאַרשטעלט ניט די אויגן — ער זעט בלוט און ער רעדט וועגן דעם אין זיין ליד "ויט בלוט":

וואָלקנס האָבן זיך אָנגעטרונקען
מיט גרינע וואַסערן.
דער רעגן ווינט אראָפּ פון דיביימער.
כ'ליג איבער אלע נאסע פלוינען,
איינגעשפּאנט אין שווערע פליגל
און ווער געשלעפּט פון ווינט...
א, ווינט !
וויז דעם וועג צום אייביקן פרימאָרגן
איידער די זון פארגייט
באם פוס פון מיין צייט.

אינדרויסן פּאַטשט די ראַדיאָ מיט מלחמה פליגל.
די וועלט עסט דעם רויטן ברויט פון סעפּטעמבער.

די וועלט אויף די קני איז צוועלף מאָל אראָפּ,
אָן האָניק די לופט, אָן אקער די ערד.

די ערד באַשוכט מיט שפּיזיקע שיך,
א האָז און א מענטש צווישן בלייאיקן גראָז.

ווי אָטעמדיק די העלקייט אין שראַפּנעליקן רעגן.
דאָס ליד פון ל־ע־ב־ן וואָרקעט אין מיר.
און די בלויקייט בליט אין הייליקן שוויגן,
אַ קלאָרקייט פון בליץ דערוועקט זיך אין וואלד:

אָט באַלד, אָט באַלד, די שטערענדלעך — ווי בלומיק.
א צעקודלטער פרימאָרגן הענגט פלאמיק אויף סטרוניקע ביקסן.

ווי אָ בלויער וואואַל, וואָס איז פארוועבט מיט טיפע איבערלעבונגען. אָבער זיין דיכטערישער קאמפלעקס פון רעדן מער די שפּראך פון דער שטומער נאטור, איידער די שפּראך פון לעבעדיקן מענטשן און אויך זיין קינסט־לערישער פלירט מיט די אָפּטע און צו אָפּטע שיינע מעטאַפאָרן, רייסן אים אוועק פון דעם פולבלוטיקן, פולסירנדן לעבן. און אויב דאָס איז דער כאראקטער פון זיין דיכטונג — ווי קאָן מען האָבן טענות צו כאַראַקטער; און אויב זיין ליד איז אומפארשטענדלעך, דארף מען וועלן און פּרובירן פארשטיין פארוואָס דאָס ליד איז אומפארשטענדלעך אין דער דיכטערי־שער הינטערבאוואוסטזיניקער און סורעאַליסטישער פארשטענדלעכקייט. עס דארף געמאכט ווערן א שטודיום וועגן דידאַזיקע קינסטלער, וועמעס קונסט איז פארנעפּלט און אומפארשטענדלעך. עס איז זיכער פאראן א סוד אין דערדאָזיקער קונסט, א סוד, וואָס ענטהאַלט אין זיך דעם "זין" פון דעם "אומזין".

אין אַן אינטערוויו פון דזשיימס דזשאנסאָן סוויני מיט שאַגאַלן,*) זאָגט צו אים שאגאל דאָס פאָלגנדע: "ווי פאַנטאַסטיש און אומלאָגיש די קאָנסטרוקציע פון מיינע בילדער זאָלן ניט אויסזען, וואָלט עס מיך באַ־אומרואיקט צו וויסן, אז איך האָב זיי פארטראכט מיט א צומיש פון אויט־טאָמאַטיזם. אויב איך לעג אוועק דעם טויט אויף דער גאַס און דעם פידל־שפּילער אויף דעם דאַך אין מיין 1918 בילד, אָדער אויב איך האָב אין אַן אַנדער בילד פון 1911 אַריינגעשטעלט א קליינע קוה מיט א מיידל אין דעם קאָפּ פון אַ גרויסער קוה, האָב איך עס ניט געטאָן "אויטאָמאַטיש". וואָרן, אויב אפילו עמיצן איז געלונגען דורך אויטאָמאַטישקייט צוזאַמענצעשטעלן אייניקע גוטע בילדער, אָדער אָנשרייבן אייניקע גוטע פּאָעמען, גיט דאָס אונדז נאָך ניט קיין רעכט אָנצונעמען עס אלס מעטאָד. יעדער זאַך אין קונסט דארף ענטפערן צו יעדער באוועגונג פון אונדזער בלוט, צו אונדזער גאנצן וועזן, אפילו צו אונדזער אומבאוואוסטזיין". און ער פאַרענדיגט: "אויב מיין געפיל נאַרט מיך ניט אָפּ, אַז די טעכנישע קונסט גייט איצט באַרג אַראָפּ, דאַן ווערט דער אויטאָמאַטיזם פון דעם סורעאַליזם זיכער ענטבלויזט כמעט א נאַקעטער". קיין קאָמענטאַרן צו דעם זענען ניט נויטיק. איך וועל בלויז ווידערהאָלן, אז אין דעם דיכטערישן קאָמפּלעקס איז זיכער פארבאָרגן א סוד, וואָס וואָלט געקאָנט אנטפּלעקן דעם "זין" אין דעם "אומזין" פון מאָדערנער קונסט, צי דאָס איז מאלעריי, צי דאָס איז פּאָעזיע, צי דאָס איז מוזיק.

*) Partisan Review Winter 1944

ג.

דיכטונג איז ווי דער ים: אַמאָל ווי אַ שפּיגל פלאַך און רעפלעקטיוו, אַמאָל מיט גערינצלטע שורעס־כוואַליעס און אַמאָל מיט בערג און מיט תהומען פון טיפקייט; אַמאָל בלוי, אַמאָל גרין, אַמאָל שוואַרץ, אַמאָל מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן, אָבער שטענדיק אין געבורט און ווידערגעבורט — איין כוואַליע פאַרפליצט די צווייטע און ווערט גלייך פאַרפלייצט פון אַ דריטער, פון אַ פערטער Ad infinitum. און אַזוי ווערט אויך אין ים געשאַפן און איבערגעשאַפן פון זיך אַליין דערזעלבער רויש, דערזעלבער קלאַפּ, דערזעלבער קרעכץ, דערזעלבער שוים, דיזעלבע טיפקייט — אַלץ דאָס זעלבע און דאָך ניט דאָסזעלבע. וואַריאַציעס איבער וואַריאַציעס און דאָך ניי־געבוירענע, ערשטגעבוירענע און שוין פאַרגייענדיקע שאַטירונגען, ניואַנסן, קלאַנגען און זיפצן אין אייביקן מיסטיציזם פון ים — פון פּאָעזיע.

די פּאָעזיע פון דעם דיכטער מאַטעס דייטש דערמאָנט אָן די שווימיקע, שטורמדיקע און באַרגיקע כוואַליעס פון ים. דייטשעס פּאָעזיע פליסט ניט ווי אַ שטילער רואיקער טייך אין וועלכן מ׳קאָן זען די שטיינדעלעך די זאַמדעלעך, און די פישעלעך; עס איז, אין אַלגעמיין, ניטאָ בא מאַטעס דייטשן קיינע שטילע אויסגוסן אין וועלכע מ׳זאָל זיך קאָנען שפּיגלען. דייטש איז ווילדעריש, צעשויבערט, פאַרכאַפּט פון דעם שטורם, פון דעם רעוו פון ים, און פון דעם רעוו פון לעבן.

דייטש שלאָגט מיט ווערטער און מיט פינע, ווי כוואַליעס שלאָגן אין שטאַרקע אייביקע סקאַלעס. דאָ און דאָרט אין דעם לאַבארינט פון לעבן, אין די שמאַלע, טונקעלע קאָרידאָרן פון לעבן, שטעלט זיך דייטש אָפּ. ער באַטראַכט דעם שימעל, וויל כאַפּן מיטן אויער דעם פלאַטער פון דער פלעדערמויז און וויל הערן דעם ריטמישן קלאַפּ פון די פאַלנדיקע טראָפּנס דורך די שטיינערנע שפּאַרינעס... די לאַבארינטן דורך וועלכע מאַטעס דייטש גייט זענען טאַקע אין דעם סאַמע ״לאַנד פון די יענקיס״. ווען ער נעמט אונדז אָבער מיט מיטצוגיין מיט אים, באַגעגענען מיר ניט כמעט קיין יענקיס... עס קומען אונדז אַנטקעגן, מיינסטנס, אחינו בני ישראל פון שיקאַגער ״זעכצענטער גאַס״, פון ״ניו־יאָרק — דער זשאַרגאָנישער שטאָט״, און זי געפעלט אים ניט די זעכצענטע גאַס מיט איר טשאַלנט און מיר הערן ווי מאַטעס דייטש רעדט:

אָט דאָ תושב׳עט אמכא, וואָס דינט נאָך צו גאָט און צו לייט אַ פרומס.
שוסטערלעך הענגען אַרויס שילדלעך מיט אַלטפּרענקעשי וועגערקיס
און ציען, ציען די דראַטוואָס,
לעם סאַמע פענצטער פון זייערע ״פראָנט רומס״
מוהלים, ״היברו־טיטשערס״,
מיט שילדלעך און קרעמלעך פון צוקערקעס.

פון יעדן קעלער דיינעם זעצט מיט הינער "שמינק"
וואָס דערמאָנט: באַרדיטשעוו, וואַרשע און בויבעריק.
זקנים — כריין רייבער — ווי עטשינגס אויף צינק
דרעמלען, ווי אַלטע קאַטשערס קעגן דער זון, אינם "צוריק"...

און ווייטער:

פון שבת האַלבן טאָג, ביז זונטיק שפּעט באַנאַכט,
זיצן ליאַלקעדיקע מיידלעך אויף דרענגלעך —
צוימען פאַר ניט־אַרויסגעשפּראָצטע גראָז —
דרייען די הערלעך און קנאַקן, קנאַקן קערלעך.
ציען די פּיסלעך מיט שיפּאָנענע זעקלעך
און קוקן אין שפּיגעלעך אויף די געפאַרבטע ליפּלעך.
קוויטשען ווי ליידענשאַפטליכע פּאָפּוגעס,
קאָנקורירן פּידעריש און קנאַקן, קנאַקן אָנאויפהערלעך.

אָדער אין דעם ליד "ניו־יאָרק — זשאַרגאָנישע שטאָט":

ניו־יאָרק, ביזט נאָך אַלץ פּאָפּולער
ווי דער שונד־ראָמאַן באַם פּראָסטן פאָלק.
האָסט ניט קיין אָריגינעלן סטיל פּונקט ווי ער
און ווידערהאָלסט זיך אָן אַ שיער און אַ טאָלק

ניו־יאָרק, ביזט ווי אַ שוישפּילער
מיט אַן אָנגעקלעפּטער באָרד;
אַ מאַטעמאַטישע פּראָבלעם באַ אַ פּלייסיקן שילער. —
ביזט שפּיציקער ווי די אייזנבערג פונם נאָרד.

ניו־יאָרק, עס פרעסן דיך די לייז פון ליטע
און גאַליציע קויטיקט דיך מיט פּעטשע.
אָט, אַ טעמפּל, גרויסט זיך מיט אַ חנ׳דל: ביטע, ביטע,
און אָט, אַ טראַכאָמיק קלייזל, שפּייט אויס "עלינו" — טפו !

דייטש איז דורך און דורך אידיש. ער איז איינגעקניפּט אין דער אַלטער טראַדיציע און ער ציט דעם פאָדעם ווייט פאָראויס אין דעם מאָדערנעם "אידישלאַנד" אריין, וואָס איז באַ אים מער אין גייסט, אין בוך, אין ליד, ווי אין די אידישע גאַסן פון שיקאַגאָ, ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע. זיין אידישקייט שוועבט איבער דער זעכצנטער גאַס און איבער די ניו־יאָרקער הימלקראַצערס, און ניט שטענדיק זעט ער זי אַ פאַרשמאָלצעוואַטע, וואָס שמעקט מיט טשאָלענט און פּעטשע — זי דערהייבט זיך אין זיינע

גייסטיקע אויגן אויך צו א ריינער, גייסטרייכער אידישקייט פאר וועלכער ער רייסט זיך און שלאָגט זיך מיט וואָרט און פען. זיין אידישקייט איז א ראַ־דיקאַלע, זי איז די אידישקייט וואָס גייט צו גערעכטיקייט און היינטוועלטי־קייט. זי פירט ניט די אידישקייט זיינע דורך פּאַרטיי וועגן, דורך דעקרעטן און דאָגמעס — זי גייט דורך דעם וועג פון תורה צום וועג פון אידישער קולטור.

ער לעבט אין דעם לאַנד פון יענקיס און לעבט זייך אויס אידיש, ווי א אידישער פּאָעט — ער זעט אָבער אויך אמעריקע מיט אירע שטעט און פּריירים, מיט איר ציוויליזאַציע און קולטור, מיט איר גרויסשטאָטישקייט, מיט אירע פּאָעטן און מיט איר ספּעציפישער אַמעריקאַנער קונסט. ער זעט דאָס אַלעס דורך דער פּריזמע פון זיינע אייגענע אויגן, פאַרשטייט זיך. דאָרט ווי עסעלין איגנאָרירט כמעט אמעריקע מיט אירע מענטשן און קולטור, און דאָרט ווי שלמה שוואַרץ איז אינגאַנצן איינגעוויקלט אין אַמעריקאַנעם גייסט, דאָרט גייט דייטש אין דער מיט. ער קאָן פאַרכאַפּט ווערן פון דער אמעריקאַנער פּאָעזיע, ווערן קאַרל סאַנדבורגס א חסיד, איבערזעצן זיינע לידער אין אידיש און אויך אליין, אַן אינספּירירטער, געבן אונדז די גרויס־שטאָטישע פּאַנאָראַמען און קלאַנגען ווי אין זיינע לידער "באַנגלאָקן", "ראַש", "דאָס געוויין פון מיינע פּרפּיילטע נעגל", די גרויסע אָריגינעלע וואָלט־דיסני־שמעסיקע פּאָעמע "מיקי מויז", און די "אַלטע וועלט דראַמע" וואָס קאָן אילוסטרירן אויך דייטשעס פּראָבלעם־דיכטונג, וועגן וועלכער עס וועט אויסקומען צו רעדן שפּעטער.

דייטש פאַרבערענגט ניט דאָס גאַנצע לעבן זיינס אין די לאַבירינטן. ער געפינט שטענדיק דעם ארויסגאַנג. און דער ארויסגאַנג איז שטענדיק אויף אַ באַרג, אויף אַ פּראָבלעם־סקאַלע פון וועלכער ער קאָן באַטראַכטן גאָטס וועלט, די וועלט פון כאַאָס, די וועלט פון אייביקן ווידער־און־ווידער־געבורט. ער רעדט צו דעם מענטש און ער רעדט צו גאָט. און ווען ער רעדט, איז ער מיליטאַנטיש. עס שרעקט אים ניט דער געדאַנק און אויך ניט דאָס וואָרט, ווען עס קומט אים אויס צו זאָגן דעם אמת וועגן לעבן, וועגן דער וועלט און וועגן דער מענטשהייט בכלל. דאָרט וואו עסעלין וואַרפט אריין א טראָפּן גאַל, דאָרט קומט דייטש מיט אַ פאַנטאַן פון סאַר־קאַזם. און כאָטש ער האָט די העכסטע באַציאונג צום וואָרט, כמעט א געצנדינערישע באַציאונג, איז ער אָבער אָפט, זייער אָפט ניט איבערקליי־בעריש און באַנוצט זיך מיט אים ווי מיט אַ שאַרפער שווערד, אַ פּען־שווערד, אָפט איינגעטונקען אין בלוט.

ער איז קיינמאָל ניט רואיק (אפשר בלויז אין זיין "אָקטאָבערדיקער וואַלד".) ער רעדט מיט פייער, קריגעריש אפילו דאָרט, וואו קיינער קריגט זיך ניט מיט אים. עס איז דערפאַר, ווייל ער פילט און ווייסט, אז ער וועט ניט איבערשרייען די אומגערעכטיקייט פון דער וועלט — ער וויל אָבער ניט איבערשווייגן זי. ער וויל אַלץ אַריינדרינגען אין דער מענטשלעכער

נשמה, ער וויל אַלץ אויסגעפינען פאַרוואָס איז דער מענטש אזוי און ניט אנדערש.

בא דייטשן איז דער מענטש ניט ווי בא נאַדסאָנען אשטייגער "פריינט מיינער, ברודער מיינער", נאָר "פאַני מענטש". ער שאַנעוועט ניט די אידן און אוודאי ניט די קריסטן. ער רעדט אָפט וועגן יעזוסן — עס פילט זיך אָבער ניט אין דייטשעס ווערטער דער דרך ארץ פאר דעם מענטשן אָדער פאר דער לעגענדע אין וועמעס נאָמען עס איז פארגאָסן געוואָרן אזוי פיל מענטשלעך בלוט:

א קלויסטער. אויפן טויער — א צעקרימטער יעזוס.
פון זיינע אויגן קאַפּען טרערן, פאַלשע,
מיט א קאָליר פון פייגל... ווי רופט מען עס?...

צווי קעץ מיאווקען צו אים ארויף ווי צו א בריעה.
דער קאָטער דעספּאָטיש מיט א באפאלנדיקן טאָן: יעעעזוססס.
דאָס קעצל צעפּיעסטעט אין תחנונימדיק: אוי, מ־א־ר־ר־יע־ע־ע...

מיינט ער נעבעך אז א "נאכטיגאל" זינגט שוין ווידער
צו אים פסאלמען צי גאָר די הייליקע האלעלויאַ—געזאַנגען — —
קריכט אים גראדע איצט ניט קיין געזאַנגען מיט לידער.

אויב דייטש האָט ניט קיין דרך ארץ פאר דעם קריסטלעכן גאָט, האָט ער אָבער באַציאונג צום אידישן גאָט, ניט קיין רעליגיעזע באַציהונג, נאָר א מענטשלעכע באציאונג. ער רעדט צו אים, ווי ער רעדט צום מענטשן און, אז דער מענטש איז "פאַני־מענטש" איז גאָט "פאַני־גאָט". דייטשעס גאָט איז ניט אן אל מלא רחמים גאָט. ער איז פונקט ווי דער מענטש: פונקט אזוי שלעכט און פונקט אזוי גוט, פונקט אזוי נאריש און פונקט אזוי קלוג, פונקט אזוי צדיק און פונקט אזוי רשע. אין ליד "פאַני־גאָט" רעדט ער צו אים, רעדט אָפנהאַרציק און אמת'דיק:

ניט איינמאָל זיך שוין אָפּגעווענדט,
ווי האָלץ פון האָלץ אויף קויל צעברענט.
צוריק זיך צוגעהעפט מיט פיין —
עס האָט געקאָנט דען אנדערש זיין?
אז דו ביזט ניט־און־יאָ דערקענט...

אַ ציגל פעסט ווי אין צעמענט,
געפילט האָבן זיך מיינע הענט
אין דערהויבונג פון דיין שיין
ניט איינמאָל שוין.

אַז דו ביזט פּאַרט דער פונדאַמענט.
מיין העלע פרייד, מיין שרעק — לאמענט —
אַט דער טעמנער נסיון מיין:
היפּנאָט פון ווייב, עקסטאַז פון וויין —
דאָס בראַנדיק זשאַר וואָס מיך צעברענט
ניט איינמאָל שוין — — —

ניט איינמאָל קומען שוין געוואָלט,
דיין שוועל באַטרעטן שוין געוואָלט,
געקומען און אַנטלאָפן דאָך;
פון גרינגסטן זיכער — צוריק צום יאָך.
צאָלסט אָפּ געצאָלטס? — איז אָפּגעצאָלט!

א, קלעק, דו האָסט מיך איינגעראָלט!
דיין נאָמען — פעסט — וועט אין רעוואָלט,
מיט אויגן, ווי א שפּיזן שטאָך,
ניט איינמאָל קומען.

האָסט דיינע שטראָפן דין באַשטאַלט?
גרייט בראַנדיק מאַכן און געדראָלט
גרייטסט אויך צו די הילף פאַרן בראָך — — —
פוי, דיין סתירה וועט פאַר מיר נאָך,
ווי א שונד־בילד אָפּגעמאָלט,
ניט איינמאָל קומען.

דייטש באַקלאָגט זיך ניט פאַר גאָט. "דאָס וואָרט "גאָט" איז מיר שווער צו זאָגן" זאָגט אפילו דייטש אין איינער פון זיינע פּאָעמעס. ער מוז אָבער רופן אים באַם נאָמען "גאָט", ווייל ער מוז האָבן דעם סימבאָל, זאָל זיין, אום צו האָבן מיט וועמען צו דעבאַטירן, מיט וועמען צו פילאָזאָפירן און שפּאַלטן די פּראָבלעמען פון לעבן, מיט וועלכע דייטש איז פול. נעמט ער אים, דייטש, דעם "פּאַני־גאָט" און פירט אים, ווי מ׳פירט א בעל הבית, וועמעס ריזיקע קאָלאָסאַלע פאַרמעגנס פאַרשטעלן פאַר אים דעם אמת, דעם פאַקט אַז עפּעס איז ניט אַלץ מיט אַלעמען מיט זיין באַלאַבאַטישקייט, אַז ער איז ערגעץ דורכגעפאַלן דער באַשאַפער. פירט אים דייטש אין גע־ריכט, פירט אים צו די שלאַכט־הייזער, צו די שלאַכט־פעלדער, פירט אים אפילו אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אריין און ווייזט אים די פּאַראַדאָקסן און די טראַגי־קאָמעדיעס פון לעבן און ער וויל אַלץ דערגיין בא גאָט און בא זיך אליין דעם סוד פון מענטשלעכן און פון חיהשן גורל. דער מענטשלעכער גורל! דאָס איז דער לייט־מאָטיוו אין כמעט אַלע דייטש׳עס שאפונגען: דער גורל פון מענטש, דער זין פון באַשאַף, די טראַגעדיע פון פאַטאַליסטישן

סדר, די פּאַראַדאָקסן פון עקזיסטירנדע סאָציאַלע, סעקסואַלע און מאָראַ־לישע אייגנשאַפטן און לײדנשאַפטן אין וועלכע דער מענטש ווערט פאַר־פּלאָנטערט, ווי א וואָלף אין א נעץ. ער זוכט דעם זין און ער רעדט צו גאָט, אָבער ניט מיט א סאָקראַטישער לאָגיק און רואיקייט. ער ווערט אויפגערעגט און ער איז אָפט פאַרצווייפלט. און אין דער פאַרצווייפלונג, אין דעם ווילן צו באַפרייען זיין מח און זיין האַרץ פון די דריקנדע פּראָבלעמען, פון די שטורמדיקע לײדנשאַפטן, קאָן ער ניט איינהאַלטן די זייער כאַראַקטעריס־טישע פאַר דייטשן אויסרופונגען: אָה, מענטש! אָה, גאָט! אָה, דו! אָה, ים! אָה, וואָרט, אָה, לעבן!

דער גורל פון מענטשן, וואָס ליגט אין די הענט פון דער מענטש־הייט אליין איז אויף א טיף פאַרטראַכטן אופן אויסגעדריקט אין דייטשעס פּאָעמע "די אלטע וועלט דראמע" די פּאָעמע וועגן א פאַראורטיילטן אין א געריכט:

אָה, לעבן! לעבן! לעבן!
וויין לעבן! וויין!
זיפץ און בעט!
וויין אויף א האָרן!
א פלייט און א גיטאַר!
אויפן פייפל און אויפן האָר —
דעם קלאַרנעט.
קלאָג לעבן, קלאָג!
קלאָג אויפן וויאָלין,
אויף דער טשעלאָ;
פאַרגיי זיך אויפן סאַקסאָפאָן
און כליפּע אויף דער האַרף.
שפּרינגט פאַרצווייפלט אַרום אויף די קלאַווישן
מיט יאָכץ, מיט קרעכץ און געפּילדער.
שריי לעבן, שריי!
דונער אויף די באַרג־סיני־דיקע קעסלפּויקן;
ברום,
זשום,
שטורעם אויף די באַסן אַראָפּ — שאַרף, שאַרף.
וויין, לעבן, וויין!
אפשר וועסטו עפּעס אויסבעטן,
אויסוויינען, אויסכליפּען !

און ווען ער גייט איבער די שלאַכט־הייזער פון שיקאַגא און זעט ווי לעבעדיקע שטומע באַשעפענישן ווערן אויף א קאַלטן מעטאַדישן אופן אומגעבראַכט, צעשרייט ער זיך אין זיין פּאָעמע "מענטש—בלוט און מילך":

דיין חזיר האָסטו געגעבן אַ גאַרגל,
דיין לעמל — א גאַרגל,
דיין אָקס — א גאַרגל,
דיין שוחט — א גאַרגל,
אלע, אלע האָבן **גאַרגלען —**
א גאַרגלדיקע וועלט!
גאַרגללאָזער גאָט!

דאָ קומט דייטש מיט א שארפער אָנקלאגע צו גאָט. ער איז א גאַרג־לאָזער גאָט. און א גאַרגלאָזער גאָט קאָן ניט דערזען און קאָן ניט דער־פילן דעם שוידער פון וועלטלעכן מארד, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט גע־פילט די שארף פון מעסער באם אייגענעם האלדז — און מאָטעס דייטש שרייט אויס אין פארצווייפלונג:

אוואו ביזטו גאָט, גאָט,
איך רוף צו דיר.
אוואו
אין מיר ?
זיצסט אין מיר
און זעעסט דורך מיין אויג?
דו ביזט אינעם אָקס
און שטאַרסט דורך דיין אויג?
דו ביזט אינעם שוחט
און שרעקסט מיט דיין אויג?

אה, געזאנג און תפילה און געזעץ,
מאָראל, תורה, קונסט און קולטור!
וואָס איז עס אזוינס?
מענטש! מענטש! מענטש!
אוואו ביזטו
איך זוך דיך.

טיף און מוראדיק רירט אָן דייטשן דער מענטשלעכער גורל, דאָס לעבן און דער טויט. כאָטש דייטש האָט ניט מורא פארן טויט. אויך דער טויט איז בא אים דער "פאני־טויט". עס איז בלויז א פראגע פון גערעכ־טיקייט, פון ראַציאָנאַלקייט, צי דאָס געהערט צו דער שטומער בהימה צי צו דעם האָמאָ סאפיענס. און אויב עס איז שוין יאָ אַזאַ וועלט, איז "פיניטאַ לא קאָמעדיא":

אַ געגנג שוין ארומגעפעסטיקט זיך אין א לופט פארמויערט,
אלץ וואָס ס'איז דאָ, דיין וועט אינם רוים מיט צייט פארדויערט.

בעסער לאָמיר אַ וועלטאויזון מאַכן — פאַרביק ווי אַ רעגנבויגן—
וואו אַלע וועלן מיר ארום אים זיך קאָנען וואַרעמען,
רוען, ווארטן קלוג און ניט ווי א דור הפלגה ליאַרמען —
דעם הימל האָבן מיר דאָך לאנג שוין צו דער ערד אראָפּגעצויגן...

אָ, גענוג ליכט! נעמט אוועק די איבערגעליכטיקסטע שיין!
אומאנטשיידן לאָזט די פראזע פון: יאָ אָדער ניט זיין.
בעסער לאָמיר אוועלט פאַרהאנג מאַכן—א שווארצע באלדאכינע.
זאָל זיין פינצטער! אלע וועגן פון זיך זאָל מען פארשטעלן.
סיי ווי סיי וועלן מיר קיינמאָל שוין ניט וויסן וואָס צ וועלן —
טאָ זאָל מען דעם פאָרהאנג פארציען—אָפּליידיקן די וועלט־בינע.

טויט, מענטש, סעקס, מאָרד, גאָט, בלוט און גורל — דאָס זענען די פּראָבלעמען וואָס זענען ווי אין א בינטל פארקנופּט אין דייטשעס דיכטונג. ער אליין האָט אין זיין ערשטן בוך "אין דעם לאַנד פון די יענקיס" אָרגאַניזירט די פּראָבלעמען בלויז אין א "קווארטעט":

פאַני טויט,
פאַני טעקס,
פאַני מענטש.
און פאַני לעסטער,—
האָבן זיך אימפּעדיק געוועט:
צו לויפן איבער די גרעסטע שטעט
און אויסגעפינען ווער פון זיי
איז דער בעסטער,
דער גרעסטער
און דער העכסטער.

שוין פון לאַנג אז זיי האָבן אויסגעפונען —
ווער, און וואָס, און ווען.
נאָר יעדער האַלט עס אונטער זיין פליגל
ווי א קוואָטשקע אין היי — פאר א סאָד.

אָבער אין זיין בוך "צווישן ימען און פלאַמען" רעדט ער וועגן "אכט פּאָעמען —אייביקע פּראָבלעמען". דייטש זעט ארום זיך אַכט פּראָבלעמען אין איינע פון די אַכט פּראָבלעמען, וואָס פאַרנעמען בא דייטשן א וויכטיקן פּלאץ (און ניט נאָר בא דייטשן, פארשטייט זיך) איז די אייביקע פּראָבלעמע פון סעקס. ווי יעדער פּאָעט, דיכטעט אויך דייטש וועגן דעם עמאָציאָנעלסטן אטריבוט פון דעם מענטשן — וועגן ליבע. דייטש איז אָבער ניט גענוג סענטימענטאל און איז צופיל רעזאָניאָר, אז ער זאָל אויפ־

נעמען די ליבע מאַטיוון בלויז מיטן האַרץ. ער אינטערפּרעטירט זי מער נאַטוראַליסטיש און אפילו פיזיאָלאָגיש און ס׳איז כמעט ניט פאַראַן בא אים קיין ליד, וואָס זאָל רעדן וועגן ליבע און וועגן ליבע פון האַרץ. א טרעפלעך ליד, וואָס באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם אין סימבאָלישן ליכט כמעט איז ״מאַנסבילישע ליבע״:

מיין צדקותדיק ווייב,
הער זיך איין מיט קאָפּ,
מיט האַרץ, און בלייב געלאַסן:
שטעל זיך פאָר, אז איך בין פּאַטריאַרך אברהם,
וואָס האָב דיך, מיין שרהן, מיט דיינע דינסטן
און דערצו נאָך — הגרן.

הער זיך איין מיט קאָפּ,
מיט האַרץ און וועלטלעכן שכל, —
בלייב געלאַסן, זיי נישט ושתי — המלכהדיק,
און הער אויף צו טופּען איבער טעפּיך.
וויז מיר ניט דיינע קליינע פיס;
זיי ניט קיין צעפּיענעטע, ציאַכמערטע שרה.
פאַרוואָר. איך האָב אין זיך דאָס בלוט פון דוד און שלמה,
די וואוילסטע מלכימלעך,
היינט דערנעמלעכער, געטלעכער אברהם טאַקע;—

איך האָב ניט ליב, מיין ווייב,
אז דו וועררסט גערעכט ווי זעליק פרויד
און קריגסט גאָר איפּערזוכט אויפן מאַן,
נאָך ערגער ווי גאַנץ תורת משה.
אברהם האָט זיך הפנים ניט געקענט געטן,
וואָרן בשעתו איז נאָך ניט געווען קיין סופר.
האָט ער געמוזט בידעווען פאַר שרהס וועגן
און פאַריאָגן האָגרן — ס׳ביסעלע פייער פון זיך.
מיר לעבן ניט אין אברהם׳ס ציטן,
קאָנסט טופּען ווייבעריש מיט דיינע שיך.
יאָ, מיין צדקותדיקע, זאָלסט פון דעם אויך וויסן זיין:
אונדזער אומפאַרשטענדעניש איז פּרוכפּעדיק אין אַלע ציטן,
דו ביזט גערעכט, נאָר פרויד איז אודאי גערעכטער:
יעדער מאַן איז אין געהיים אן אברהם,
און יעדע ווייב — עפּנטלעך — א שרה.
בלויז איין הגר בלייבט אויף אייביק — הגר;
די איינציקע אינעם דורשטיקן הייסן מדבר

פון די ביליאָנען אברהמס און שרהס.
זי איז איין לבנה צווישן מיליאָסן שטערן
איבער די קאַלטע, קריצנדיקע מדבר־זאַמדן,
איין זון, וואָס צעגליט אַלע איינגעדרעמלטע מדבר שטויבן.

אָבער דעם גרעסטן אַפּאָטעאָז וועגן דער אַלמעכטיקער קראַפט, וואָס דער אַלמעכטיקער ערשאַפט אין דעם מענטשן און אין דער חיה, דערגרייכט דייטש אין זיין פּאָעמע "פּליסיקער, פּיסיקער פּלאַם". אין דער דאָזיקער פּאָעמע קומט ער אַרויס מיט דעם ברוטאַלן נאַקעטן אמת וועגן דעם רינגל, וואָס פאַראייניקט מענטש און חיה אין איין קרובהשאַפט דורך דעם אַלמעכטיקן אינסטינקט, און פאַקטאָר, וואָס רופט זיך סעקס, וועגן דעם רינגל אין לעבן פון מענטש און חיה, וואָס ברענגט זיי ביידן ווי א צעזאַמענגעוואַקסענעם צווילינג צו דער שוועל פון גאָטס לאַבאָראַטאָריע. און דייטש איז ניט איבערקלייבעריש אין ווערטער, ווען ער דאַרף אַרויס־ברענגען דעם געדאַנק. די פיזיאָלאָגישע טערמינאָלאָגיע איז בא דייטשן כשר און מיחוסדיק, אפילו ווען די פּאָעמע איז געשריבן אין גייסט פון פילאָזאָפישער פּאָעזיע.

אָט דאָס איז עס — פּליסיקער, פּיסיקער פּלאַם:
וועלט גייסט, גאָט, באַשעפער, אָמניפּאָטענץ;
האָסט עס אַלעמען איינגעטיילט:
דער אינזעקט האָט עס, דער פיש,
די חיה און דער מענטש;
האָסט עס יעדן אָנגעהאָנגען איינציק צילוויליק
און עס ציט אונדז אַלע צו דער ערד אַראָפּ־צו, —
וואָס זאָל מען טאָן דערמיט מיטלדיק?
ס'איז אַלעמאָל, אַלעמען, אימערמאָל אין וועג.

דייטש מאָלט די חיות מיט זייער טרעפלעכע און אָפּט הומאָרפולע שטריכן:

מיט א פּנים פון א מקובל, א באַוואַקסענעם,
קוקט אויס דער אָראַנגאוטאַנג, צדקותדיק און פרומעריש;
ער דעקט זיך צו דעם נאַקן מיט א זאַק,
לייגט אים אויף די אַקסלען ווי א טלית
און שאָקלט זיך ווי אין תפילה־טאָן.

אָדער:

דער מיושבדיקער עלעפאַנט איז מפסיק פון זיין שטילקייט
און צעשרייבט זיך אין דער לופטן

מיט זיין פאַנטאַנפען־נאָז
פּאָנפּעוואַטע בריוולעך צו גאָט...

און ער פאַרגעסט ניט אָן גאָט, פאַרשטייט זיך, אין דעם פּאַני־גאָט זיינעם, ווען ער נעמט מיט אין דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן און ער ווייזט אים, וואָס פאַר אַ דעמאָקראַטישער גאָט ער איז — אײַנגעטיילט דאָס זעלבע געשאַנק צו דער חיה און צו דעם געקרוינטן פון זיין באַשאַף. אָבער ווי טראַגיש די קרובהשאַפט איז און ווי געטלעך, אין דער זעלבער צייט, איז דער ציל, דער זין פון דעם, וואָס שאַפט לעבן.

וועלטגייסט, גאָט, באַשעפער, אַמניפּאָטענץ,
פאַרחוזק ניט מיין פילאָזאָפישע געשטימטקייט,
מיר זענען דאָך אינטים, היימיש,
ווי נאָר אַ פּאָעט קאָן זיך עס דערלויבן —
אָפנהאַרציק, פראַנק און פריי און איבערגעגעבן,
בושהלאָז ווי מאַן און ווייב,
אַזוינע, וואָס האָבן זיך נאָך ליב
אין זייער סאַמע נאַקעטער נאַקעטקייט —
אין זייער לייב־תהומיקער אינטימקייט
פון וועלט־טעם מיט פליסיקן פלאַם.

דאָס אַלעס געזאָגטע פון דייטשן און וועגן דייטשן געהערט צו דעם צעשויבערטן, בונטאַרישן און שטורמדיקן דייטשן, וואָס גייט פון די אידישע לאַבירינטן צו די אייביק פּראָבלעמאַטישע לאַבירינטן, וואו עס הערשט מאָרד, טויט, שיקזאַל און חיהש־געטלעכע אינסטינקטן. עס זענען אָבער פאַראַן בא אים מאָמענטן פון דערהויבונג. די דערהויבונג קומט, ווען ער קומט אין באַרירונג מיט דער אַלמעכטיקער נאַטור, מיט וואַלד, מיט באַרג, מיט ים. עס איז ניט נאָר די מיסטישע קרעפטיקייט און טיפקייט פון ים, וואָס איבעראַשט אים און פילט אים אָן מיט פורכט. עס איז אויך דער קאָנטראַסט פון דער אומבאַהאָלפנקייט און נישטיקייט פון מענטש געגן דעם אַלמעכטיקן כח, וואָס איז שוין ניט דער אַבסטראַקטער גאָט, דער אַבסטראַקטער סימבאָל, — נאָר די מוראַדיקע, רעאַלע קראַפט, וואָס רעדט ניט, נאָר דרינגט אריין אין זיין געביין מיט אָן אומבאַגרייפלעכער מיסטישקייט, וואָס איז שטאַרקער פון דער לאָגיק פון מענטשעלע־מענטש־פּאָעט. דייטש רעדט וועגן ים, און צום ים. און רעדן רעדט ער, ווי ער וואָלט געפירט זיינע פערזן אויף מוזיקאַלישע, סימפאָנישע וועגן. לייענענדיק זיינע פּאָעמען וועגן ים, זעט מען, אַז דייטש גלייבט, אַז ס'איז מעגלעך צו נעמען אַ וואָרט־קאָמפּאָזיציע און פירן זי מיט די מעטאָדן פון אַ סימפאָנישער קאָמפּאָזיציע. דערפאַר ווידערהאָלט זיך בא אים אַזוי אָפט, אָפט שוין צו

אָפּט, דערזעלבער לייט מאָטיוו, ווי דער לייט מאָטיוו אין אַ סימפאָניש ווערק.

דער ים רעדט איין אייביקע פילאָזאָפיע
פון ברעג צו ברעג און פון טיפער מיט:
ש־ש־שאָבאש־ש־שאָ! טלאך־ד־ד־א טלאך־ד! ש־ש־שאָ! טלאך־ד
ווער קאָן מיט אַ פינגער אָפּטיילן אַ קרישקעלע פון גראניט
ווי מ׳מאַכט מיטן פינגער אין וואסער אַ שניט
פונדעסטוועגן קאָן קיינער ניט אונטערטעניק מאכן דעם ים.
איך! איך! שרייט דער שטורעם, שרייט דער דונער און דער בליץ.
איך! איך! שרייען קולות פון מענטש; איך — מענטש. שריי:
דער ים לערנט אונדז די חכמה פון דער גרעסטער מאכט.
ש־ש־אַ בא ש־ש־שאָ! טלאך־ד־ד־א טלאך־ד!

אָדער ווי אין דער ״ים־קאָנטשערטאָ״:

ממזרח שמש עד מבואו...
דער פעלז ברומט מיט וואסערפאָפשלאג
ווי אַ צעבייזערטער שטעלא אונטער פינגער.
און דער ים שרייט און שוימט
אין רעליגיעזן הויכן עקסטאַז:
וישתבח! ויתפאר! ויתרומם!

ארויף, ארויף־צו צו די הויכן —
דו! דו! דו!!
בענג! דו! בענג!
עס קלאַפּן גאַנגען אויף צעפויקטע כוואַליעס:
ממזרח שמש עד מבואו; דו! דו! דו!

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער דיזעלבע ווידערהאָלונגען פון דעם לייט מאָטיוו.

און דייטשן באפרידיקט ניט בלויז קונסט לשם קונסט. ער איז אויך אַ יעגער נאָך דעם וואָרט. און אין דעם ענין ״וואָרט״ וויל ער ווערן דער ווירטואָז. ער וויל ווי משה נאדיר, ווי לוצקי, ווי גלאַדשטיין ארײַנברענגען נייע ווערטער, נייע אויסדרוקן, ניט נאָר צוליב זיין אייגענעם פארגעניגן וועגן, נאָר אויך צוליב דער שפּראך אליין, צוליב דעם מאָדערנעם אידיש־לאנד, ניט אַלע דיכטער טראכטן וועגן דער שפּראך ווי וועגן אַ לעבעדיקן וועזן, ווי וועגן אַ פּענאָמען, וואָס לאָזט זיך בויגן און קנייטן און קולטיווירן. דייטש פארלאָזט זיך ניט אָבער אויף דער נאטירלעכער ענטוויקלונג פון דער אידישער שפּראך. זיין ליידנשאפט איז נאָכצויאָגן זיך נאָכן וואָרט,

דערטאפּן דעם שורש און אזוי מאַניפּולירן און עקספּערימענטירן מיט אים, ביז עס ווערט א שפּאָגל ניי וואָרט. נאַדיר האָט דאָס געטאָן, לוצקי האָט דאָס געטאָן, גלאַדשטיין האָט דאָס געטאָן — מיר דאַכט זיך אָבער, אַז די אַלע נייע ווערטער וועלכע זיי האָבן אויסגעפּורעמט פון אַלטע וואָרצלען, זענען ניט אַריין ניט אין דער פאַעטישער, ניט אין דער פּראָזאַאישער און ניט אין דער פאָלקס־שפּראַך. זיי זענען פארבליבן ווי קוריאָזן פון שפּראַך; אין בעסטן פאַל האָבן זיך אייניקע ווערטער דערשלאָגן צו פּראָמינענץ אין דער וואָקאַבולער פון וויציקע אָדער "סלענג" אויסדרוקן. אָבער אין איין פּאָעמע זיינער, האָט דייטש זייער געלונגען, מיט טרעפלעכער און חן'עוו־דיקער שפּילעוודיקייט, אויף א פּאַראַדיע־מעסיקן און פּאַרטרעטישן אופן געגעבן זיינע אויסדרוקפולע 'נאַדירעטן'. עס איז פאַר דייטשן א כישופדיק ווינקל די שפּראַך, פּאַרבערענגט ער דאָרט זיינע אַנגענעמסטע שטונדן און צוגלייך מיט אַזעלכע פּערזן ווי:

דו מיין אידישיסטישער וואָרטאַל!
מיט יעדן צייטלעכן שוידעראַל,
עפּנסטו אויף א נייעם פּאָרטאַל.
פונס אַלערשטן פונאַנדערפאַל.
ביזן לעצט־שייטערדיקן כף־הקל
טראָגסטו טרייסט צו מיר פון איבעראַל.

צוגלייך מיט דעם הערן מיר פון אים אין זיין טעכניש געלונגענער (סעפּטעטן־קלאַנג) "אָקטאָבערדיקן וואַלד", וואָס איז רייך ווי א מילגראַם מיט גראַמען און רייך ווי האַרבסט מיט פאַרבן — די שפּראַך פון עכטער דיכטונג:

אָקטאָבער, זומער ליגט געפאַלן בא דיין רייכער טיר,
ער שלאָפט אָן ריר — אָ פּאַרביק אות אויף בויגנס בלאַנק פּאַפּיר.
געזעטיקט ווי א שטיר, טראָגסטו זיין צייטיקייט אויף דיר;
דיין ציר: זומער'ס אָנגעפּראַצעוועטע רייכקייט פון פריער.
יאָ, גביר ביזטו. טאָ קאַסיר איין דאָס זשויב אלא באַנקיר
און טראַקטיר מיט א פּאָר לינדע טעג דער וועלט און מיר.
אָקטאָבער, זומער ליגט געפאַלן בא דיין רייכער טיר.

אָקטאָבער, גרין זענען נאָך די געשוירענע לאַנען,
איך ווייס ניט פון וואַנען די ביימער, קוסטן און שטאַמען
נעמט זיך צוזאַמען די שענקייט מיט טרויער ווי בא סעזאַנען.
האַרבסט פלאַמען — פאַרשטאָרבענער פליגל פאַטש פון פאַזאַנען
פאַנגט מיין שפּאַנען, וועקט דער צער פון גאָר נייע מאַראַנען.
אָקטאָבער, גרין זענען נאָך די געשוירענע לאַנען.

דייטש איז אין תוך נאציאָנאַליסטיש, פאָלקלאָריסטיש. ער האָט מוט, ער האָט שוואונג, און ער זאָגט שטענדיק זיין וואָרט, ניט אַלע מאָל קלאָר, ניט אַלע מאָל רואיק, אָבער אַלע מאָל מיט ערנסטקייט. און ווי ער זאָגט אין זיין ליד "שיקאַגער פּאָעט":

פּאַר איינעם איז ער א קויש מיט מילגרוימען, ראַזשינקעס און מאנדלען,
פּאַר א צווייטן—א פאנטאַסמאַגאָריע וואָס פארווירט צום וואנדלען.
פּאַר איינעם איז ער א צעברומטע טאָץ, א באראבאַן,
פּאַר אַ צווייטן — אַ פּאַרבאָרגענער, בייסיקער סאַטאַן.
פּאַר איינעם איז ער אַ שרעק — נאַכט מיט מאנסטערדיקע פלאָגן,
פּאַר א צווייטן — דאָס שאַריען אין האָריזאָנט אויף טאָגן.
פּאַר איינעם איז ער אַ גרילליק — פּאַרהאַמעוועטע ראָד,
פּאַר **א** צווייטן — אַ פּאַרביק־ריטמיש־שווינגענדיקער קאַראַהאָד.

* * *

נאָטיצן וועגן די דיכטער און שריפטשטעלער פון צווייטן באַנד "ליטעראַרישע זאַמלונגען"

לייב ניידוס
(1890—1918)

געבוירן אין גראָדנע, וואו זיינע עלטערן האָבן געוואוינט ציַיטווייליק. דערנאָך זענען זיינע עלטערן אַריבערגעפאָרן אין גוט קוסטין, ניט ווייט פון גראָדנע, וואָס איז געוואָרן זייער וואוינאָרט זינט 1870. זיין פאָטער האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט פאַבריקן און זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט. ביז 10 יאָר האָט ניידוס פאַרבראַכט אין דעם גוט. דערצויגן געוואָרן אונטער דער השגחה פון משכּילישן פאָטער, דער פיינפילנדיקער מוטער און דער גוטער אַלטער באָבעשי. די ערשטע אלגעמיינע און העברעאישע בילדונג באַקומען בא הויזלערער און אין א עלעמענטאַרער שול אין גראָדנע. צו עלף יאָר אָנגעקומען אין דער קאָמערץ שול אין ראָדעם, פון וואַנען אין 2 יאָר אַרום אַריבער אין דער קאָמערץ שול אין ביאַלאסטאָק. פאַר זיין אַנטייל אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באוועגונג 1905 אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער שול און ארום 1908 אָנגעקומען אין רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע, אָבער קיין איבעריקן חשק צו די לימודים ניט אַרויסגעוויזן. אין 1911, באַם ענדיקן די שול, אינגאַנצן אָפּגעגעבן זיך דער פּאָעזיע. געשריבן לידער אין רוסיש, אָבער זינט זיין דעביוט אין וואַרשעווער "ראמאַן־ציַיטונג" 1907, האָט ער זיך אַלץ מער אָפּגעגעבן דער אידישער ליטעראַטור. פאַרעפנטלעכט אָריגינעלע לידער און איבערזעצונגען אין פּרצעס "יידיש", א. רייזינס "דאָס נייע לאַנד", ש. ניגערס "דער יודישער וועלט" און אַנד. אין יאָר 1915 האָט ער אין יעקאַטערינאָסלאַוו אַרויסגעגעבן זיין ערשטן בוך לידער "ליריק". אין 1917 איז אין ווילנע אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון ז. רייזען ניידוסעס אַן איבערזעצונג פון פּושקינס מעשהלעך. אין 1917 האָט ער אַרויסגעגעבן אין גראָדנע אַ ליטעראַריש זמ"ה א"ט

"ניעמאַן". אין 1918 אַ קליינע זאַמלונג נאַטור לידער "די פלייט פון פאַן". בכלל איז ער אין די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן געווען זייער פּראָדוקטיוו און האָט אַ חוץ גאַנצע ציקלען לידער ווי "ליטווישע אראבעסקן, "אינטימע נגונים", "מיין פאָלק" א"א אויך זייער פיל געאַרבעט אויף איבערזעצונגען פון רוסישע און פראנצויזישע דיכטער. געשטאָרבן זייער יונג אין דעם עלטער פון 28 יאָר."

(פאַרקירצט—פון זלמן רייזענס "לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור".)

מ אַ ט ע ס ד י י ט ש
שיקאַגע

אַרויסגעגעבן די ביכער: "אינם לאַנד פון די יענקיס" (1935) — "צווישן ימען און פלאַמען" (1941) — "אליהו", נייע ווערסיע צו מענדלסאָנס אָראַטאָריע. — געווען הויפּט רעדאַקטאָר פון "מידוועסט־מעריב אַנטאָלאָגיע"און"בריקן". — באַטייליקט זיך אין די אָפּאַטאַשו־לייוויק "זאַמלביכער" — "אינזיך" — "צוקונפט" — "באָדן" — "יידישע קולטור" —"ליטעראַרישע בלעטער" — "המשך" — "שפיגל" — "שיקאגא" — "קוריער" — "האָמער" — "פרייהייט" — "אויפקום" — "יונג שיקאגא" — "אינאיינעם" און אַנד.

י. י. ס י ג אַ ל
מאָנטרעאָל—קאַנאַדע

אַרויסגעגעבן די לידער־ביכער: "פון מיין וועלט" (1919) — "באַזונדער" (1921) — "מיין שטוב און מיין שוועל" (1923) — "לידער פון י. י. סיגאל" (1926) — "ליריק" (1930) — "מיין ניגון" — (1934) — "די דריטע סעודה" (1937) — "דאָס הויז פון פשוטע" — (1941) — באַטייליקט זיך אין "צוקונפט" — "שריפטן" — "זאַמלביכער"— "ליטעראַרישע בלעטער" — "קעמפער" — "אינזיך" — א. אנ. רעדאַקטירט "ניואָנסן", "עפּאָכע", "רויערד" און רעדאַקטירט צוזאַמען מיט מלך ראַוויטשן די ליטעראַרישע זייט אין "קאַנדער אדלער" וואו ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער (פובליציסט און עסייאיסט).

אברהם ביק
ניו־יאָרק

אַרויסגעגעבן די ביכער: ״חזון התקופה״ (העברעאיש, 1937) — ״גרונט־פּרינציפּן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם״ (1938) — ״קעמפּפער און היטער״ (1940) — ״וועלט און היים״ (1941) — ״חסידות־מאָטיוון״ (1944) — מיטרעדאַקטאָר פון חודש־שריפט ״נייע לעבן״. — באַטייליקט זיך אין ״צוקונפט״ — ״המשך״ — ״יידישע קולטור״ — ״אידישער קעמפער״ — ״פרייע אַרבעטער שטימע״ — ״פּראָלעטאַרישער געדאַנק״ — ״הדואר״ און אַנד.

שלמה שווארץ
שיקאגע

אַרויסגעגעבן ביכער אין יידיש: ״בלוי מאָנטיק״ (1938) — ״אמעריקע״ (1940) — געווען מיטרעדאַקטאָר פון דער ״מיטדוועסט־מערב אַנטאָלאָגיע״ און פון די ״בריקן״. — באַטייליקט זיך אין ״אינזיך״ — יידישער קעמפער״ — ״שפיגל״ — ״די פעדער״ — ״אויפקום״ — ״שיקאגא״ — ״קוריער״ און אַנד. אין ענגליש באַטייליקט זיך אין אין די זשורנאַלן **"Chicago Jewish Forum"—"Voices"—"Poetry"** אַרויסגעגעבן די ביכער **"The Poet in Blue Minor" — "Preface To Maturity" — "Passages of Refuge".**

ב. גראבארד
שיקאגע

אַרויסגעגעבן אַ בוך קריטיק ״אַ פערטל יאָרהונדערט״ (1937) — באַטייליקט זיך אין די זשורנאַלן ״צוקונפט״ — ״די פעדער״ — ״אויפקום״ — ״ליטעראַרישע בלעטער״— ״שיקאגא״ און אויך אין פאַרשידענע פעדאַגאָגישע און שול־זשורנאַלן. רעדאַגירט צעזאַמען מיט משה לייב האַלפּערין ״דער אָטעם״.

מ. גיציס
שיקאגע

אַרויסגעגעבן די ביכער: "גלאָקן" (1926) — "נאָוועלן" (1932) — "די זון אין מזרח" (1936) — "בטחון" (1939) — "דער וועג צום באַרג" (1941). — באַטייליקט זיך אין די "ליטעראַרישע בלעטער" — אָפּאָטאָשאָר־לייוויק "זאַמלבי־כער" — "אינזיך" — "צוקונפט" — "יידישע קולטור" — "האַמער" — "אויפקום" — "די פעדער" — "בריקן" — "מעקסיקאַנער שריפטן" — העפטן" — "יידישער קעמפער" — "פרייע אַרבעטער שטימע" — "שיקאגא" — "מאָרגן פרייהייט" — "פילאדעלפיער אידישע וועלט" — "דער שפיגל" — "סיגנאַל" "קוריער" און אַנד.

פעסי הערשפעלד־פּאַמעראַנץ
שיקאגע

אַרויסגעגעבן די ביכער: "קאַרעלן" (1926) — "געקליבענע לידער (1931) — "רויטער טוי" (1939). — באַטייליקט זיך אין "נעבל" — "יוגנט" — "רעזאָנאַנס" — "יונג שיקאגא" — "בריקן" — מידוועסט־מערב אַנטאלאָגיע" — "אַנטאָ־לאָגיע פון אידישע דיכטערינס" — "קונדס" — "דער פריינט" — "די פעדער" — "פרייע אַרבעטער שטימע" — "פּראָלעטאַרישע שטימע" — "פרייהייט" — "ליטעראַרי־שע בלעטער" — "האַמער" — "באָדן" — "יידישער קעמ־פער" — "צוקונפט" און אַנד.

דוד בעקער
שיקאגע

שטודירט קונסט אין ווילנע, אין דער אַנטאָקאָלסקי קונסט שול (1910) — אין פּאַלעסטינער בצלאל קונסט שול (1912) — גראַווירט פאַר דער רומיינישער רעגירונג אין בוקא־רעשט (1913) — רעפּרעזענטירט מיט ראדירונגען אין דער נאַציאָנאַלער גאַלעריע פון קונסט אין וואַשינגטאָן — באַ־טייליקט זיך אין אויסשטעלונגען אין ירושלים, באַקארעשט און מיט אַ באַזונדערער אויסשטעלונג אין שיקאַגער "אַרט אינסטיטוט", וואו ער האָט געקראָגן פריזן פאַר די בילדער "דאָס ציגעלע פאָרט האַנדלען מיט ראָזשינקעס" און "דער בעל מקובל". רעפּראָדוקציעס פון די בילדער ווערן געגעבן אין דעמדאָזיקן באַנד.

אינהאַלט:

ל.ניידוס: לידער — — — — — — — — — — — — — — זייט 5

מאַטעס דייטש: לייב ניידוס (עסיי) — — — — — — — — — — — ״ 19

אברהם ביק: ירושה און טראַדיציע (עטיודן) — — — — — — — — ״ 53

י. י. סיגאַל: לידער — — — — — — — — — — — — — — ״ 27

שלמה שוואַרץ: פליגל און אות (פּאָעמע) — — — — — — — — ״ 75

מ. גיציס: אויף בלוטיקע וועגן (דערציילונג) — — — — — — — ״ 83

מאַטעס דייטש: לידער — — — — — — — — — — — — — ״ 137

פעסי הערשפּעלד־פּאַמעראַנץ: לידער — — — — — — — — — — ״ 187

ב. גראַבאַרד: יידישע מלחמה ליטעראַטור (פראַגמענט) — — — ״ 167

מ. גיציס: דריי דיכטער (אימפּרעסיעס) — — — — — — — — — ״ 197

דוד בעקער: (צייכנונגען) — — — — — — — — זייטן 3־26־52־136־166